STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02959

# IN VEG OYF TSURIK

D. Zakalik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד. זאַקאַליק

*

# אין וועג אויף צוריק

## ביכער פון זעלבן מחבר:

**איבערגאַנג**
(ראָמאַן) וואַרשע 1931

**חבר יאָזע בראַף**
(ראָמאַן) וואַרשע 1934

**געראַנגל**
(לובלין 1939 - 1943) פאַרלאַג י. ל. פרץ ת״א 1958

**מענטשן און גאַסן**
(דערציילונגען) פאַרלאַג י. ל. פרץ ת״א 1962

**אין שטורעם**
(ראָמאַן) פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום״ בוענאָס-איירעס 1963

**אין דער פרעמד**
(ראָמאַן) פאַרלאַג י. ל. פרץ ת״א 1968

אין עברית:

**בסערה**
הוצאת „המנורה״ ת״א 1974

**בנכר**
הוצאת „המנורה״ ת״א 1975

אַרויסגעגעבן מיט דער הילף
פון יידישן שרייבער-פאַראיין אין ישראל

ד. זאַקאַליק

# אין וועג אויף צוריק

ראָמאַן

פאַרלאַג „המנורה" תל-אביב
תשל"ה - 1975

D. ZAKALIK
In Weg Oif Tzurik

ד. זאַקאַליק / אין וועג אויף צוריק

פאַרלאַג „המנורה", רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"HAMENORA" PUBLISHING HOUSE, 24 ZANGWILL ST., TEL-AVIV, ISRAEL

נדפס בישראל תשל"ה
PRINTED IN ISRAEL 1975

סידור: משה חמיאל
הדפסה: „חבצלת", הרצליה

# פראַניען

ד. זאַקאַליק

# אינהאַלט:


9 צוויי ברידער קרויטמאַן
23 ניטשענקאָ
34 אויף שליאַכן און פעלדער
43 אַבראַשאַ
53 פּאַפּאַוו דער פּאַליטרוק
63 די קאַנטשאַפט מיט דער קוזניע
71 קאַזמאַטין
84 קאַטיאַ
96 אין פעלד מיט דער בריגאַדע
109 איוואַן
114 דיעד סוואַסלאַוו
121 בריגאַדע-מענטשן
128 גריגאָרי דער פּרעדסעדאַטעל
136 איוואַנאָווא דער אַגראָנאָם
140 מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ
146 טאַטיאַנאַ און פעדאָראַ
153 נאָך געסט — יידן
158 בויקאָ טאַנצט
166 קיזאַק-ציגל
174 אָלגאַ מאַטוועיעוונאַ
184 חבר גרישאַ סאַכאַראָוויטש
193 אַ בריק פון האָלץ
203 די „גאַספּאַדסטאַווקע״
211 שניי-בוראַן
217 די לובאַרטאָווער
231 דער וועג פון דער נאָענט
242 אין באַפרייטן לובלין
245 דאָס פּרץ-הויז אין לובלין

## צוויי ברידער קרויטמאַן

עס פאָרמירט זיך שוין דער לעצטער צוג, אַ זעקס וואַגאָנעס. די רעשט זעלנער פון פוילישן גאַרניזאָן וועלן אָפּפאָרן קיין איראַן. אָלעק איז אין זעלנערישן שינעל, אָבער ער ווייסט שוין, אַז ער איז נישטאָ אין דער רשימה.

דער הויפּט פון דער פעלדקיך, מיט זיינע פליישיקע הענט, אויסטאַטוירטע מיט צלמים, דערלאַנגט אים דעם באַפרייונג־שיין:

— אַ שאָד! אַ שאָד! אַזאַ געהילף ווי דו וועל איך שוין נישט האָבן — רעדט ער און אויף זיין העל־הויטיק פּנים גייט אויף אַ ראָזעווודיקייט. ער איז קענטלעך געקרענקט און צעטראָגן. ער באַמיט זיך נישט צו שטאַמלען — נישט אַלץ טוט זיך ווי עס ווילט זיך. מיין דעה ביי די שליפעס־לייט איז ווי אַן אַרבעס געוואָרפן אין דער וואַנט...

אָלעק שטייט פאַרטראָגן פון אַ געדאַנק: הלמאי פירט זיך מיט אים קאַפּויער ווי ס׳איז זיין באַגער? אויף זיין לענגלעך פּנים ליגט אַ שווערע מידקייט. ער פאַרמרושעט זיינע אויגן אויף דער ב׳לענדעניש פון דער צעגאָסענער זון.

קיינער איז נישטאָ בעת זיין געזעגענען זיך מיטן קוכער. דער קוכער איז נישט יוצא מיט האַלטן אָלעקס רעכטער האַנט. ער נעמט אָן אויך די לינקע. מיט דער צונג ווישט ער זיך די ליפּן. ער האָט נאָך עפּעס צו זאָגן. זיינע העלע אויגן זענען פול מיט רמזים:

— דער וועג מיטן גאַרניזאָן וואָלט דיך סיי ווי נישט געפירט אַהיים, ווי דו ווילסט, אָבער צו עסן צו דער זעט וואָלסטו יאָ געהאַט.

אַלעק שאָקלט מיטן קאָפּ — ער באַשטעטיקט.

דער קוכער קערט זיך אום מיט די פּלייצעס צו אַלעקן. ער גייט, אָבער ווי נישט זיכער אויף די פיס. ער שלעפּט זיי אין זיגזאַג. מיט אַ מאָל ווענדט ער זיך מיטן פּנים צו אַלעקן, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אין עפּעס. ער הייבט אויף ביידע הענט און רופט:

— פאַרגעס נישט, איך האָב דאָס נישט געוואָלט!...

אַלעק האָט אַן אָנווייזונג צו פאָרן קיין טשקאַלאָוו, די הויפּטשטאָט פון אוראַלער ראַיאָן. צו בלייבן אין אוזבעקיסטאַן — הס מלהזכיר! ער קען די קאַלכאָזן, די אוזבעקישע — „נאָן יאָק!"

— אין טשקאַלאָווער געגנט איז די ערד — אַ פעטער בויך...

אַזוי, דערמאָנט זיך אַלעק, האָט געלויבט דעם ראַיאָן דער ציגעלניע־אַרבעטער אין טאַשקענט, ביי וועמען ער האָט גענעכטיקט, אָבער צו וועמען פאָרן? — פרעגט אַלעק ביי זיך, און ער ענטפערט זיך: נישטאָ וואָס צו ריזיקירן. דאָ פרעמד, דאָרט אויף ס'ניי פרעמד... וועט ער פאָרן פון פרעמד צו פרעמד...

דער טייך אוראַל פאַלט אין קאַספּישן ים. דאָס איז די צפון־גרענעץ וואָס טיילט אָפּ אייראָפּע פון אַזיע — אַזוי אַרום קומט ער צוריק אין אייראָפּע און דערנעענטערט זיך צו זיין היים. דער אויספּיר מונטערט אים און גיט אים צו מוט.

דער צוג מיט די זעקס וואַגאָנעס וויקלט זיך ערטערווייז אין אַ האַלבן רונד — עלעהיי עפּעס אַ געשטאַלט מיט אַן אַרויסגעשטויסענעם בויך און גאווה.

אַלעק שטייט לעבן פענצטער. ער קוקט אין דער טיפער ווייטקייט, וואָס איז פאַרפלייצט מיט גראָקייט. ס'איז דער „גאַלאָדנאַיאַ סטעפּ" — הוילער מדבר. קיין שפּראָצל פון גרינס, די ערד איז צעפּלאַצט און די לעכער זעען אויס ווי אָפענע אויסגעקרימטע מיילער אין לעכצעניש נאָך אַ נאַסן טראָפּן.

דער לאָקאָמאָטיוו סאָפּעט שווער, לאָזט רויך מיט פונקען און ציט פאַרביי די פּוסטע מרחקים. די וואַגאָן־רעדער סקריפּען ווי אונטער אַ שווערער משא.

אַלעק איז נאָך פאַרטראַגן פון פריערדיקן געדאַנק: צי קאָן דער צוג נישט פאַרפאָרן צו זיין היים? אין דמיון קומען אויף פאַר אים די געשטאַלטן פון פרוי, קינד, שוועסטער און ברודער.

אַ קאַלטער שווייס שלאָגט אים אַרויס אויפן שטערן. ער וויל אָבער דאָך זיין רויִק. ער זעצט זיך, שפּאַרט אָן דעם קאָפּ אין דער וואַגאָנוואַנט און פאַרמאַכט די אויגן. ער וויל שלאָפן.

די טאָרמאָזן שפּאַרן די רעדער — אַ סימן אַז באַלד וועט זיין אַ סטאַציע. און אפשר וועט זיין אַ בופעט אין וואָקזאַל און ברויט צו קויפן? ער רייסט אויף די אויגן. ער שטעלט זיך אויף און קוקט דורכן אָפענעם פענצטער.

דער צוג שטעלט זיך.

אַ סטאַציע, אַ וואָקזאַל, אָבער אָן אַ בופעט.

בלויז געציילטע פּאַסאַזשירן שטייגן איין אין די וואַגאָנעס פון דעם צוג.

דער צוג רירט. אַ וואַגאָן שלעפּט אַ וואַגאָן. אַלעק זעצט זיך. ער וויל דאָך שלאָפן.

מיט אַ מאָל קומען אַריין אין קופּע פינף יונגען. זיי רופן זיך: טורעק, ריבניק, קראַוטשיק, קאַפּוסטניק מאַלי, קאַפּוסטניק דוזשי. זיי לאַכן.

אַלעק פאַרשטייט אַז די נעמען זייערע זענען פאַרפּוילישט, אַז זיי רופן זיך אַזוי אין שפּאַס.

טורעק איז הויכוואוקסיק, מיט אַ קאָפּ האָר שוואַרצע, טונקלהויטיק, זעט אויס ווי אַ מאַדזיאַר. זיינע נוסאויגן זענען שוואַרץ ווי אויספּאַלירט מיט אַ סאַמעט־גלאַנץ. ער האָט אַ ברייט מויל און שמאָלע ליפּן, רויטע, ווי געשמינקעט מיט אַ ספּעציעלן שטיפט. אין זיין שמייכל איז דאָ עפּעס פון קאָקעטעריע: פון פאַך איז ער אַ פריזירער. ער שפּילט אויף אַ מאַנדאָלינע. ער קען עטלעכע מאַגישע קונצשטיקלעך — „האָקוס־פּאָקוס".

זינט ער איז אין דער גרופּע ווייזט ער די קונצשטיקלעך, כדי צו פאַר־טרייבן די צייט און צו פאַרגעסן אין עסן.

לעאָן און באָלעק קרויטמאַן, ווען די חברה האָבן פאַרפוילישט אויף קאַפּוסטניק — מאַלי און דזשי, זענען צווי ברידער — אַ צווילינג. ביידע פון איין הייך, ביידע מיט ברייטע מיילער, בייביידן זענען די אויגן פון אַש־קאָליר, ביידע האָבן זיי איינגעפאַלענע גאָמבעס, און הויכע קינבאַקן און ביידע האָבן זיי געלערנט אין איין גימנאַזיע. זיי זענען ספּעציאַליסטן אין צייכענען, גראַפיקער, געוועזענע מיטגלידער אין מכבי־קלוב, אין זש.ט.ק. — געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענטעניש. דאָך איז באָלעק פּיפּיקער פון לעאָנען, ער איז לעאָנס אַפּוטרופּוס. אין דער נאַכט פון 6טן סעפּטעמבער 1939 זענען זיי צוזאַמען מיט טויזנטער געלאָפן פון וואַרשע. זיי זענען געווען אין בריסק, אין לעמבערג און פון דאָרט, צוזאַמען מיט אַ משפּחה, ביי וועלכער זיי האָבן געהאַט זייערע געלעגערס, פאַרשיקט געוואָרן. זיי האָבן געאַרבעט אין וועלדער, געשיילט די קאָרע פון קלע־צער. דאָרט איז גאָר לעאָן געווען מער אויסהאַלטעוודיקער ווי באָלעק, דער געהאַרטעוועטער ספּאָרטלער. זיי זענען געווען אין גוזאַר. געוואָלט זיך מאָביליזירן אין דער פּוילישער אַרמיי און ווי אַ סך יידן — נישט אָנערקענט געוואָרן פאַר פעיִק צו מיליטער־דינסט.

זינט די חברה איז אַריין אין דער קופּע שטייט באָלעק קרויטמאַן, ווי אויף הייסע קוילן. ער רעדט און האָט טענות וואָס די אַנדערע לאָזן אים נישט זיך אויסרעדן. מיט איין מאָל רופט ער אויס:

— חברה, לאָמיר זיך איינרעדן אַז דער לאָקאָמאָטיוו־פירער איז זיך טועה און ער פּאַטשט מיטן צוג אַריבער די גרענעץ, נישט ווייט פון אונדזער היים!...

ער אַליין לאַכט, און עס אַרט אים נישט וואָס קיין איינער פון דער גרופּע לאַכט נישט.

*

נחום, ווען די חברה האָבן זיין נאָמען פישמאַן פאַרפוילישט אויף ריבניק, איז הויכוווקסיק און דאַר ווי אַ שפּאַן. זיין לאַנג הירשן־פּנים איז

געדיכט באַלייגט מיט געלע זומער־שפּרענקעלעך. ער איז אַ געלער, האָט קיילעכדיקע אויגן ווי אַ סאָווע, האָט גרויסע אויערן און אַ ברייט מויל מיט גרויסע ציינער. ער אַליין באַצייכנט זיי ווי לאָפּאַטעס. אים געפעלט שלום עליכמס מאָטל פּייסי דעם חזנס, זאָגט ער אויף זיך, אַז ער איז עס. ער איז געווען אַ קיילעכדיקער יתום. אים האָט דערצויגן זיין מומע יענטעלע. זי האָט געהאַט אַ כראָנישן שלוקערץ. זי פלעגט אים פירן אין חדר און אָפּנעמען. אין וועג, צווישן איין מאָל אָפּשלוקערצן און דעם צווייטן, פלעגט זי אים אויסרעכענען זיין יחוס: אַ קינד פון גבירים, דיסטריבוטניקעס. פון טאַטנס צד האָבן אַלע מאַנצבילן געהאַט גרויסע בייכער. שיינע יידן. פון דער מאַמעס צד האָבן אַלע ווייבער געהאַט גוידערס. בכן, האָט זי אים אָפּגעהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, חלילה נישט צו פאַרשוועכן דעם כבוד פון זיין טאַטע־מאַמע. ער איז דאָך דער איינ־ציקער קדיש. מאַכט זיך: די מומע יענטעלע גליטשט זיך אויס און זי שלעפּט אים מיט. דער מומען איז אַראָפּגעפאַלן דער טשעפּיק. אַ צעטר־מלטע פון חרפּה איז זי געשטאַנען און נישט געוווסט ווי אַזוי צוריק אָנצוטאָן דעם טשעפּיק, און ער איז געשטאַנען מיט אַ לאָך אין קאָפּ. די מומע האָט דאָס דערזען, האָט זי זיך צעשריען: ער טוט איר אויף צו להכעיס. זיין טאַטע־מאַמע וועלן איר נישט מוחל זיין דעם בזיון... אַלע שכנים האָבן אים געגלעט איבערן קעפּל, געטרייסט, אַז דער לאָך האָט געקאָנט זיין גרעסער. פון דאַן אָן היט ער זיך נישט צו פאַלן אויף שפּי־ציקע שטיינער...

נחום איז אַ מילנער־איידעם. ער פשטלט זיך אין פּאָליטיק. ער זאָגט: ווען ער וואָלט פאַר דער חתונה געהאַט דעם היינטיקן שכל, וואָלט ער נישט געווען קיין פּאָלקיסט, נאָר אַ ציוני. ער וואָלט נישט געווען דאָ, נישט געעטעמט מיט פּחד, אַז פאַר זאָגן דעם אמת יושבנט מען איין. ער איז געלאָפן זיך אַרייַנכאַפּן אין די ווייסרוסישע געביטן, נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן געכאַפּט זיין שכן, הערש־בערן, אויף אַרבעט און דער הערש־בער איז אַהיימגעקומען אַ צעבלוטיקטער, כמעט אויס מענטש. דאַן האָט חיהלע, זיין ווייבל, אים צוגערעדט ער זאָל גיין און מצליח זיין. איז ער געגאַנגען און נישט מצליח געווען.

זינט נחום איז אָנגעקומען אין די געביטן פירט ער נישט קיין דיס־קוסיעס. ער האָט זיך זיין נוסח פון רעדן: „די סאָוויעטישע מענטשן זענען אמתע צדיקים — מסתפקים במעט מן המעט, זיי זענען מקפיד נישט הנאה צו האָבן פון עולם הזה... זיי אַרבעטן אויף לעתיד לבוא"...

נחום טראָגט אַ פופייקע — אַ לאַטע אויף אַ לאַטע. יעדע לאַטע פון אַן אַנדערער קאָליר. דאָס מלבוש נעמט ער מיט ווי אַן עדות פון זיין לעבן — אין „שווילטאָג".

דער צוג האַלט נישט קיין גלייכמעסיקן טעמפּאָ: מינוטן פּאַרקלע־נערט ער דעם לויף, און ווי אָפּגערוט זיך, גיט ער זיך ווידער אַ ריס, לויפט שנעל ווי ווילד, קלאַפּט האַסטיקער.

מיט איין מאָל רייסט זיך נחום אָפּ פון אָרט:

— חברה! — רופט ער — שוין געננוג באַהערשט דעם יצר־האכילה! ס'איז פאַראַן אַ הייפטל קרויט, וואַרט אויף תיקון! טורעק! נעם מאַך צו רעכט דאָס הייפטל קרויט!

— פון די קרויטבלעטער ווילסטו זאַט ווערן? — קרימט זיך באַלעק קרויטמאַן.

טורעק נעמט דאָס הייפּטל קרויט, טיילט אָפּ די בלעטער און מעסט זיי אויס, צי אַלע זענען פון איין גרויס, צו אַ קלענערס לייגט ער צו אַ באַזונדער שטיקל אַ צוגאָב.

— חברה! אַז כ'זע ווי דער „אָדון" הונגער ליגט אייך אויף די שפּיץ נעז — זע איך זיך, און האָב רחמנות אויף זיך — צערעדט זיך נחום — איך, מענדל מילנערס איידעם, האָב וואַגאָנעס מיט מעל געשיקט, טויזנ־טער האָבן געהאַט צו באַקן ברויט, צו פאַרקנעטן לאָקשן, באַקן לעקעך, קיי איצט קרויט און נעם זיך אין דמיון אַ קעלבערנעם שניצל...

די ברידער קרויטמאַן שאָקלען זיך לויטן טרייסלען פון וואַגאָן.

פּלוצעם צעשרייט זיך משה:

— היינט דאַרף זיין שבועות!

— שבועות דיר אין קאָפּ! — בייזערט זיך טורעק.

משה רעדט מיט אַ פאַרטראַכט קול:

— בלינצעס זענען מיר געקומען אין דמיון. בלינצעס מיט קעז פלעגט מיין מאַמע מאַכן צו שבועות.

*

משה שניידער, כשמו כן הוא. פון פאַך אַ שניידער. זיין טאַטע און דעם טאַטנס טאַטע זענען געווען שניידערס. אים האָט געצויגן צו מאָלע־ריי. ער האָט געצייכנט דעם געזעל בעת ער סטריגעוועט אויס אַ קלאַפּע. דעם טאַטן בעתן צעבלאָזן ס׳פּרעסאייזן. ער איז דער ייִנגסטער אין דער גרופּע. זיינע גראָע אויגן זענען פול מיט פאַרבענקטקייט. אַ דערוואַקסן קינד, נאָך נישט באַוויזן צו געניסן פון עפּעס גוטס, און מוז שוין אויס־שטיין אַ וועלט מיט פּיין. ער איז היכווּקסיק — איבערגעוואָקסן די יאָרן זיינע. די באַקן זענען ביי אים איינגעפאַלן, קומט זיין קין אויס ברייטער. אַ פאַרקלעמטער צער איז אים איינגעגעסן אין די מוילווינקלען.

משהס פאָרן קיין טשקאַלאָוו מיט די חברים איז אַ צופאַל. דער עשאַ־לאָן קיין טורטקול האָט זיך געשטעלט איבערצוואַרטן אַן אַנטקעגנלויפּנ־דיקן צוג, איז ער מיט די חברים אַראָפּ, אַריין אין שטעטל און גלייך צום מאַרקפּלאַץ, געזוכט ברויט און נישט געטראָפן, דערזען אַ כאָזאַיקע מיט אַ קרענצל ציבעלעס און אַ הייפּטל קרויט, האָבן זיי געקויפט דאָס הייפּטל קרויט. זיי קומען צוריק צום וואָקזאַל — איז שוין דער עשאַלאָן־צוג אַוועק.

קומט אָן דער צוג קיין טשקאַלאָוו — כאַפּן זיי זיך אַרויף, אַבי ווייטער.

דער צוג רייסט איצט מיט אַ שטאַרקן אימפּעט, לויפט פאַרביי קליינע סטאַנציעס, וועקסלשטעלערס פאָכען מיט די פענדלעך, אַז דער וועג איז פריי.

אָלעק דערזעט ווי לעאָן קרויטמאַן קוקט זיך איין אין אַ שפּיגעלע און ביים שפּיגעלע איז פאַראַן אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ שיינהייט. די פאָטאָ־גראַפיע האָט ווי אַ בליץ געטאָן אין אָלעקס בליק. דאָס פּנים פון דעם פריילין מאַרצעלאַ — די שכנטע איבער זיין וווינונג. זי איז אַוועק פון ביאַליסטאָק, כדי צוריקצוקומען מיט זיין רחלען און מיטן קינד. זי האָט פאַר אים נישט דערמאָנט, אַז זי האָט אַ נאָענטן. ער נעמט פון לעאָנען דאָס שפּיגעלע און די האַנט ציטערט אים.

לעאָן האָט עפּעס מורא. ער וויל שוין צוריק דאָס שפּיגעלע.

— ווען האָט די פרײלין דיר דאָס געגעבן?

— דײַן עסק?

— אַ שכנטע. ס׳לעצטע מאָל זי געזען אין ביאַליסטאָק.

— זי לעבט? מאַרצעלאַ לעבט! — רופט לעאָן צום ברודער. ער כאַפּט דאָס שפּיגעלע, קושט די פאָטאָגראַפיע איין מאָל און נאָך אַ מאָל. ער וויל אַלעק זאָל אים דערציילן וועגן מאַרצעלאַ.

דער אָוונט טונקלט זיך, פאַרציט זיך אויף די פענצטער־שויבן. אין וואַגאָן־סופיט, ווו ס׳איז געווען אַ לעמפּל, איז געבליבן אַ ליידיקע פאַסונג. די נאַכט טראָגט מיט זיך אַ מאַגנעט פון אומעט. די טונקלקייט לייגט זיך ווי מיט אַ בלײַערנער שווערקייט אויף די אויגן־לעפּלעך. נחום שווײַגט, ער דרעמלט. אויך אַלעק גיט זיך נאָך דעם וויגן פון וואַגאָן. ער פילט נישט אַז זײַן קאָפּ איז אָנגעלענט אויף משהס אַקסל.

ס׳איז שטיל אין וואַגאָן. מען הערט נאָר ווי די ברידער קרויטמאַן עטעמען מיט אָפענע מײַלער.

באַגינען. דער הימל וויקלט פון זיך דעם שאַרן נעפּל. פּיאַלעט־קאָלירן שטרייפן זיך ווי אַ זוים. דער צוג איז נאָך אַלץ אין האַסטיקן לויף, נאָך נישט דערפאָרן צו טשקאַלאָוו.

אַלעק איז שוין וואַך, אָבער ער ווישט זיך נאָך דעם שלאָף פון די אויגן. עפּעס דאַכט זיך אים, אַז דער צוג איז אָן אַ פירער. דער לאָקאָמאָטיוו גיט נישט קיין צייכן פון דערנענטערן זיך צו אַ סטאַנציע. ער זעט אין דער פענצטערשויב ווי דאָס נישט ראַזירן זיך האָט פאַרשוואַרצט זײַן פּנים. דאָס פאָרן איז ווי אַן אומענדלעכקייט.

טורעק פילט שוין דעם אָטעם פון טאָג, אָבער ער רוקט אַראָפּ דאָס היטל איבער די אויגן — נאָך אַ קאַפּעטשקע שלאָף.

די ברידער קרויטמאַן זענען שוין אויך וואַך, אָבער פאַרטשמאַיעט. נחום און משה זענען מיט איין מאָל מונטער געוואָרן. נחומען טראָגט דער אימפּעט פון רעדן. ער דערציילט וועגן דעם שווערס מעלמיל. ער האָט דאָס שוין נישט איין מאָל דערציילט. אים איז די מעלמיל ווי אַ נר־

תמיד אין זכרון. דאָס שילדערן די מעלמיל ווידער און ווידער העלפט אים אויסצוויקלען זיך פון בענקען.

מיט איין מאָל פאַלט דער אימפעט פון לאָקאָמאָטיוו. ער האָט אויסגעדעכעט די פאַרע און שוין שטייט ער פאַרן וואָקזאַל פון טשקאַלאָוו...

✶

דער וואָקזאַל־בנין אין טשקאַלאָוו איז ברייט און לאַנג. איבער דער רעפלעקטאָרן־נעץ און אין שפּיץ פון בנין הענגען די בילדער פון די פירער פון ראַטן־פאַרבאַנד. דער אויסזען דערמאָנט אַלעקן אין דעם וואָקזאַל־בנין אין ביאַליסטאָק, און דאָך איז דאָ דער אָטעם אַן אַנדערער. אָנגעפּוישט מיט סודות. דער ריח פון מלחמה־פּולווער שלאָגט פון אַלע ווינקלען.

אַלעק ציט צום מאַרקפּלאַץ. אַלע פון דער גרופּע גייען מיט אים. ציען פון גאַס אין גאַס, פאַרביי שורות ווייס־געקאַלכטע הייזער. טיר און פענצטער זענען פאַרקלאַפּט. עס זענען שוין די אַרבעט־שעהען. אין צענטער פון דער שטאָט — אַ הייטערער אימפעט: מענער, פרויען, יוגנט, קינדער מיט מאַמעס און אַן מאַמעס; ווער עס איילט זיך צו דער אַרבעט, ווער צו שטעלן זיך אין דער ריי צום אַריינגיין אין מאַגאַזין. עס דערמאָנט אין וואַרשע, אָבער דער אימפעט דאָ איז אַן אַנדערער. די טרייבקראַפט — פּחד...

דורך פיר טויערן, פון אַלע זייטן שטאָט, קומט מען אויפן מאַרק. אַ קוואַדראַט־שטח אַרומגעצוימט מיט שטאַכייטן. שורות ביידלעך און אָפענע שטעלעכלעך אין איין טייל פונעם מאַרקפּלאַץ. אַ רעש און זשומעריי. דאָ רופט נישט דער פאַרקויפער צו קויפן נאָר ביי אים. ביי אַלע שטעלן און אין אַלע ביידלעך — אַ המון קונים. דער עיקר סחורה: מילכוואַרג, קעז און סמעטענע. ביי די אָפענע שטעלן: געבריטע ריבן, מייערן. עס שטייען קאַלכאָזניקעס מיט אַרבע־וועגענער און אויף די הענט אָנגעהאָנגען קרענצלעך ציבעלעס. ביי טייל אין די וועגענער איז פאַראַן אַ האַלב זעקל ווייץ, אָדער קאָרן. אַ באַזונדער ווינקל איז פאַראַן פאַר אַלטע זאַכן. אויפן ברוק איז אויסגעלייגט: אַ צעשניטן ליילעך, אַ פּאָר האַנטעכער, אַ וועקזייגער,

אַ מאַשינקע צו מאָלן פֿלייש, אַן אַלטע קופּערנע קוואַרט. אַנדערע האָבן אויסגעלייגט עטלעכע שערן, מעסערס, טעפּלעך, שיסלען. מען שטייט אויך מיט אַן אַלטער קליאַמקע, אַ נאַפֿטמאַשינקע, אַ נאַכטלאָמפּ. אַנדערע דרייען זיך מיט אַלט וועשוואַרג: אַ העמדל, אַ ציכל, גאַטקעס, אָדער אַ פּאָר הויזן, אַ פּאָר ווילעקעס, אַלטע קאַלאָשן, אַ היטל אויף ווינטער.

ברויט?

ברויט אויף קאַרטאָטשקעס.

פּאַרט איינער אַן מיט צוויי קאַנען מאַראַזשענע, רינגלט אים אַרום אַ קרענצל בעלנים ווי פֿליגן אויף האָניק. באַווייזט זיך אַ פֿרוי מיט אַ זעקעלע באַניקערן און מעסט מיט אַ גלאָז, רינגלען זי אַרום אַלט און יונג, הענט שטופּן איר רובלעס. זי איז יושרדיק — קיין איינעם נישט מער ווי איין גלאָז.

ווידער פֿרעגט אַלעק אויף ברויט און מען קנייטשט מיט דער נאָז, ווי ער וואָלט פֿרעגן וועגן אַ פֿריקרע זאַך...

גייט אַלעק און קוקט יעדערן פֿאַרבייגייער אויף די הענט, אויף דעם קלימעקל וואָס ער טראָגט. ער קוקט אין פּנים, קוקט אין די אויגן, וויל דערכאַפּן אַ ווונק. דערזעט אַלעק אַ הויכוווקסיקן, שטייף אין גיין. ער האַלט אַ שטייגל און אין שטייגל אַ קאַנאַריק. ער ווינקט צו אַלעקן צו גיין פֿאָרויס. גייט אַלעק ביי דער זייט, ער זאָל אים נישט אַוועקקומען. דער מענטש מיטן קאַנאַריק שטעלט זיך הינטער אַ ביידל, וואָס איז פֿאַרמאַכט. ער האָט ברויט. וויל אָבער דער מענטש אַ הויכן פּרייז און אַלעק האָט נישט אַזוי פֿיל רובלעס. דער אָנביטער שטייט נישט לאַנג. ער רעדט עפּעס אַריין צום קאַנאַריק און כהרף־עין קומט ער אַלעקן אַוועק.

פֿאַר אַלע טויערן דרייען זיך טשקאַלאָווער בירגער. זיי האָבן נישט גאָרנישט אין די הענט, אָבער זיי האַנדלען מיט עפּעס, אָבער אַלעק ווייסט נישט וואָס זיי ביטן אָן.

פֿאַר איין טויער טרעפֿט אַלעק נחומען און די ברידער קרויטמאַן. ער דערציילט זיי וועגן דעם מענטש מיטן קאַנאַריק. די ברידער קרויטמאַן זענען גרייט צו קויפֿן פֿאַר יעדן פּרייז. ער לויפֿט מיט זיי זוכן דעם מענטש מיטן קאַנאַריק. דער מענטש איז נישטאָ.

ביים מזרח־טויער טרעפט שוין אַלעק אויך טורעקן און משהן — אויך זיי מיט ליידיקע הענט. זיי זענען שוין ווידער צוזאַמען און באַשליסן זיך צו ווענדן אין דער ווערבירונג־ביוראָ, זוכן אַרבעט. זיי האָבן זיך קוים דערפרעגט ווו דאָס איז:

— אין בנין פֿון דער נ.ק.וו.ד. — ווייזט ווער אָן.

אַלעק, דערהערנדיק ס'דערמאָנען די פיר אותיות, דערפילט ער, אַז די הויט רינצלט זיך אים. עס דערמאָנט אים אין ביאַליסטאָק, אין בעקערס פאַבריק, אין לאַגער ביים שוואַרצן טייכל.

נחום באַצט אַרויס אין קוראַזש און ער שטעלט זיך נישט אָפּ אין גיין.

דאָס הויז פון דער ענקאַוועדע איז ברייט, מיט ברייטע טרעפּ. די געגלאָזטע טירן, הגם זיי דרייען זיך נישט, זענען דאָך אין אַן אומאויפהערלעכער באַוועגונג. מענטשן גייען אַריין און אַרויס. טורעק איז ווי פאַרשוווּנדן. ער איז אַוועק זוכן אַ פריזורע און נישט לאַנג גע־זוימט. ער איז דאָ צוריק, צעפלאָשעט די טשופרינע, רעדט מיט אַ ברוגז־דיקן טאָן:

— אַ ווילדן נעמט מען נישט אָן. אַן אָנווייזונג דאַרף מען.

— אפשר נישט געגוג פאַכמאַן? — פרעגט אַלעק.

טורעק איז געפאַלן אין זיין אַמביציע צוליבן נישט אָננעמען אים אין דעם פריזירער־אַרטעל. אויך ער באַשטייט, אַז נחום זאָל אַריינגיין און רעדן פאַר אַלע.

נחום איז פלינק און מיט אַ שפרונג אַריין רעדן ביי דער ענקאַוועדע. ער האָט לאַנג נישט געזוימט. ווען ער איז אַרויס, האָט ער געלאַכט אַ ביטער געלעכטער. נישט קיין אַרבעט, נישט קיין טאַלאָנען אויף ברויט. בלויז אַן אַדרעס פון דער לעגאַטור פאַר בירגער פון פוילן.

אַלעק ווערט אָפּטימיסטיש. ער געפינט איין, אַז ראַטן־פאַרבאַנד וויל אים שוין נישט פאַר אַ בירגער. די לעגאַטור איז אַ פונקט פאַר בירגער פון פוילן, ווי די שטעלונג פון דעלעגאַט זאָל נישט זיין צו יידן — דאָך זיין פוילישע בירגערשאַפט וועט ער נישט פאַרלייקענען.

דער אַריינגאַנג אין דער לעגאַטור געפעלט נישט טורעקן: אַ שמאַ־לער קאָרידאָר און שמאָלע טרעפּ. דאָס רופט נישט אַרויס קיין כבוד. ער האָט זיך גערעכנט אויף מער קאָמפאָרט. ווען נישט דאָס שילדל, וואָלט ער נישט געגלייבט, אַז דאָ איז די ביוראָ פון אַ לאַנד־דעלעגאַט. אויך לעאָן און אַלעק וווּנדערן זיך וואָס זיי זענען נישט קיין אינטערעסאַנטן. אפשר איז איצט נישט די אַמטירונג־צייט?

דאָך פילן זיי זיך היימיש, באַשליסן זיי אַריינצוגיין אַלע צוזאַמען. ס׳איז אַ קליינער צימער, און מיט זיי זעקס ווערט עס פול. ס׳איז נישט קיין ענגשאַפט, דאָך איז נישטאָ ווו אַ טריט צו שטעלן, אָבער זיי ברענגען מיט זיך אַ שפּאַר ביסל רעש.

אַ בלאָנדהאָריקע, נידעריק־וווּקסיקע און הויכברוסטיקע, קומט אַריין פון אַ צימער, ווו אַ שילדל אויף דער טיר מיט אַן אויפשריפט: „מען בעט וואַרטן״. די בלאָנדהאָריקע האָט אַ יונג פּנים. זי דערזעט דאָס צימער איז פול מיט אינטערעסאַנטן, צעעפנט זי ברייט די העל־בלאָע אויגן. זי דרייט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך עפּעס אַן אָנגעשטרענגט־קייט. זי שטעלט זיך פאָר — יאַנינאַ, סעקרעטאַרין פון דער לעגאַטור. זי פרעגט צי אַלע זעקס זענען וועגן איין ענין, און ווען זענען זיי געקומען?

— באַפרייטע פון לאַגער און פון גוזאַר — זאָגט אַלעק, כדי צו זיין אַ פינקטלעכער. ער באַמיט זיך, אַז זיין שטים זאָל קלינגען ווייך.

— פון ווען זענט איר אין טשקאַלאָוו?

— פון היינט, פון פּאָר עטלעכע שעה — ענטפערט באַלעק.

— די פּאָר שעה פאַרברענגט אויפן מאַרקפּלאַץ? — פרעגט יאַנינאַ, אָבער אָן פאָרוואורף, נאָר בלויז אַן אָנדייטונג, אַז זי איז אָריענטירט — נישט וויכטיק! באמת נישט וויכטיק! — גיט זי צו.

— דווקא יאָ וויכטיק! — זאָגט אַלעק — איז דען דאָ ווו אַנדערש צו זוכן ברויט, אויב נישט אויפן מאַרק?... — אָבער נישט געקריגן. מיר מיינען צו קריגן ברויט־טאַלאָנען.

יאַנינאַן זענען די באַקן פאַרלאָפן מיט אַ ראָזעווודיקייט:

— יאָ, ברויט איז נישט אַבי וואָס... — זאָגט זי און פאַרענדיקט נישט איר רעדן. ווי זיך דערמאָנט אין עפּעס, רייסט זי זיך אָפּ פון אָרט און גייט

אַריין אין צימער פון וואַנען זי איז געקומען, נאָר אַ פּאָר מינוט איז יאַ־נינאַ אין צווייטן צימער. זי קומט צוריק מיט ליידיקע הענט, און טאַלאַנען:

— דער דעלעגאַט איז נישטאָ אין ביוראָ — דערקלערט זי.

מיינט אַלעק, אַז טאַלאַנען אויף ברויט זענען ביים דעלעגאַט:

— איז לאַנג צו וואַרטן אויף זיין קומען? — פרעגט אַלעק.

— היינט איז דער באַגריף פון צייט רעלאַטיוו — זאָגט יאַנינאַ. עס פאַרבינדט זיך אַ שמועס. יאַנינאַ דערציילט, אַז זי האָט געלערנט אין וואַרשע. מיטן אויסברוך פון דער מלחמה איז זי אַוועק אַהיים צו די עלטערן אויף די קרעסן. די רויטע אַרמיי איז אַריין אין די געביטן. אין אַ פינצטערער נאַכט זענען געקומען אין זייער אייגן הויז עטלעכע מיליציאָנערן, מיט רויטע בענדער אויף די אָרעמס, דערקלערט די עלטערן, אַז זיי זאָלן זיך נעמען וואָס זיי ווילן, זיי האָבן צו פאָרן אַ ווייטן וועג. איינער פון די מיליציאָנערן איז געווען אירס אַ שול־חבר. ער האָט קיין מאָל קיין בייזן הינט אַפילו נישט געשלאָגן. דאָס מאָל איז ער עפּעס אויס מענטש געוואָרן. מיט כוח זי צוגעפירט צום וואָגן און מיטגעשיקט זי מיט די עלטערן. צוויי טעג האָט דער צוג זיי געפירט.

— אונדז האָט געשלעפּט אַ באַרקע — זאָגט אַלעק.

— מיר ווייסן, אַז ווען נישט דער שיקאָרסקי־אָפּמאַך, וואָלט צו אונדז געווען אָך און ווי! — זאָגט יאַנינאַ און אירע צעעפנטע אויגן זענען אין וואַסער־גלאַנץ.

אויף עפּעס אַ טעמפּן זשום, ווי פון אַ בין, וואָס קומט פון אונטערן טיש, שטעלט זיך יאַנינאַ אויף. זי בעט זיי צוצוואַרטן און זי גייט אַריין אין צימער וואָס מיטן שילדל אויף דער טיר. יאַנינאַ קומט צוריק מיט אַ פּאַפּיר אין איין האַנט און מיט אַ קליין פּעקעלע אין דער צווייטער. אירע בלאָנדע האָר צעפלאָשען זיך און פאַלן איר אויפן אַקסל ווי אַ שאַל. דאָס פּאַפּיר, וואָס זי האַלט אין האַנט דערלאַנגט זי אַלעקן, וועלכער שטייט נענטער צו איר:

— ס׳איז אַן אָנווייזונג אין סאָווכאָז ביי דער בורטע — זאָגט זי און גיט צו — דער סאָווכאָז איז גרייט אויפצונעמען צען פּוילישע בירגער

אויף אַרבעט.ביים מאַרקפּלאַץ, טויער נומער 3 וואַרט דער שליח פון סאָווכאָז. ער וואַרט מיט פערד און וואָגן.

— ווייט פון דאַנען דער סאָווכאָז? — פרעגט אָלעק.

— ווי ווייט ווייס איך נישט, אַז ס׳איז אַריבערצופאָרן דעם טייך אוראַל ווייס איך יאָ — זאָגט יאַנינאַ און זי דערלאַנגט אָלעקן דאָס פּעקעלע:

— ס׳איז נישט קיין גאַנצע ראַציע ברויט אָבער נאָר דאָס האָב איך — גיט זי צו.

אָלעק דאַנקט איר. ער וויל נישט נעמען וואָס ס׳איז אירס, און זי קריגט אויך ברויט נאָר אויף אירע טאַלאָנען.

יאַנינאַ באַהאַלט די הענט הינטערן רוקן. זי וויל נישט צוריקנעמען דאָס פּעקעלע. זי באַדויערט וואָס אַזוי ווייניק.

— דער שליח פון סאָווכאָז וואַרט — זאָגט זי — ס׳איז וויכטיק נישט דורכצולאָזן די „אָקאַזיע״, זייער וויכטיק — חזרט זי איבער — דער שליח האָט ברויט, אָן צווייפל האָט ער!

# ניטשענקאָ

וואָס ס׳איז סאָווכאָז, ווייסט אַלעק און אויך די אַנדערע פון דער גרופּע: סאָווכאָז איז סאָוויעטישע לאַנדווירטשאַפט. סאָווכאָז באַשעפטיקט אַרבעטער אויף חודש־לוין. דער אַרבעטער איז נישט באַטייליקט אין די רווחים פון דער ווירטשאַפט. סאָווכאָז אונטערשיידט זיך פון אַ קאָלכאָז מיטן פּרינציפּ: אין קאָלכאָז — קאָלעקטיווע ווירטשאַפט — איז דער מיטגליד יאָ באַטייליקט אין די רווחים פון קאָלעקטיוו. דער פאַרדינסט פון אַ קאָלכאָז־מיטגליד ציילט זיך לויט זיינע אַרבעטסטעג דורך דעם פולן יאָר אַרבעט. פון גערעטעניש ביז גערעטעניש נעמט ער אין סקלאַד פּראָדוקטן אויפן חשבון פון זיינע אַרבעטסטעג.

אַלעקן, און קיינעם פון דער גרופּע גייען נישט אָן די יסודות פון דער אונטערנעמונג. זיי זוכן נישט קיין הויכע שטעלעס. זיי זוכן אַרבעט און ברויט צו דער זעט.

דעם וועג צום מאַרקפּלאַץ קענען זיי שוין און זיי גייען אַהין אָן צו פרעגן. זיי מאַכן ברייטע שפּרייזן. עמעץ פון זיי וואַרפט אַריין אַ ספק, צי דער שליח פון סאָווכאָז האָט נאָך נישט פאַרקויפט דאָס ברויט, אויב ער האָט נישט געהאַט וועמען צו ברענגען אין סאָווכאָז...

✶

עס איז שוין נאָך די מאַרק־שעהען און אַלע טויערן פון מאַרק זענען געשלאָסן. אַרום דעם אייזערנעם שטאַכייטן־פּלויט איז שוין נישטאָ קיין סימן פון האַנדל. דער אַרום איז ריין, ווי אָפּגעשווענקט דורך אַ רעגן. קיין זכר פון אַ מאַרק־קאַכעניש, בלויז אויפן פּלעצל לעבן טויער נומער 3

שטייען עטלעכע וועגענער. די פערד זענען אויסגעשפּאַנט מיט די טאָרבעס איבער די מאָרדעס. עטלעכע פויערים שטייען אין אַ קרענצל. אָלעק לויפט צו און פרעגט אויפן שליח פון סאָווכאָז ביי דער בורטע.

אַ נידעריק־ווּקסיקער, אין אַ שטרויענעם הוט אַ צעקנייטשטן אין די ראַנדן, וואָס זעט אויס ווי עפּעס אַ צירק־מענטש, רוקט זיך אַרויס פון קרענצל פויערים. ער איז דאָס פון סאָווכאָז ביי דער בורטע. אָלעק ווייזט אים דעם בריוו, וואָס ער האָט פון דער לעגאַטור. דער פויער ווייסט, אַז ער דאַרף ברענגען אין סאָווכאָז אַרבעטער פּאָליאַקן. ער קוקט נישט אין פּאַפּיר. ער וויקלט מיט די פינגער אַ שפּיץ פון אַ האַלבער וואָנצע. ער ציילט וויפל זיי זענען און פרעגט:

— באָלשע ניעט? (מער נישט?).

— ניעט, אי ניע בודעט! (נישטאָ מער און ס'וועט נישט זיין) — זאָגט אָלעק.

— לאַדנאָ! (גוט) — רופט אויס דער פויער.

אָלעק און די אַנדערע באַקוקן דעם פויער ווי גרויס ער איז. פון זיין אַנטוועכץ ווילן זיי זיך משער זיין דעם מצב פון סאָווכאָז. לויט זיינע שטרויענע לאַפּטשעס אויף די פיס, זעט דאָס אויס גענוג נעבעכדיק.

דער פויער גייט צו צום פערד און שלעפּט עס אַרויס פון צווישן די האָלאָבליעס, נעמט אַראָפּ די טאָרבע מיטן אָבריק פון פערדס פּיסק און וואַרפט די טאָרבע אַוועק אויפן וואָגן. ער נעמט דאָס פערד ביי דער צוים, פירט עס צוריק אַריין צווישן די האָלאָבליעס, פאַרלייגט די דוגע איבערן פערדס נאַקן, פאַרשלייפט זי צו די האָלאָבליעס.

— לאַדנאָ! — זאָגט ער, און מיט אַ קאָפּ־באַוועגונג ווייזט ער אָלעקן און די חברים, זיי זאָלן זיך זעצן אויפן וואָגן.

נישט אָלעק און נישט קיין איינער פון דער גרופּע כאַפּן זיך נישט נאָכצוקומען זיין ווונק. זיי זענען נאָך נישט דעצידירט צום פאָרן.

— כלעב יעסט? (ברויט איז דאָ) — פרעגט אָלעק.

— יעסט! יעסט! — זאָגט דער פויער און ווייזט אָן אויף דעם קליי־מעקל וואָס אויפן וואָגן.

— קושאַט נאַדאַ! (מען דאַרף עסן) — זאָגט אַלעק.

דער פויער דרייט אויס דעם קאָפּ. אַ ווײַלע קוקט ער מיט איין אויג. דאָס צווייטע איז פאַרקלאַפּט. עפּעס איז ער חושד, צי זיי מיינען טאַקע צו פאָרן מיט אים. ער זאָגט, אַז אין וועג וועט ער געבן ברויט.

קיין איינער פון די זעקס רירט זיך נישט צו צום וואָגן.

דער פויער קוקט זיך ווידער איין אין יעדן איינעם פון זיי. מיט איין מאָל טוט ער אַ פּאַטש מיט די הענט, ווי ער וואָלט זאָגן — ער וועט איינשטעלן! ער קערט זיך צום זיצאָרט זײַנעם, וואָס אויפן וואָגן, און ציט אַראָפּ דעם קלימעק. ער קניפּט אויף דעם לעדערנעם רימען און ציט אַרויס אַ קאָרנברויט. עס איז שוין צעשניטן אויף פּעניצער און ער דערלאַנגט יעדן אין דער האַנט אַ מוציא. ער קוקט דערביי זיי אין די אויגן צי שוין אויס ברוגז.

אַלעק און די אַנדערע נעמען האַסטיק בייסן פון דער מוציא.

דער פויער צעעפנט ברייט די אויגן. ער זעט ווי זיי שלינגען דאָס ברויט מיט איילעניש און אויסגעהונגערט, צלמט ער זיך איבער, שעפּטשעט אַ לויב, וואָס ער האָט נישט אויפגעהאַלטן צו געבן זיי ברויט. ער ציט אַרויס פון קלימעקל אַ קרענצל ציבעלעס. ער פרעגט נישט צי זיי ווילן. ער קנייפּט אָפּ צו איינציקע און טיילט יעדן פון זיי אַ ציבעלע, ווי ער וואָלט זיי דערלאַנגט עפּעס פון מעדנים.

די מוציא איז שוין קליין, דאָך סטייעט זיי צו כאַפּן אַ כזית פון דער ציבעלע צום ברויט און צו קוויקן זיך מיטן טעם און ריח.

דער פויער יאָגט זיי נישט צו פאַרענדיקן דאָס עסן. ער איילט זיך נישט. אויב זיי איז ליב, איז ער גרייט צו וואַרטן נאָך.

אַז נחום איז זאַט, איז ער בגילופין:

— מיר פאָרן! — רופט ער אויס, כדי צו ווייזן דעם פויער, אַז ער נאַרט זיך נישט אין זיי. דער ערשטער שפּרינגט ער אַרויף אויפן וואָגן.

אויף נחומס רופן דראַפּען זיך שוין די אַנדערע פון דער גרופּע. אַלעק וואַרט ביז זיי סדרן זיך איין און ער זעצט זיך לעבן לעאָנען, וואָס האָט דאָס שפּיגעלע מיט דער פאָטאָגראַפיע פון מאַרצעלאַ. ער וויל דאָך וויסן ווי אַזוי קומט צו אים די פאָטאָגראַפיע. דער לעצטער כאַפּט זיך אַרויף

דער פויער אין פראָנט פון וואָגן. אויף דער טאָרבע אָבריק פאַר דעם פערד, וואָס איז פאַרדעקט מיט אַ דערע, איז זיין געזעס. ער נעמט די לייצעס. ער האָט נישט קיין בייטש. ער גיט אַ סיקע און דאָס פערד נעמט רירן אין וועג.

✶

ניטשענקאָ הייסט דער פויער. ער פאָרט אַרויס פון שטאָט עלעהיי אויף אַ שפּאַציר. וויפל ער קוקט אויף אַלץ און אַלעם, איז אים אַ שאָד צו פאַרלאָזן. ער איז נאָך נישט אַרויס פון דער שטאָט, פרעגט אַלעק:

— ווייט דער וועג צום סאָווכאָז?

ניטשענקאָ לאַכט אין האַלדז אַריין:

— האַ־כאַ! ס׳איז נאָך נישט דער אָנהייב!

נישט אַלעק, און קיין איינער פון דער גרופּע, איז זיך נישט משער דעם מהלך צום סאָווכאָז. די בירגערין יאַנינאַ האָט געזאָגט, אַז ס׳איז אַריבערצופאָרן דעם טייך אוראַל — איז עס נישט אַ מאָל פאַרבונדן מיט סכנה?

נחום זאָגט עטלעכע פּסוקים פון תפילת־הדרך:

— אויב מתפלל זיין איז אַ סגולה, שטעלסטו קיין סך נישט איין — זאָגט באַלעק קרויטמאַן צו מוטיקן אים.

— פון וואַנען הייבט זיך אָן דער וועג צום סאָווכאָז? — פרעגט אַלעק און בייגט זיך אָן צו ניטשענקאָ.

— פון דער צווייטער זייט טייך. די בריק איבערן טייך איז דאָס מאָל געשלאָסן פאַרן ציווילן פאַרקער. דורך דער בריק ציִען נאָר מיליטער־אָבאָזן — דערקלערט ניטשענקאָ — דער אַלגעמיינער פאַרקער פוןביידע זייטן טייך פירט זיך מיט איבערשיפלען. ספּעציעלע שיפלערס זענען צו דעם אָנגעשטעלט. דאָס איבערשיפלען איז אומזיסט, אָן אָפּצאָל.

✶

אין אַ היפּשער לענג פון טייך־ברעג וואַרטן באַלעגאָלעס מיט זייערע פערד און וועגענער. ניטשענקאָ שטעלט זיך אָפּ. ער ווייסט נישט צי ס׳איז

פּאַראַן אַ סדר צום אַריבערשיפלען זיך. די שיפלערס אַרבעטן מיט פּראָווי־זאָרישע צונויפגעשטעלטע פּלאַטפאָרמעס פון ברעטער אויף פעסער. צו ערשט ווערט אַרויפגענומען פערד און וואָגן, אַז ס'איז שוין נישטאָ קיין אָרט פאַר פערד און וואָגן, נעמען זיי אַרויף פּאַסאַזשירן.

— מען מוז וואַרטן — דערקלערט ניטשענקאָ. ער לאָזט דאָס פערד אין שפּאַן. ער זעט די חברה שפּרינגען אַראָפּ פון וואָגן, זאָגט ער זיי אָן, זיי זאָלן זיך נישט פאַרפּלאָנטערן. ווו זיי זאָלן נישט זיין, זאָלן זיי אים רופן נישט ביים נאָמען, מחמת ניטשענקאָס קאָנען זיין נאָך, נאָר לויטן סאָווכאָז: „בורטינסקי סאָווכאָז".

אָלעק און די חברה פון דער גרופּע בלייבן דאָך נישט שטיין לעבן וואָגן. טורעק גייט זען ווי עס פירט זיך ביים אַריבערשיפלען.

די ברידער קרויטמאַן, לעאָן און באָלעק, זענען נאָך אַלץ אין ספק צי זיי זאָלן זיך נישט צוריקקערן פון פאָרן. זיי גייען דערוויסן זיך דעם וועג אין שטאָט אַריין.

ניטשענקאָס לאַנגע וואָנצעס מאַכן זיין ציגן־פּנים נאָך קלענער און שמעלער, דערצו נאָך ווען ער שטייט צווישן די באַלעגאָלעס, וועלכע זענען הויכוווקסיק און ברייטפּלייציק. זיי נעמען אים אַריין אין מיטן פון קרענצל. ניטשענקאָ איז שווער אין רעדן, אָבער זשוואַווע ווי אַ האָז. ער איז אַ גלויביקער און צלמט זיך. ער באַהאַלט זיך נישט מיט דעם פאַר די היימישע. ער ווייסט, אַז עטלעכע פון זיי לויבן אויך דעם „האָספּאָדי".

דאָס אַריבערטראַנספּאָרטירן מיט די פּלאַטפאָרמעס שלעפּט זיך. די זון רוקט זיך, באַלד איז אויס טאָג. אָלעק און נחום שטעלן זיך צו צו ניטשענקאָ: ער זאָל נעמען דעם וואָגן נאָענט צום בריקל. די חברים ווילן נישט בלייבן דאָ אויף ביי נאַכט. ניטשענקאָ איז אָבער פאַרטועט אין אַ קריגערייַ צווישן צוויי קאָזאַכן באַלעגאָלעס. איינער שעלט דעם אַנדערן מיט וויסטע קללות. דער צווייטער, מיט אַ קוליע, דראָט דעם שעלטער, אַז אויב ער וועט זיך דורכרייסן איבערצושיפלען זיך פריִער פאַר אים, צע־שפּאַלט ער אים מיט דער קוליע דעם קאָפּ. ניטשענקאָ שטייט צווישן די ביידע, ווי אַ מחיצה. ער ווייזט אָלעקן אָן אויף דער קריגערייַ — חלילה, ער זאָל אָפּטאָן אַזאַ זאַך. ער בעט אָלעקן און נחומען זיי זאָלן זיין רויִק:

— מיר שטייען נישט פאַר אַ „פּראָגול״ (פאַרשפּעטיקונג) — דער־קלערט ער — סיי ווי וועלן מיר מאָרגן נאָך נישט זיין אין סאָווכאָז. ס׳איז באַלד נאַכט. ביי נאַכט פאָר איך סיי ווי נישט.

— אויף דער צווייטער זייט פון טייך האָסטו זיכער אַ כאַטע ווו צו שלאָפן — זאָגט נחום, הגם ער ווייסט נישט צי ס׳איז אַזוי, אָבער ער זאָגט דאָס מיט זיכערקייט, כדי ניטשענקאָ זאָל וויסן, אַז זיי רעכענען אויס אויף דער מעגלעכקייט.

— נישטאָ קיין כאַטע ביים ברעג, און ביי נאַכט פאָר איך נישט — דערקלערט ווידער ניטשענקאָ און קוקט צו די קאַזאַכן.

— ס׳הייסט, מיר בלייבן ביים ברעג? — פרעגט ווידער נחום.

— אויב נישט דאָ, איז אויף דער צווייטער זייט.

ס׳קומען צו די ברידער קרויטמאַן און משה שניידער. זיי באַשטייען נישט צו בלייבן אויף ביי נאַכט ביים ברעג. באַלעק וואַרפט ווידער זיין געדאַנק — „צוריק אין שטאָט אַריין״.

— אויפן וואָגן ליגט פאַר אונדז ברויט. אין שטאָט וואַרט אונדז נויט... — זאָגט נחום צום גראַם. ער האַלט נישט פון גיין מיט באַלעקן.

די ברידער קרויטמאַן ווילן דאָך נישט אָפּרייסן זיך פון דער גרופּע, זיי גייען נאָך נחומען און אַלעקן, אָבער זיי ציִען צו זיך משהן. זיי ווילן נישט בלייבן איינזאַם. אַלע קומען זיי זיך זעצן אויפן וואָגן און ניטשענקאָ זאָל געבן ברויט. אָבער זיי געפינען נישט דעם וואָגן. זיי מיינען, אַז זיי האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט. מיט אַ מאָל דערהערט אַלעק ווי טורעק רופט: „בורטינסקי סאָווכאָז!״ טורעק האַלט דאָס פערד ביי דער קעלזשע און ציט צום בריקל. ניטשענקאָ קומט צו, ווייזט ער אים, אַז די שיפלערס באַ־שטייען אַרויפצונעמען דעם וואָגן אויף דער פּלאַטפאָרמע. ניטשענקאָ איז אין פחד פאַר די קאַזאַכן. ער צלמט זיך, אָבער ער האַלט נישט אָפּ טורעקן פון ציִען דאָס פערד. נאָר ער האַלט זיך ווייט פון טורעקן. ער האָט נאָך מורא פאַר די קאַזאַכן. ערשט ווען די שיפלערס נעמען אַרויף טורעקן מיטן וואָגן, לויפט ער אַרויף אויפן בריקל, אָבער רעדט נישט, נאָר ער ציילט זיינע פּאַסאַזשירן, צי אַלע זעקס זענען דאָ, אַז די שיפלערס קניפּן אָפּ די פּלאַטפאָרמע פון בריקל און נעמען די לאָפּאַטעס צום שיפלען,

עטעמט ניטשענקאָ אָפּ טיף און הויך, ווי אַראָפּגעוואָרפּן אַ שווערן שטיין פון האַרץ.

*

שטיל איז אויפן טייך אוראַל. נישט קיין הירזשען פון אַ פערד, נישט קיין רעדן פון די פּאַסאַזשירן, אַלץ איז פאַרשטומט ווי אין עפּעס אַ דערוואַרטונג אויף אַנטפּלעקן אַ סוד. טורעק דערציילט וועגן זיין אויפטו: ברויט איז אַ „קמיע״. מיט ברויט עפנט מען אַ געשלאָסענעם טויער... ער שטייט אַזוי לעבן בריקל און זעט אַז מען שטופּט די שיפּ־לערס אין יד אַריין, נעמען זיי אַרויף צום טראַנספּאָרטירן. דערמאָנט ער זיך, אַז אויפן וואָגן ליגט אַ קלימעקל מיט ברויט און ציבעלעס, כאַפּט ער די פיס און די הענט און לויפט צום וואָגן. ער זוכט ניטשענקאָ, ער זוכט די חברה, און ער זעט נישט קיינעם, כאַפּט ער פון קלימעקל עטלעכע מוציאס ברויט, לויפט צום בריקל און טוט ווי אַנדערע טאָן — שטופּט די „קמיע״ ברויט דעם שיפּלער אין די ידיים. אָפּגעסמט — און מען שיפּט זיך.

נחום בלעזלט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט זאָגן, אַז טורעקס אויפטו איז אַ הייס שטיקל. טורעק בלאָזט אין די הענט אַריין, ווי צו זאָגן, אַז ניטשענקאָ דאַרף נישט וויסן און אַלע פאַרשטייען אים...

אַלעק הערט זיך איין אין דער שטילקייט אויפן וואַסער, קוקט אין דער נאַכט, וואָס איז נאָך אָן אַ לבנה. סיי די פינצטערניש, סיי דאָס שטילע איבעררעדן זיך פון די שיפּלערס, דערמאָנט אים אין דער נאַכט בעתן שיפּלען זיך אויפן בוג — אַריינצוכאַפּן זיך אין דעם באַפרייטן געביט, וואָס איז פאַרנומען דורך דער רויטער אַרמיי: דאָס שיפל איז פול אָנגעפּאַקט מיט מאַנצבילן. אַלע זיצן מיט געבויגענע קעפּ. די שיפּלערס רעדן נישט, נאָר בלאָזן מיט די ליפּן — אין וואָרעניש נישט צו עטעמען. דער פּחד איז נישט פאַר די רויטאַרמייער, נאָר פאַר אַריינצופאַלן צוריק צו די היט־לער־דייטשן. דאָס מאָל, איז ער אויף דער פּלאַטפאָרמע נישט מיט קיין געבויגענעם קאָפּ, נישט איינגעקאָרטשעט, נאָר ער שטייט און — דעם קאָפּ געהויבן, קאָן זיך באַוועגן ווי ער וויל. ער ציטערט נישט אַריינצו־פאַלן אין טייוולס הענט, און דאָך קלעמט אים אַ שווער געמיט.

די פּלאַטפאָרמע קלאַפּט אָן אין בריקל פון דער צווייטער זייט טייך. ניטשענקאָ האַלט שוין דאָס פערד ביי דער צוים. אַלעק זעט נישט ני־טשענקאָס פּנים, אָבער אין זיין עטעמען פילט ער, אַז ער איז צופרידן וואָס ער איז שוין אויף דער זייט און די קאַזאַכן נאָך דאָרט. עס זענען דאָ אויף דער פּלאַטפאָרמע וועגענער מיט פערד פאַר ניטשענקאָס. ער איילט זיך נישט. ער באַשטייט אַפילו צו זיין דער לעצטער אַראָפּצופאָרן פון דער פּלאַטפאָרמע — סיי ווי בלייבט ער אויף ביי נאַכט ביים ברעג. ער בעט נאָר די פּאַסאַזשירן זיינע זאָלן שטיין פוןביידע זייטן וואָגן, אויס פאָרזיכ־טיקייט נישט אַראָפּצוריטשן זיך אין וואַסער אַריין. דער צווייטער ברעג איז אויך פול מיט וועגענער און פערד, וואָס זייערע פירער וואַרטן אַרי־בערצוקומען אויף דער זייט פון דער שטאָט טשקאַלאָוו, און די שיפלערס נעמען שוין נישט מער קיין טראַנספּאָרט. ניטשענקאָ פאַרקערעוועט זיך מיט פערד און וואָגן אויף אַ זייטיקער סטעזשקע.

— ניטשענקאָ האָט אונדז אָנגעגרייט אַ ברייט בעט — זאָגט נחום אויף זיין מליצה־שטייגער — אַ זאַמד־שטח אָן אַ סוף.

— מיך נאָגט שוין ביים האַרץ... — זאָגט אַלעק.

ניטשענקאָ שפּאַנט אויס דאָס פערד. ער שטעלט עס צווישן די האָ־לאָבליעס, הענגט אָן דערויף די טאָרבע מיט אָבריק און רעדט:

— אַז אַלץ וועט גיין כשורה מיט דיר, שלעפּער טייערער, ברענג איך נישט צוריק אין סקלאַד אַריין קיין איין האָבער. דער האָבער איז פאַר דיר. רו זיך אויס, העלד מיינער פון אַרבעטער־קלאַס, זאָלסט מיר אין וועג נישט פּרייכן, נישט גאַוורען. זעקס גיבורים נעמסטו אויף זיך צו ברענגען דיינע ברויטגעבער. הייגט אַרבעטסטו פאַר זיי, מאָרגן וועלן זיי אַרבעטן, אַז דיינע ציינער זאָלן קייען נאָר ווייכע, זאַפטיקע קערנער.

אַלעק און נחום וואַרטן ניטשענקאָ זאָל זיך אָפּפאַרטיקן מיטן פערד. ער נעמט אַ דערע, פאַרוואַרפט דעם פערד איבערן רוקן, און הייבט אָן אויסבעטן זיך אַ געלעגער אויפן וואָגן. ער נעמט דאָס ביסל שטרוי און מאַכט זיך אַ בינטל אויף אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ. ווען ער זעט אַז די חברה גרייט זיך צו גיין מיט דער סטעזשקע, רופט ער זיי צוריק און וואָרנט זיי,

אַז שאַקאַלן זענען אין פעלד און זיי זאָלן נישט פאַרקריכן ווייט. אויף אַלעקס מיינונג באַשליסן זיי נישט צו גיין.

דאָס רודערן פון די פּלאַטפאָרמעס איבערן טייך איז אָפּגעשטעלט, קיי־נער רופט נישט קיינעם, בלויז דער ווינט הודזשעט. ניטשענקאָ שלאָפט נישט:

— מען האָט געגנבעט ברויט פון קלימעקל — זאָגט ער אין רוגז און ער מוז זיין וואַך, מען זאָל די קאָבילע נישט פאַרשלעפן.

טורעק איז דרייסט. ער גיט זיך אויס: ער האָט גענומען פון ברויט און געגעבן די שיפלערס. מיט דער סגולה זענען זיי איצט אויף דער זייט טייך.

ניטשענקאָ צלמט זיך:

— ס׳איז אַ פאַרברעכן, ס׳איז נישט דיין ברויט! די ציין זיינע וואָלט דער שיפלער ביי מיר געציילט! — כעסט ער זיך.

אַלעק און נחום בעטן אים ער זאָל דאָס פאַרגעסן.

ניטשענקאָ צלמט זיך ווידער. ער שעפּטשעט מיט אַ געבראָכענער שטים:

— האָספּאָדי מילי, האָספּאָדי מילי, אין שלעכטע הענט בין איך.

— איז דען נישט בעסער צו זיין דאָ, אויף דער זייט, און וואָס פּרַיער קומען אין סאָווכאָז? — רעדט אַלעק געלאַסן.

ניטשענקאָ וויקלט מיט די פינגער אַ שפּיץ פון דער וואָנצע — ער פאַרשטייט, און דאָך האַלט ער זיך אין זיינס מיט עקשנות.

— דער שיפלער מוז צוריקגעבן דאָס ברויט! — זאָגט ער נאָך אין כעס. ער ציט אַרויס אַ קלאָניצע פון וואָגן — ער מוז צוריקגעבן דאָס ברויט, אַ טויט קאָן איך אים געבן...

אַלעק און די פינף כאַפּן זיך אַרויף אויפן וואָגן.

ניטשענקאָ צלמט זיך איבער און שטעלט צוריק אַריין די קלאָניצע.

די לבנה שווימט אַרויס אַ געלע און טובלט זיך אין די שמאָלע, שטילע טייך־כוואַליעס, ווי אַ שפּרינגענדיקער אַנגעבלאָזענער פּענכער. אַלעק זיצט אויפן וואָגן צו גלייך מיט דער חברה איינגעסדרט לענג־אויס דער לייטער. דאָס שפּיגלען זיך פון דער לבנה אינעם טייך ברענגט אים אין זכרון זיין בלאָנקען אין אַ לבנה־נאַכט מיטן צווייטן פּאַסטעך און דער

קו־סטאַדע פון לאַגער אין די טיפע טייגעס. צוואַנציק מעלק־קי, די סטאַ־דע. אין ליכט פון דער פולער לבנה זעט ער די געלע קו מיט די ווייסע פלעקן, וואָס גייט אין שפּיץ פון דער סטאַדע. ער דאַרף נישט מורא האָבן, אַז זי וועט פאַרקריכן אין אַ זומפּיקן שטח. ער גייט אַריבער איין בריקל און אַ צווייטס. עס הייבט זיך אָן די געדיכטע טייגע. שאָטנס אין דער לבנה־שיין — און די ווייסע פלעקן פון דער געלער קו זעט ער נישט. ער לויפט פאָרויס. ער וויל פאַרהאַלטן די סטאַדע. ער איז שוין אין שפּיץ, זעט ער אַז די בהמות שפּרייזן נישט מער. זיי זיצן. נאָך היינט ווייסט ער נישט די סיבה דערפון.

די זומערנאַכט איז קורץ, און קירצער איז זי דאָס מאָל ביים ברעג פון אוראַל. נאָך איז גאַנץ דאָס לבנה־פּנים אין הימל, נאָך האָט דער הימל נישט אָפּגעשיי׳לט פון זיך דעם נאַכט־אומעט — און שוין איז ביים ברעג אַ טומל פון די פויערים מיט זייערע וועגענער. די פויערים שפּאַנען די פערד און די וועגענער, רופן זיך איבער איינער מיטן אַנדערן שוין צו לאָזן זיך אין וועג, אָבער ניטשענקאָ רירט זיך נישט פון אָרט. ער איז וואַך און רעדט נישט. ער זאָגט נישט וואָס ער מיינט מיט זיין וואַרטן. פון יענער זייט טייך לאָדן שוין די שיפלערס די פּלאַטפאָרמעס מיט די משאות צום אַריבערטראַנספּאָרטירן אויף דער זייט טייך — און ניטשענקאָ וואַרט. ער לויפט צו צום בריקל און וואַרט די שיפלערס זאָלן אָנקלאַפּן אין בריקל דאָ. אָלעק לויפט צו צום בריקל, כדי צו זען וואָס ניטשענקאָ מיינט צו טאָן. ווי די פּלאַטפאָרמע קלאַפּט אָן אין בריקל, שפּרינגט ניטשענקאָ אַרויף. ער קוקט זיך איין אין די שיפלערס און ער רייסט זיך צוריק אַראָפּ פון דער פּלאַטפאָרמע. אָלעק שטעלט זיך אים אין וועג.

— נישט די שיפלערס פון נעכטן — זאָגט ער און וואַרפט מיט די הענט אין רעזיגנאַציע — דאָס ברויט, וואָס דו האָסט געגעבן, איז פאַר־פאַלן.

דער הימל ווישט פון זיך די גראָקייט, וויקלט זיך אין בלוי. דער ערשטער טראַנספּאָרט וועגענער און פערד זענען שוין אַראָפּ פון דער פּלאַטפאָרמע און זיי ציִען גלייך אין וועג אַריין. די פויערים מיט די פערד

און וועגענער פון דער זייט טייך ציִען אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע צום אַריבערקומען אויף דער צווייטער זייט טײַך.

נאָך איז נישט געלאָשן ביי ניטשענקאָן דער צאָרן אויף די שיפלערס, דאָך ציט ער אַראָפּ די טאָרבע פון דער קאָבילעס פּיסק, פאַרלייגט די דוגע און שפּאַנט זי צו צו די האָלאָבליעס. געענדיקט דאָס איינשפּאַנען די קאָבילע, נעמט ער זי ביי דער קעלזשע און ציט זי פון זאַמדבערג אַרויף אויף דער סטעזשקע. נאָך אַלץ אין פאַרעקשנטן שווייגן, כאַפּט ער זיך אַרויף אויפן וואָגן. ער נעמט די לייצעס איןביידע הענט און סיקעט צו דער קאָבילע צו נעמען זיך אין וועג.

אַלעק ווייסט, אַז ניטשענקאָ קאָן נישט פאַרגעסן טורעקס אָפּשוחדן די שיפלערס מיט ברויט פון זיין קלימעקל, און דאָך וויל ער זיך דורכ־שמועסן מיט אים וואָס שייך דער אַרבעט אין סאָווכאָז. פאַלט אים איין צו פרעגן וועגן וואסער צו טרינקען. ער בייגט זיך נאָר אָן צו ניטשענקאָס אויער און איידער ער באַווייזט צו פרעגן וועגן אַ טרינק, שרייט צו אים באַלעק קרויטמאַן, אַז ער זאָל פרעגן מכוח אַ מוציא ברויט.

נחום איז אַ געוואַגטער:

— פּאָקושאַט נאַדאַ! — רופט ער מיט זיין טיף קול.

ניטשענקאָ רופט זיך נישט אָפּ, האַלט דעם קאָפּ שווער אַראָפּגע־בויגן. ער שלאָפט.

נחום רופט ווידער אויפן הויכן קול:

— דיעד ניטשענקאָ! פּאָקושאַט נאַדאַ!

אַלעק ריכט זיך, אַז ניטשענקאָ וועט אַ ברום טאָן אַ שלעכט וואָרט. ניטשענקאָ איז שוין איבערגעוועקט. ער האָט גוט געהערט נחומס רופן. אָן אומצוקוקן זיך נעמט ער פון הינטערווייִלעכס דאָס קלימעקל און שאַרט עס אַוועק פון זיך:

— נעמט אייך ברויט. ס׳איז אייערס, נאָר געדענקט אין מאָרגן און אין איבערמאָרגן...

# אויף שליאַכן און פעלדער

ס׳איז שוין גרויסער טאָג. די זון הענגט אַ צעגאָסענע איבער אַלע פעלדער און טריקנט דעם האַלדז. ווי איינגעפּרעסט ס׳איז די סטעזשקע ערד אין פעלד, זענען דאָך פאַראַן גריבלעך און בערגלעך. דער וואָגן, ווי ער גיט זיך נאָך דעם פערד, הייבט ער זיך און פאַלט, אַ בייג אין אַ זייט און אַ טליק צוריק. נאָך אַ היפשן מרחק הוידן זיך, קומט די קאָבילע אַרויס אויף אַ שליאַך, אין מיטן אַ ברייטן תבואה־פעלד. די זאַנגען זענען נאָך נידעריק און גרין, מיט לייכטע קעפּ — קנאָפּ ברויט. ניטשענ־קאָ קען אָבער שוין שאַצן די גרויס פון דער גערעטעניש. ער שטעלט אָפּ דאָס פאָרן, שפּרינגט אַראָפּ, רייסט אָפּ עטלעכע קעפּ פון די זאַנגען, צע־רייבט די וואָנצעס אויף דער אָפּענער האַנט. ער ציילט די קערנער און קרימט מיט דער נאָז. ער קוקט פון הינטערן שטערן צו די חברה אויפן וואָגן, צי זיי קוקן זיך איין אין זיין טאָן, אָבער ער רעדט נישט. ער כאַפּט זיך צוריק אַרויף אויפן וואָגן און סמאָטשקעט צו דער קאָבילע, זי ציט דעם וואָגן.

אַלעקן פאַלט איין אַן אופן ווי אַזוי צו מאַכן ניטשענקאָן רעדן:

— איז דאָס פעלד פון דיין סאָווכאָז?

— ניין! — ענטפערט ניטשענקאָ קורץ.

— איז צוליב וואָס רייסטו די זאַנגען דאָ?

— ס׳איז גוט צו וויסן וואָס ביי אַנדערע.

— אַז וואָס?

— אַז ס׳זענען לייכט די זאַנגען־קעפּ, איז שווער דער קאָפּ ביים פויער, ווייסט ער שוין ווי אָרעם זיין ברויט וועט זיין. זענען שווער די זאַנגען־קעפּ, איז לייכט דער קאָפּ ביים פויער, ער זעט שוין זיין ברויט אין שפּע.

— די אוראַלער ערד גיט אַ גרויס גערעטעניש. פאַר וואָס, מיינסטו, איז די תבואה דאָ שיטער? — פרעגט אַלעק.

— מיין קאָפּ קען דיר דאָס נישט דערקלערן פאַר וואָס דווקא אין מלחמה־צייט איז די ערד קאַפּריזנע.

— האָסט געהערט די באַריכטן פון די פראָנטן?

— לעצטנס עפן איך נישט דאָס ראַדיאָ־קעסטל.

— הלמאי נישט?

— נישטאָ וואָס צו הערן, אַלע טאָג דאָס אייגענע: אָפּגעטרעטן, פאַר־לאָזט, זיך צוריקגעצויגן. איך בין נערוועז און שפיי אַריין אין קעסטל. די כאַזאַיקע שעלט מיך.

נחום דערלאַנגט ניטשענקאָן אַ מוציא ברויט.

— דו גיסט מיר ברויט? מיין ברויט עסט דער שיפלער, די קישקעס זאָלן זיך אים פאַרוויקלען ווי סטרונעס — ציט ניטשענקאָ די קללה, ווי מיט אַ ניגון, און פרעגט:

— געדענקסטו אַז מאָרגן איז אויך אַ טאָג? און איבערמאָרגן?

נחום פרעגט אים, צי ער וויל אַ ציבעלע. ניטשענקאָ זאָגט, אַז די ציבעלעס האַלט ער צו טוישן אין „מאַסלאָזאַוואָד" אויף קעז, אָדער סער־וועטקע. ווען ער ענדיקט דעם לעצטן ביסן ברויט, צלמט ער זיך איבער און שעפּטשעט און רעדט ווי אַ תפילה:

— האָספּאָדי מילי, פיל אָן מיין געמיט מיט וואַרעמקייט...

ווידער אַ סטעזשקע מיט גריבער און בערגלעך. דער וואָגן הוידעט זיך ווי אַ שיפל אויף אַ טייך. ס'איז אַ ברייט פּלאַכלאַנד מיט ברויטזאַנגען. ערטערווייז שטאַרן סטויגעס פון אַלטן שניט. דאָס שטרוי האָט שוין אַ שימל. נישטאָ ווער ס'זאָל עס אַראָפּנעמען.

דער טאָג שרימפּט זיך. דאָס פאָרן ציט אים איין. אַלעק און די חברים ווייסן שוין, אַז די נאַכט בלייבן זיי אין פעלד.

ס'איז דאָס ערשטע מאָל ווי ניטשענקאָ שלאָגט די קאָבילע. ער וויל צוקומען צום „מאַסלאָזאַוואָד" נאָך פאַרן פינצטער ווערן. דער „מאַסלאָ־זאַוואָד" געפינט זיך אין אַ סטאַדאָלע. דאָ שלאָגט מען אויס קעז פון שעפּסן־מילך. דער קעז איז געזאַלצן. עס שטייען פעסער מיט דעם זאַלצ־

קעז. קיין פוטער איז נישטאָ און קיין סערוועטקע צו טרינקען — אויך נישט. ניטשענקאָ רעדט מיטן שומר פון דער שטעלע, אַן אינוואַליד אָן אַ האַנט פון דער רעוואָלוציע־צייט. נעכטיקן דאָ — דערלויבט ער, אָבער נישט אין דער שאָפּע. אין דרויסן — ווייזט ער אָן — אויף אַ קופּע שטרוי. פון דעם ברינדזע־קעז, אַז מען וויל, קאָן מען נעמען.

דער אָוונט איז פאַרפלייצט פון פינצטערניש. ניטשענקאָ וואַרפט זיך אויף דער קופּע שטרוי. ער רופט אָלעקן און די חברים זיי זאָלן אויך טאָן דאָס זעלבע. פאַראַן נאָך צו זיין אין וועג אַ טאָג מיט אַ נאַכט.

— דאָס פאָרן מיט פערד־און־וואָגן איז דיין שטענדיקע אַרבעט? — פרעגט אָלעק.

— אַ צייט געאַרבעט ביים אַקערן.

— היינט איז דיר בעסער, דיעד? — פרעגט אָלעק.

— ב ע ס ע ר פאָרט זיך מיט מעגלעכקייט.

— אויך אין סאָווכאָז איז מעגלעכקייט אַ פּראָבלעם?

— איך זע, אַז דו האָסט אַ קנאַפּע אָנונג וואָס ס׳איז אַזוינס סאָווכאָז.

— דערקלער, דיעד, דערקלער! — רופט אָלעק און זיין שטים קלינגט ווייך.

ניטשענקאָ איז איצט גאָר מונטער. ער זעצט זיך. ער רעכנט אויס די צווייגן אין דער סאָווכאָז־ווירטשאַפט. אַרבעט אין פעלד: אַקערן, זייען, בראָנעווען, דער שניט און דאָס איינשייערן. אין דער באַזע: די מעלמיל, די בהמות־שטאַלן, די בעקעריי, די קוזניע, די טעכנישע וואַרשטאַטן, קינדער־יאַסלע, קאָמסאָמאָל־קלוב, „סטאָלאָוואַיאַ", מאַגאַזין און ירקות־גאָרטן. נישט אין יעדער צווייג זענען פאַראַן די זעלבע מעגלעכקייטן.

— כ׳פאַרשטיי נישט! — זאָגט אָלעק.

— אַז דו אַרבעטסט אין דער בעקעריי, האָסטו אַ מעגלעכקייט צו אַ גאַנץ לעבל ברויט...

— און באַרישניעס זענען פאַראַן? — פרעגט טורעק.

— זאָלסטו נאָר האָבן צו זיי אַזוי פיל כוח! — זאָגט ניטשענקאָ און לאַכט.

— דיעד ניטשענקאָ! — וואָס טוט מען אין סאָווכאָז נאָך דער אַר־בעט? — פרעגט באַלעק.

— ביז דאָ נישט לאַנג בין איך נאָך געווען אַן אַנאַלפאַבעט. הייגט ווייס איך שוין וואָס אַזוינס ס׳איז פייער. הייגט בין איך מסוגל צו טראַכטן און נאָכצוטראַכטן. כ׳האָב נאָר נישט אַזוי פיל צייט אויף אָפּצוגעבן דעם טראַכטן. יעדע פאַרזאַמלונג ציט זיך ביז שפּעט און עס בלייבט קנאַפּ צייט צו שלאָפן.

— איז נישט דאָס פאַרצי׳ען די פאַרזאַמלונג, כדי צו לאָזן ווייניק צייט דעם טראַכטן?

— מען קאָן מיינען אויך אַזוי.

— און דו, דיעד?

— איך בין אָפּט אויפן וואָגן אין וועג.

— דו צלמסט זיך. ביסט אַ גלויביקער?

— אָן דעם בין איך אַ הוילע שישקע... אָפּט טוט מיר אַ קיצל אין נאָז און איך ווער שלעכט. טוט מיר אַ שלאָג אין קאָפּ און איך קני און בעט: אויב איך קאָן זיין גוט, הלמאַי נישט באַטראַכטן זיך באַצייטנס?...

מיט אַ מאָל טוט ניטשענקאָ אַ פרעג:

— איר זענט נישט קיין פּאָליאַקן, נישט אַזוי?

— יעווריעי! — זאָגט אַלעק און פרעגט:

— זענען אין סאָווכאָז פאַראַן יידן?

— פאַראַן. אַבראַשאַ, אַ מאָסקווער. אין דעם קאַנטאָר זיצט ער. נישט קיין גוטער בחור.

— מיט וואָס איז ער נישט קיין גוטער?

— ער טרויט נישט קיינעם. ער גלייבט נישט אַפילו אויף אַ שבועה. דערלאַנגסט אים אַ באַריכט, נעמט ער דיך אויף אַ פאַרהער. אַ חשדן אַזאַ, וואָס נאָך קיינער.

— אַבראַשאַ איז אַ שטענדיקער אין סאָווכאָז?

— עטלעכע חדשים, און שוין ווי אַ קאָמיסאַר, אין סודות מיטן פּאָליט־רוק — רעדט ניטשענקאָ כאָרכלדיק. ער ציט זיך אויס און שוין שנאָרכט ער אַ פאַרכאַפּטער פון שלאָף.

*

די נאַכט איז ניטשענקאָ גוט געשלאָפן, און אין קלאָרן באַגינען מוז דער שומר פון דער שאַפּע אים וועקן. ער וויל, אַז ניטשענקאָ זאָל שוין אַוועק. די פּאַרוואַלטערין זאָל אים נישט זען דאָ. טרעפט זי פרעמדע, איז זי חושד אין אַוועקשלעפּן פון קעז. זי פאַרטרעט דעם מאַן, וואָס איז מאָביליזירט, און עס ברענט אויף איר די הויט...

דער הימל אָן וואָלקנס. ניטשענקאָ כאַפּט די קאָבילע און שפּאַנט זי איין אין וואָגן. ער פירט זי אַרויס אויפן שליאַך. ער גייט צו צום שומר און לייגט אַרויף ביידע הענט אויפן שומרס אַקסל. ער טרייסלט אים אַ ביסל, אויף אַ גוטברודערישן אופן, און זאָגט:

— דאָס מאָל טו איך דיר צוליב — איך פאָר אַוועק, נאָר הער מיין עצה: אַז די פּאַרוואַלטערין גלייבט דיר נישט — נעם, הייב אויף איר קליידל, רייב איר אָן דעם הינטן אויף רויט, מאַך איר שווער דאָס זיצן, זי זאָל געדענקען ווער דו ביסט...

דער שומר אָן דער האַנט לאַכט מיט אַ צעעפנט מויל.

נאָך העכער לאַכט ניטשענקאָ. ער לויפט צום וואָגן און רופט צום שומר:

— זיי אַ כוואַט! אַז מ׳פּאַטשט אין געזעס, גייט אין קאָפּ אַריין!

אָלעק ווישט זיך דעם שלאָף פון די אויגן. נחום און די פיר חברה ווילן נאָך שלאָפן. ניטשענקאָ לאַכט נאָך פון זיין עצהנען דעם שומר. ער איז שוין אַ היפּשן מהלך פון דער שאַפּע און דאַך קוקט ער זיך אום צי די פרוי פּאַרוואַלטערין איז שוין דאָרט.

די זון איז אַרויס פון איר פוטערפאַס. דער טאָג שטעלט זיך מיט גרויס היץ. אָלעק איז שוין מונטער. ער דערמאָנט זיך אין אַבראַשאַ פון סאָווכאָז. פאַר וואָס האַלט ניטשענקאָ, אַז אַבראַשאַ איז נישט קיין גוטער בחור. אָלעק פרעגט:

— אַבראַשאַ איז אַ יונגער, אָדער אַן עלטערער מענטש?

— נישט קיין אַלטער, אַ בחור ווי דו.

— אַ באַוויַבטער?

— אין סאָווכאָז אָן אַ ווייב.

ווידער ציט די קאָבילע אין אַ געדיכט ברויטפעלד. די זאַנגענקעפּ זעען אויס פאַרריסן ווי אין גאווה, אין אַ געלבלעכקייט פאַרצויגן. געפעלט דאָס ניטשענקאָן און ער פאַרהאַלט די קאָבילע. ער שטעלט זיך אויף, קוקט און קוקט. ער אָטעמט מיט אַן אָפן מויל, שטוינט און זאָגט:

— שיין! שיין! אַ פעלד מיט ברויט איז תמיד שיין!...

אַלעק זוכט אין לעאָנס קעשענע. ער וויל נאָך אַ מאָל זען דאָס שפּי־געלע מיט מאַרצעלאָס פאָטאָגראַפיע, אָבער עס געלונגט אים נישט. דאָס שפּיגעלע האַלט באַלעק, לעאָנס ברודער. לעאָן לאַכט.

ניטשענקאָ מיינט, אַז ער לאַכט פון זיין באַוווּנדערן דאָס פעלד:

— איר זענט „פּאַנעס”, דערפאַר ווייסט איר נישט ווי שיין ס׳איז אַ פעלד מיט ברויט — זאָגט ער און אין זיין שטים קלינגט איראָניע.

עס סקריפּען די רעדער. ער דאַרף אָנפעטסן די אַקסן. די קאָבילע ציט אַרויס פונעם ברויטפעלד, טרעט אַרויף אויף אַ צעאַקערטן וועג און דאָס פאָרן ווערט שווערער. ניטשענקאָ שטעלט אָפּ די קאָבילע. ער באַשליסט אָנצושמירן די אַקסן. מען דאַרף אַראָפּרוקן די רעדער פון די אַקסן. טורעק זאָגט, אַז ער ווייסט ווי אַזוי דאָס צו טאָן.

ניטשענקאָ קוקט זיך איין אין טורעקן:

— דו ווילסט כ׳זאָל פאַרגעסן אין דיין גנבענען ברויט. דיינע אויגן זענען קליין, אָבער דער גלאַנץ אין זיי איז גרויס. כ׳ווייס נישט ווער פון אונדז איז מער נאַר, נאַר קום, דאַוואַי! — רופט ניטשענקאָ אין הייטער־קייט און וואַרפט מיטן קאָפּ, ווי מסכים מיט עפּעס אַ געדאַנק.

אויך אַלעק און די ברידער קרויטמאַן קאָנען די אַרבעט נאָך פון לאַגער. זיי טיילן זיך איין: צוויי נעמען אַראָפּציִען די רעדער פון די אַקסן, צוויי שמירן די אַקסן מיט פעטס, און אויף דער אָנווייזונג פון ניטשענקאָ רוקן זיי צוריק די רעדער.

ניטשענקאָ רייבט זיך די הענט — אין אים דערוועקט זיך צוריק זיין מוט. ער דערמאָנט זיך, אַז די קאָבילע דאַרף אַ טרונק און בייזערט זיך אויף זיך, וואָס אַזוי שפּעט זיך דערמאָנט. צו אַ ברונעם איז נאָך אַ היפּש שטיק וועג צו פאָרן.

טורעק שלאָגט פאָר גיין צו פוס, מאַכן לייכטער דעם וואָגן. ניטשענקאָ קוקט אויף אים, ווי ער וואָלט מעסטן, צי ער איז ביי די קלאָרע געדאַנקען.

— אַ בחור מיט איינפאַלן — זאָגט ער ווי צו זיך. אַ צופרידענער שמייכל פאַרפליסט איבער זיין פּנים, אָבער ער איז נישט מסכּים אויף טורעקס פאָרשלאָג. ער יאָגט די קאָבילע:

— דער טיוּול וועט דיך אַזוי שנעל נישט נעמען! — שרייט ניטשענ־קאָ צו דער קאָבילע און ער אַליין דעכעט שווער.

אָלעק פרעגט צי זיי זענען שוין נאָענט צו דער בורטע? ניטשענקאָ וואַרפט מיטן קאָפּ אויף ניין. די נאַכט וועט ער פאָרן אָן אַן איבעררייס.

*

ווי שווער ס'איז די נאַכט מיט איר פינצטערניש, איז זי נאָך שווע־רער מיט איר הוילקייט, מיט דער טיפער פוסטקייט, ווי אין אַ תּהום. דאָס ווינטל, ווי לינד עס זאָל נישט זיין, פאַכעט עס דאָך פאָרן פּנים ווי שמיצן פון ריטלעך.

נחום שלאָפט נישט. ער רעדט זיך איבער מיט אָלעקן אַז זיי זאָלן זיך שטאַרגען איינער דעם צווייטן, כּדי צו דערוואַרעמען זיך און זיין פאַרטאָן, נישט פילן די צייט.

ניטשענקאָ דעכעט אָפּ: ער וויל זיי זאָלן רעדן, אַז ער זאָל פאַרשטיין.

אין ליכטיקן באַגינען שטעלט זיך אָלעק אויף, כּדי צו זען דעם אַרום. ער דערזעט די בורטע.

ניטשענקאָ שפּרינגט אויף און עטעמט מיט אַן אָפן מויל. ער האָט אָפּגעטאָן אַ שווערע אַרבעט. דאָס וואַסער אין טייכל שטייט ווי אין אַ בעקן. נישטאָ דאָס בריקל. ער ווייסט אַז דאָס וואַסער איז פלאַך, אַז מען קאָן שפּרייזן. אָלעק און די גרופּע פינף שפּרינגען אַראָפּ פונעם וואָגן. זיי ווילן גערן גיין אין וואַסער.

ניטשענקאָ צלמט זיך: אַ חסד דערלעבט. ער מוז נישט שלעפּן די קאָבילע איבערן טייכל. דער וועג איז איר היימיש און זי ציט צו דער שטאָל.

אויף דער צווייטער זייט בורטע שטעלט ניטשענקאָ אָפּ דאָס פֿאָרן. לעבן דער ערשטער געבײַדע, ווו ס׳איז די סאָווכאָז־קאַנטאָר, שטעלט ער זיך און קוקט אַרײַן אין אַ פֿענצטער, צי ס׳איז דאָרט ווער פֿאַראַן. ער וויל מעלדן זײַן קומען, אָבער קיינער איז נישטאָ. ער צלמט זיך איבער און שעפּטשעט:

— זײַ געלויבט, ליבער גאָט, פֿאַרן כּוח אין מיר צו פֿאַרטרײַבן בײזע כּוונות...

ניטשענקאָ וויל נישט אויפֿהאַלטן די קאָבילע. זי קען שוין זײַן אין שטאַל. ער צלמט זיך ווידער איבער און זאָגט אָלעקן, אַז ער מיט די חברים דאַרפֿן וואַרטן דאָ — אַוודאי וועט אַבראַשאַ באַלד קומען.

*

די סאָווכאָז־ביוראָ איז די ערשטע געבײַדע פֿון בורטע־ברעג — אַ הילצערנע פּאַרטער־געבײַדע מיט אַ האַלבן פֿליגל אין איין עק. אויך אין דעם טייל איז דער אַרײַנגאַנג דורך דעם אַלגעמײַנעם קאָרידאָר, וואָס אין פֿראָנט־פֿליגל.

אין ברייטן תּחום פֿון דער סאָווכאָז־באַזע געפֿינען זיך: די מעלמיל, די קוזניע, די טעכנישע וואַרשטאַטן, דער מאַגאַזין, די בעקערײַ, דער קאָמסאָמאָל־קלוב; אויך די שולע, די יאַסלע, די „סטאָלאָוואַיאַ״ און די דירות פֿון די אַרבעטער־משפּחות.

זיצט אָלעק און די גרופּע פֿון פֿינף אויף די שטיגלעך צום אַרײַנגאַנג אין סאָווכאָז־ביוראָ און זיי וואַרטן — דער סאָווכאָז־פֿאַרוואַלטער דאַרף קומען. בײַ אָלעקן איז דאָס וואַרטן איצט אַן אָפּקומעניש. ער קוקט זיך אײַן אין לעאָן קרויטמאַן. ער דערמאָנט זיך אין פֿרײַלין מאַרצעלאַ און אין דער פֿאָטאָגראַפֿיע מיטן שפּיגעלע, וואָס בײַ לעאָנען. עס איז אים איצט אַ גרויס רעטעניש, וואָס די פֿאָטאָגראַפֿיע מאַרצעלאַס איז בײַ לעאָנען. ער זעט נישט אין לעאָנען, נישט אין די תּכונות, נישט אין אויסזען, וואָס זאָל זײַן אין מאַרצעלאַס טעם. לעאָן איז אַ שיקלדיקער, אַ שוים קלעפּט אים אין די מוילווינקלען. נישט אַנדערש נאָר לעאָן האָט בײַ איר גענומען דאָס

שפּיגעלע און דאָס איר נישט צוריקגעגעבן, אָדער ער האָט דאָס געפונען בעתן זיין מיט איר אין איין אויספלוג און ער רעדט זיך איין, אַז זי איז זיין ליבע. ער וויל דאָס הערן פון לעאָנען דעם אמת מיט דער פאָטאָגראַפיע.

מיט אַ מאָל רייסט אָלעק זיך אָפּ פון אָרט. ער גלייכט זיך אויס, ווי אויסצופּרוּוון זיין כוח. ער נעמט לעאָנען אונטערן אָרעם צו זיין נאָענט אים מיטן אויער. ער ציט אים אַוועק פון די חברים, ער שפּאַנט מיט אים אַוועק אין דער ריכטונג פון טייכל:

— ווען האָסטו לעצטנס געזען די פריילין מאַרצעלאַ? אין ביאַליסטאָק ווייס איך, אַז נישט, איז ווען? — פרעגט אָלעק אָן שהיות.

אויף לעאָנען איז אָנגעלאָפן אַ שטראָם פון היץ, און ווי דורך אַ דרוק פון עמעצן — שטעלט ער זיך אָפּ און מיט פאַרוווּנדערונג קוקט ער אָלעקן אין פּנים. ער גורט זיך אָן מיט דרייסט:

— מוז איך דיר זאָגן?

אָלעק שטרעקט אויס צו לעאָנען בײדע הענט: ער איז נישט אויסן קיין שלעכטס.

לעאָן איז אָבער דאָך אין תרעומות. ער שטעלט זיך, מעשׂה ווילער יונג, מיט די הענט אויף די באָקעס:

— און אַז איך וועל דיר נישט זאָגן? — פרעגט ער.

אָלעקן באַשלאָגט אַ רוגז. ער וואַרפט די הענט אין לעאָנס פּנים:

— גיי זיך, גיי... — ער בלאָזט אָן די באַקן אויסצודעכען דעם פאַר־דראָס.

אָלעק קומט צוריק צום ערשטן בנין, טרעפט ער די חברים צעלייגט איבער די טרעפּלעך פון אַריינגאַנג אין סאַווכאָז־ביוראָ. זיי זענען מיד און הונגעריק. ניטשענקאָ איז געוועזן. ער זוכט דעם „זאַוו". ער ווייסט, אַז דער „זאַוו" וועט געבן טאַלאָנען אויף ברויט. און נאָר דאָ זאָלן זיי וואַרטן.

## אַבראַשאַ

דער סאָווכאָז־פאַרוואַלטער וווינט אין אַ הייזקע לעבן דער בורטע. אויך אַבראַשאַ וווינט דאָרט. אַלעקס בליק איז געוואָנדן אין דער זייט. אפשר וואַשן זיי זיך אין דעם טייכל.

די בורטע איז אַ טייכל נאָר אין פּריווילעגציית, ווען דער שנײַ צעגייט אויף די פעלדער און דאָס וואַסער פליסט אַראָפּ פון דער שפּוע. תחילת פאַלט דאָס וואַסער אין טייכל מיט אַ שטאַרקן שטראָם. דער אימפּעט טראָגט אָן אויפן וואַסער טעפּלעך, טעלערס און פּושקעס פון קאָנסערוון — אַלץ וואָס די אַרבעטער לאָזן אין פעלד.

בלויז אַ קורצע צײַט לעבט דער טייל בורטע מיטן אָנפלוס. פאַרן שטעלן זיך פון היישניט פאַלט דער צופלוס. דאָס וואַסער אין דעם טייל טייכל שטעלט זיך און טריקנט פון טאָג צו טאָג. אין דער צײַט ווערט אַפילו איבעריק דאָס בריקל איבערן טייכל — אַוודאי נישטאָ קיין אָרט צום באָדן. דער פאַרוואַלטער און אַבראַשאַ זענען נישט דאָרט.

אַ נידעריק־וווקסיקער, אָנגעטאָן אין אַ זעלנערישער בלוזע, אין אַ וועלאָסיפּעדן־היטל מיט אַ ברייטן דאַשעק, דערנענטערט זיך צום בנין פון דער ביוראָ. ער טראָגט ברילן מיט ברייטע האָרענע רעמלעך. זײַן לאַנג פּנים ווײַזט מילדקייט, אָבער די שוואַרצע געדיכטע ברעמען ווײַזן דעם היפּוך. דער ערשטער איז ער צו דער אַרבעט אין ביוראָ. הוסטנדיק און אײַנגעבויגן פון שווערן הוסטן קומט ער צום אַרײַנגאַנג אין ביוראָ. היות די טרעפּלעך זענען באַזעצט דורך דער גרופּע, פאַרהאַלט ער זיך און באַגריסט:

— זדראַסטוויטיע!

— זדראַסטוויטיע! — באַגריסן אַלע ווי אין אַ כאָר.

— פון טשקאַלאָוו? דאָס זענט איר די פּאָליאַקן? — פרעגט ער היי־מיש און לאַכט — יידן זענען מיר! — רופט ער אויס און רייבט זיך די הענט ווי פון גרויס נחת — פון יידישע טאַטע־מאַמע! אַבראַשאַ רופט מען מיך! אייך אַוודאי: משה, חיים, יענקל! — רעדט ער האַסטיק און פאַרהוסט זיך, אַזש בלאָ ווערט זיין פּנים.

אַלעק וואַרט ביז אַבראַשאַ איז גובר זיין הוסט. ער קוקט זיך איין אין זיין לאַנגן פּנים. ער שאַצט אים: זעט אויס אַ מילדער כאַראַקטער. ער וווּנדערט זיך וואָס ניטשענקאָ האָט אים נישט ליב. ער זעט אים אויס חבריש, גאָרנישט קאָמיסאַריש ווי ניטשענקאָ האַלט.

— חבר אַבראַשאַ איז דאָ אין סאָווכאָז פון דער אַנפירערשאַפט? — פרעגט אַלעק.

— אַנפירערשאַפט! איך ווייס נישט. איך אַרבעט. אַוודאי זאָג איך וואָס איך האָב צו זאָגן. איר דערקענט אין מיר אַן אַנפירער? — פרעגט אַבראַשאַ און ציט איין דעם האַלדז אין אַן אויסדרוק פון ביטול. ער פאַר־שטעלט זיך מיט דער האַנט דאָס מויל, ווי צו באַהערשן זיך אין הוסטן.

— ברויט קענט איר געבן? — פרעגט נחום.

— צום באַדויערן וואַרט איך אויך מען זאָל מיר געבן.

— איז מיט וואָס זענט איר וויכטיק, חבר אַבראַשאַ? — שלאָגט אַלעק אין איראָניע.

אַבראַשאַ איז נישט געפּלעפט. ער נעמט אַלעקן און נחומען פאַר די הענט און ציט זיי אַריין מיט זיך אין קאָרידאָר אַריין. ער פירט זיי צו דער מזרח־וואַנט, ווו עס הענגט אַ טאָוול מיט דיאַגראַמעס, ציפערן, נעמען און געמעלן.

— דאָס איז אַ באַריכט פון אַ פאַרמעסט צווישן די אַרבעטער — דערקלערט אַבראַשאַ.

די רשימה האָט נעמען, און אין ראַנד — צייכענונגען פון: אַן עראָ־פּלאַן, אַ האָז, אַ פערד, אַן אָקס, אַ טשערעפּאַכע.

— דאָס איז מיין טוען — זאָגט אַבראַשאַ — דאָס רעדט...

— מיט שטום־לשון קען מען אויך שעלטן — זאָגט אַלעק.

— די הינטערשטעליקע אין פּאַרמעסט, אַז זיי זעען זיך אויף דער רשי־מה, בייסן זיי זיך די פינגער. אַכצן בראָך צו די, וואָס בלייבן מיט פּאַר־שוואַרצטע פּנימער, נאָר דאָס איז שוין דעם פּאָליטרוקס אַ זאָרג. פּוילאַקעס מוז מען אַ שנעל טאָן פּאַר דער נאָז — גרויסט זיך אַבראַשאַ מיט זיין אויפטו.

אַבראַשאַ דערזעט אַריינקומען אַ הויכוווקסיקן, לאָזט ער אַלעקן שטיין און גייט נאָך דעם הויכוווקסיקן, אָבער ער קומט באַלד צוריק. ס'איז דער הויפּט־בוכהאַלטער — דערקלערט אַבראַשאַ — אַז דער „זאַוו" ווייזט זיך נישט, קען דער הויפּט־בוכהאַלטער געבן טאַלאָנען אין דער „סטאָלאָוואַיאַ".

— קען די „זאַוו־סטאָלאָוואַיאַ" אונדז נישט טרויען און מיר זאָלן שפּעטער אָפּגעבן די טאַלאָנען? — פרעגט אַלעק.

— די „זאַוו־סטאָלאָוואַיאַ" קאָן זיך נישט איינשטעלן אויף אַ ספק — דערקלערט אַבראַשאַ און פאַרהוסט זיך שטאַרק. דער הוסט האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אים אין קעלער ביי די קאַדרען, אין דער „גאָלדטשינע־צייט".

די גאָלדטשינע איז געווען דער רוף צו די בירגער אָפּצוגעבן דער רעגירונג אַלץ וואָס איז פון גאָלד. זענען יידן עקשנים און כאַפּן זיך נישט צום געבן, נעמט מען זיי אין קעלער, כדי זיי אַ ביסל ווייכער צו מאַכן — דערציילט אַבראַשאַ. ער זעט זיך נאָך בעת דער אויפגאַבע: ער איז מיט די יידן אין קעלער. ער רעדט צו זיי, צו זייער געוויסן, זיי זאָלן זיין גוטע בירגער און אָפּגעבן דאָס גאָלד. יידן וויינען, שעלטן. די ווענט זענען אָנגע־זאַפּט מיט קללות. ער געדענקט זיי נאָך, אויסטערלישע קללות: „אַ דונער דיר אין די ציינער — זאָלסט מיינען, אַז דו קנאַקסט וועלשענע ניס", „די אויגן זאָלן דיר אַריין אין האַלדז, וועסטו האָבן אַ ליכטיקע שטימע", „ס'זאָל דיר קאַפּען פון דער נאָז און זאָלסט נישט קאָנען זי דערווישן". איין קללה איז געבליבן מיט אים — „ער זאָל קריגן אַ הוסט און מיינען, אַז ער ניסט". דאָס איז דער הוסט. ער גלויבט נישט אין קיין כישוף, אָבער אין יידישע קללות — יאָ.

— ווער פון אייך קען די סטאַלין־קאָנסטיטוציע?

— איך — רופט זיך אָפּ נחום און גיט אַ טייטש: — תורה איז די בעסטע סחורה, זאָגט אָבער דער פּסוק: „אם אין קמח אין תורה"!...

אַבראַשאַ לאַכט. ער איז נישט געניט אין פּסוקים, אָבער אָט דעם פּסוק קען ער גוט. ער באַווייזט טאַקע, אַז ער קען:

— איז דאָ טאַלאַנען, איז דאָ ברויט, איז נישטאָ קיין טאַלאַנען, איז נישטאָ קיין ברויט! יאָ, יאָ! דער „זאַוו”־פּאַרוואַלטער דאָ איז אַ ווינטש־פינגערל. דער כאַכאַל האַלט חשבון, אַז די צייט גייט ווערט מען עלטער און מען ווערט קעלטער. וואָס ווייניקער ער וועט געבן, אַלץ מער וועט זיך אים קלעפּן... ביי מיר איז ער אַ טריפהנע בריאה. נישט איינער איז ער פון די אַקטיאָרן דאָ; וואָס ער טוט, איז אַלץ אויף פוץ... ער ווייסט, אַז היינט קאָן ער אייך נישט שטעלן צו דער אַרבעט, האַלט ער זיך אין דער קאָנסטיטוציע: „ווער עס אַרבעט דער עסט”...

— ביי אונדז זאָגט זיך: ביז דער קרעטשמע דאַרף מען אויך אַ טרונק בראָנפן — זאָגט אַלעק.

— מען זאָגט דאָס אויך דאָ.

— חכמות זאָגט מען — און קיין טאַלאָנען זעט מען נישט! — זאָגט נחום און ער קוקט צו די ברידער קרויטמאַן, ווי ער וואָלט פרעגן צי ער האָט גוט געזאָגט.

— חברים! די טאַלאָנען זענען נישט ביי מיר.

— איר האָט אַ גוט האַרץ, אַבראַשאַ!

— איך האָב אַ הנאה צו רעדן מיט אייך יידיש. — זאָגט אַבראַשאַ. ער רוקט זיך צום גיין און גייט נישט. ער פאַרהוסט זיך. ער וויל גובר זיין דעם אַטאַק, האַלט זיך מיט די פויסטן, אָבער פאַרגייט זיך דאָך ווי אין אַ קייכן. די אויגן שווימען אים אין אָנפלוס פון טרערן. ס'איז דאָך די אַרבעט־שעהען און ער שפּאַנט אַריין אין ביוראָ.

*

אין די ביוראָ־צימערן קלאַפּן די באַאַמטע אויף די רעכן־ברעטלעך, ווער שנעל, ווער מיט ישוב־הדעת.

אַלעק קוקט אַריין צו אַבראַשאַן:

— געדולד איז אַ סגולה צו שלעכטע צייטן. פאַראַן אַזאַ ווערטל, אַז די שלעכטע צייטן ציִען זיך אָן אַן אויפהער, ווי גרויס דאַרף זיין דאָס

געדולד? — רעדט אַלעק לעבן פענצטער צו אַבראַשאַן — דער פּאַרוואַל־טער האָט דאָך אַ כאַטע, זאָגט ווו, און איך גיי צו אים.

— נאָך אַלץ נישט געווען?

— ניין!

— איך שטעל אויף זיין באַריכט־בויגן אַ פּרעגצייכן!...

— איר סטראַשעט נישט די געגנדז, אַבראַשאַ?

— ס׳וועט אים פאַרגיין ביז אין דער זיבעטער ריפּ...

ווי אָנגעיאָגט דורך אַ ווינט לויפט אָן דער „זאַוו". הויך און ברייט־פּלייציק איז ער, דער „זאַוו" — אַ הערקולעס. אַ געלער קאָפּ האָר און צעפּלאָשעט. זיין רונדיק לבנה־פּנים איז צעהיצט. אַ שראַם, פון אַ שניט אַפּנים, איז אים געבליבן אויף זיין ברייטער נאָז.

אַבראַשאַ רופט אים:

— סערגעי סערגעיעוויטש!

דער „זאַוו" גייט צו אים, און נאָך אין דער צעהיצטקייט קומט ער אַרויס, בלייבט שטיין ביי די טרעפּלעך פון אַריינגאַנג. ער האַלט אין האַנט אַ בלאַק טאַלאָנען. אַלעק איז אים אונטער דער האַנט. ער ווייסט שוין ווער די גרופּע איז און ער גיט אַלעקן די טאַלאָנען פאַר אַלע זעקס. ער זאָגט, אַז זיי דאַרפן מאָרגן באַגינען וואַרטן פאַר דער מעלמיל און זיי וועלן אַרויספאָרן אין פעלד צו דער בריגאַדע. מיטן זעלבן אימפּעט גייט ער אַוועק. ביי אַלעקן זענען די טאַלאָנען, אָבער ס׳איז שוין אַ צייט נאָך פרישטיק, צי איז די „סטאָלאָוואַיאַ" נאָך טעטיק?

דער בנין, ווו די „סטאָלאָוואַיאַ", איז אַנטקעגן דעם סאָווכאָז־ביוראָ. די „סטאָלאָוואַיאַ" איז נישט טעטיק, דאָך נישט געשלאָסן. נחום זאָגט: „הונגער ברעכט אייזן" און זיי זאָלן זיך ווענדן צו דער „זאַוו־סטאָלאָוואַיאַ" און וואַרפנדיק מיט די הענט ווייזט ער זיי זאָלן אים נאָכגיין.

*

די „סטאָלאָוואַיאַ" איז לאַנג און שמאָל. צוויי שורות טישן שטייען אין דער לענג פונעם זאַל. די טישן זענען נישט געדעקט. די האָלצפּלאַטעס זענען גלאַטיק אָפּגעהיבלעוועט, אָבער אָן אַ גלאַנץ, רוי, ווי ס׳איז דער

אַרט האַלץ. ס׳זענען בולט די אַדערן און די סענקעס. די ווענט זענען באַהאַנגען מיט בילדער פון מאַרקס, לענין און סטאַלין. אַרום די ווענט זענען צעהאַנגען רויטע לענטעס מיט אויפשריפטן, לאַזונגען אין גרויסע ווייסע אותיות: „חבר! האַלט אַן דעם פּאַרמעסט! אונדזער פּראָצענט־נאָרמע איז כּבוד און רום!" „חבר! אַפּגעגעסן — דער פּלאַץ איז שוין נישט דיינער!"

לענג־אויס די טישן שטייען בענק אַן אַן אַנלען. שטיל איז אין דעם עסזאַל. קיין ילוד אשה איז נישטאָ. ס׳איז קלאָר ביי חברה, אַז פּאַר פּריש־טיק איז צו שפּעט און צו מיטאָג — צו פרי.

אויף אַלעקס רוף צעהוסטן זיך אַלע ווי איינער. זיי רוקן די בענק, די טישן און מאַכן טומל, און אויסן זענען זיי דערמיט — אויב ס׳איז ווער דאָ, זאָל ער זיך אָפּרופן און באַווייזן.

באַווייזט זיך טאַקע אַ פרוי, ווי אַריינגעשוועבט. אין אַ ווייסן כאַלאַט איז זי, אין אַ ווייסן טשיפּיק אויפן קאָפּ. אַ פולע פיגור, אין ברילן מיט מעטאַל־רעמעלעך. זי שטייט אַן איבעראַשטע:

— וו׳טשאָם דיעלאָ? — פרעגט זי אויפן הויכן קול.

אַלעק מיט די טאַלאָנען גייט איר אַנטקעגן. די פרוי נעמט נישט די טאַלאָנען. זי קען זייער קאָליר. זי שטייט שטייף, ציט אין די ליפּן אין אַ זייטיקן שמייכל, כּדי דער שמייכל זאָל זיך נישט אָנזען. זי, דער „זאַוו־סטאָלאָוואַיאַ" און קיך, ווייסט נישט וועגן זייער קומען. זי האָט נישט קיין פּראָדוקטן פאַר אַזאַ צאָל חברים. אַז מען שיקט נישט פון מאַגאַזין, איז נישטאָ...

אַלעק לויפט צו אַבראַשאַ. ער רופט אים אַרויסצוגיין. אַבראַשאַ איז דערשראָקן — צי איז עפּעס שלעכטס געשען? זיין פּנים איז בלאַס. מיט אַ בלעזלדיקער שטים פרעגט ער:

— איז ווער פון אייך אַוועקגעפאַלן?

אַלעק דערציילט אים די טענה פון דער „זאַוו־סטאָלאָוואַיאַ".

— אַבי נישט קיין פּאַרפאַל! — באַרוּיִקט זיך אַבראַשאַ און באַרוּיִקט אויך אַלעקן — דער סערגעיעוויטש, ווי הויך ער איז, אַזוי גרויס בלאָפער איז ער. אַן אַרטיסט! סיי ער גייט, סיי ער שטייט, וואַרפט ער מיט די הענט

און פלאַפּלט — מען זאָל מיינען, אַז ער איז שטאַרק פאַרנומען. אַ פּאַזיאַר. זיין פאַרוואַלטן א״ז ווערט אַ שישקע פּולוער. ער שרייט, טומלט, כאַפּט די פּיש פאַר דער נעץ. דאָס זענען אַקטיאַרישע שטיק... אין דער דיעלאַ מיט אייערע טאַלאַנען, זייט זיכער, אַז איך שטעל אין זיין באַריכט־בויגן אַ פּרעגצייכן... ס׳איז אויך כדאי צו דערלאַנגען דעם עניין דעם פּאַליטרוק. אַ קאַפּיטשקע געדולד, חבר! — רופט אַבראַשאַ. ער דערמאָנט זיך אין עפּעס און גייט אַוועק.

זעצט זיך אַלעק אויף אַ טרעפּל פון אַריינגאַנג אין ביוראָ און וואַרט אָפּ אַבראַשאַן.

באַלעק קרויטמאַן שלאָגט פאַר: האַלטן די טאַלאָנען פאַר אַ זכר און אַוועקגיין פון סאַווכאָז.

מיט אַ מאָל באַוויזט זיך אַבראַשאַ. פון גרויס אימפּעט האַלט ער די ברילן אין די הענט און פּוצט די גלעזלעך.

— שוין ברענג איך אייך ברויט! — רופט ער און לויפט. ער קערט זיך נישט דירעקט אין מאַגאַזין. דער פאַרוואַלטער פון מאַגאַזין איז מאָבי־ליזירט, פאַרטרעט אים זיין כאָזאַיקע. אַבראַשאַ גייט צו איר אין דער כאַטע. ער האָט אונטערגעשריבן דורך דעם הויפּט־בוכהאַלטער צו קריגן ברויט און עפּעס פון גרינס. עס דויערט נישט לאַנג און אַבראַשאַ קומט מיט ברויט און אוגערקעס און אַ טרוקן קעזל. אַ טריומף־פרייד איז פאַר־צויגן אויף זיין קליין פּנים:

— איך האַלט, אַז איר דאַרפט אויך עפּעס צום טרינקען — זאָגט ער געמיטלעך און ער שלאָגט זיי פאַר זויערע מילך — די קאַזאַכקעס רופן דאָס יאָגאַרט. איך האָב קרעדיט ביי די קאַזאַכקעס.

— אַ קראַנקן פרעגט מען, אַ געזונטן גיט מען — זאָגט אַלעק.

*

די קאַזאַכישע משפחות אין סאַווכאָז וווינען אַלע אין איין קוואַרטל, וואָס מען רופט מיטן נאָמען „קאַזאַכיש קוואַרטל״. דער קוואַרטל באַ־שטייט פון עטלעכע הילצערנע כאַטקעס, וועלכע זענען צוזאַמענגעשטעלט פון בעלקעס, און די שפּאַרעס זענען פאַרשטאָפּט מיט מאָך און גראָז. אויף

טייל ערטער, אין מאָך, שפּראָצן געלע שוואָמען. אין דער דרויסנזייט זע־נען די בעלקעס נישט געקאַלכט און נישט געפאַרבט. קיין גרויסע ליכט קומט נישט אַריין דורך די קליינע פענצטערלעך און די שמאָלע נידעריקע טירלעך. ווי פאַרעלטערט עס זענען נישט די כאַטקעס פון דער דרויסנ־זייט, קומט דאָס נישט צו דעם אינעווייניק: האַלבע ווענט זענען באַהאָנגען מיט קילעמס, די אַנדערע העלפט איז געקאַלכט מיט עטלעכע פאַרבן: בלאָ, געל און ראָזע. דאָס מעבל באַשטייט בלויז פון אַ טאַפּטשאַן, וואָס איז אויך באַדעקט מיט אַ קילעם; נישט קיין טיש, נישט קיין בעט. אויף דער פּאָדלאָגע זענען צעשפּרייט געפלאָכטענע ראָגאָזשעס. אויף זיי שלאָפט מען און אויף זיי עסט מען. חוץ די קילעמס זענען אויף די ווענט צעהאָנגען קופּערנע כּלים: טעפּלעך, קוואָרטן, טשייניקעס און פענדלעך, קריגלעך מיט לאַנגע שנאָבלען און גרויסע אויערן. די קאַזאַכישע פרוי אין סאָווכאָז פאַרדעקט נישט איר פּנים און די הענט, נאָר אין גאַנצן איז זי באַהאָנגען פון קיטלען און ס'איז זיך נישט פונאַנדערצוקלויבן אין דער פאַרב, סיי צוליב דער אַלטקייט און סיי דורך דער אָפּגעשאָסנקייט פון דער זון. זומערצייט זענען זייערע פיס באָרוועס, ווינטערצייט — אין שטרויענע לאַפּטשעס.

די קאַזאַכן, מענער, זענען אַלע מיט געדיכטע בערד און ברייטע וואָנצעס. זיי שערן זיך אַליין מיט דער שער, מיט וועלכער עס ווערן גע־שוירן די שעפּסן. די וואַשבאָד איז זיי נישט ניחא. תמיד שלאָגט פון קאַזאַך אַ זויערער ריח פון שוויס. דער קאַזאַך איז פאַרלייזיקט און ער עסט זיינע לייז, אָבער נאָר זיינע, ס'איז זיין בלוט — זאָגט ער. אַז מען וויל, ווייזט ער ווי אַזוי ער מאַכט דאָס. ער שטעקט אַריין די האַנט אין בוזעם, נעמט זיך אַרויס אַ שפּאָר ביסל לייז אין דער פויסט, און כּדי ס'זאָל אים זיין באַטעמט, לייגט ער זיי אויף אַ קופּערן שטערצל, שטעלט דאָס אַרויף אויף געגליטע קוילן צום פּרעגלען. ער קנייפּט אָפּ אַ שטיקל פון דעם פּלעצל, טונקט איין אין דעם געפּרעגלעכץ און עסט און אין פולן תענוג באַלעקט ער די פינגער.

אַבראַשאַ איז היימיש מיט די קאַזאַכקעס, אָבער אין דער כאַטע אַריינ־צוגיין, אַז דער קאַזאַך איז נישטאָ, וואַגט ער נישט. ער בלייבט שטיין אין

דרויסן לעבן פענצטער. די קאַזאַכקע ווייסט שוין נאָך וואָס ער קומט. זי דערלאַנגט אים דורכן פענצטער אַ שיסל מיט יאָגאָרט און שעלעכלעך. דער יאָגאָרט זעט אויס ווי געזעצטע מילך. קאַלט פון שטיין אין קעלער. קיין איינער פון זיי זעקס, איז זיך נישט משער, אַז ער טרינקט נישט קיין קעפיר, ווי געדענקט פון דער היים. זיי טרינקען אָבער שנעל, כּדי נישט חרטה צו האָבן אין מיטן פון טרינקען.

אַבראַשאַ וויל דאָך זיין אויפריכטיק, זאָגט ער זיי, אַז דער באַטעמטער געטראַנק איז פון קעמלמילך, אָבער זיי האַלטן, אַז ער שפּאַסט...

טורעק וויל אַרבעטן ביי זיין פאַך — פריזירער. דער „זאַווסאַווכאַז" איז נישטאָ און ער האָט נישט מיט וועמען צו רעדן. ער וועט מוזן ווי אַלע אַרויספאָרן אין פעלד צו דער בריגאַדע, און ער וויל דאָס נישט.

אַלעק געפינט פאַר אים אַן עצה: ראַזירן יעדן איינעם פון זיי. די באַאַמטע פון ביוראָ זאָלן דאָס זען און זיין באַוווסט.

טורעק איז מסכּים, אָבער ער האָט נישט קיין גוטע בריטוועס.

אַלעק פרעגט ביי אַבראַשאַ, צי האָט ער נישט אַ גאַלמעסער?

די באַאַמטע דערהערן — אַ פריזירער פאַראַן, ווערט אַ רעש: ווו זענען די כּלים פון דעם פריזירער, וואָס איז מאָביליזירט?

— ביים פאַרוואַלטער!

— ביים פאַליטרוק!

— אין קאָמסאָמאָל־קלוב!

— ביים מאַגאַזינער!

דער הויפּט־בוכהאַלטער הייבט אויף דעם קאָפּ פון די פּאַפּירן און זאָגט, אַז ביי דער פּוילישער, וועמען וואַניאַ, דער טראַקטאָריסט, האָט זי זיך געבערענגט אַהער, איז פאַראַן וואַניאַס גאַלמעסער. וואַניאַ האָט דאָס נישט גענומען מיט זיך.

אַלעק, דערהערנדיק, אַז אַ פּוילישע פרוי איז פאַראַן אין סאָווכאָז, האָט עס אים אַ פּיק געטאָן אונטערן האַרץ — אפשר אַ היימישע? ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל ווי ס'גיט אַלעקן אַ פּיק אונטערן האַרץ. אַפּט אויס הונגער, אויס בענקשאַפט צו דער היים, פרוי און קינד. ער וואָלט שוין גאָרנישט געוואָלט וויסן, אָבער דאָס מאָל האָבן די רייד פון הויפּט־בוכ־

האַלטער אים נישט אָפּגעלאָזט פון טראַכטן וועגן דער פּוילישער, און ער שטייט צו צו אַבראַשאַן — צי ווייסט ער נישט וואָס וועגן דער פרוי, די פּוילישע?

אַבראַשאַ ווייסט, אַז ס'איז פאַראַן אַ פּוילישע. זי איז שוין פון אַ צייט אין סאָווכאָז, לאַנג נאָך פאַר זיין קומען. ער האָט זי שוין נישט איין מאָל געזען, די גרינאַוויגיקע. זי אַרבעט אין פעלד מיט דער בריגאַדע. אויף ביי נאַכט קומט זי אין דער סאָווכאָז־באַזע. זי וווינט מיט קאַטיאַ די לערערקע, די פאַרוואַלטערין פון קאָמסאָמאָל־קלוב. ער געדענקט נישט איר נאָמען, אָבער אַז אַלעק וויל דאָך וויסן, וועט ער נאָכזען אין די רשימות. אַלעק קען פרעגן ביים פּאָליטרוק — ווייזט אַבראַשאַ אים אָן — דער פּאָליטרוק וועט זיכער באַלד קומען אין ביוראָ. ער פירט זיך, אַז ווען ס'קומען אין סאָווכאָז אַריין נייע אַרבעטער, קומט ער זיך באַקענען מיט זיי.

# פּאָפּאָוו דער פּאָליטרוק

פּאָפּאָוו, דער פּאָליטרוק, איז יונג. ערשט עטלעכע יאָר ווי ער געפינט זיך דאָ אין סאָווכאָז. דער סאָווכאָז ביי דער בורטע איז זיין ערשטע פּלאַצוווקע. ער איז דער אָפיציאַל, דאָס צינגל אין דער וואָגשאָל, דער משגיח איבער כשרות אין דער ליניע; ער איז דאָס אויג, דאָס אויער, דער פּוסק־אחרון...

פּאָפּאָוו איז הויכוווקסיק, בלאָנדהאָריק, האָט מאַטגראָע אויגן. פּאָפּאָווס ליפּן זענען רויט, ווי קאַרמינירט מיט אַ שטיפט. ער האָט אויך חן־גריבלעך אין די פּולכנע באַקן — אַ שיינער. זינט דעם אָנהויב פון זיין קאַריערע איז פּאָפּאָוו מקפּיד אין הערן און אָבסערווירן. אויף יעדער פאַרזאַמלונג פון די אַרבעטער לאָזט ער רעדן יעדן איינעם, ווער עס וויל. פון די רעדערייען אָריענטירט ער זיך: ווער, ווו און וואָס, אויף וועמען צו שטעלן דעם טראָפּ. ער האָט גערן זיך צוצוהערן צו פאַרוווּרפן און קריגערייען. שטעלט ער עמעצן אונטער אַ פרעגצייכן, האַלט ער אים אויף די פאָדיום־ברעטער ביז יענער דערקלערט זיך צו אַ פאַרמעסט מיט די שלאָגלער. פּאָפּאָוו האָט נישט ליב די שלווה. — „רו, זאָרגלאָזיקייט, איז אַ באַווייז פון גלייכגילט און אַן אָפּשטעלן דעם דראַנג צו העכערס" — דערקלערט ער. ביים סוף פון יעדער פאַרזאַמלונג רופט ער:

— חברים, נעמט זיך אין די הענט וועט צו זיין די אויסצייכענונגען. זיי וואַרטן, די אויסצייכענונגען, זיי ליגן אין אייערע הענט!

פּאָפּאָוו, דער פּאָליטרוק, האַלט זיך נישט אָפּגעזונדערט. קליין און גרויס קאָן אים אָפּשטעלן און אים אַ טשעפּע טאָן: אָנשטאָט פּאָפּאָוו, רופט מען אים פּאָפּ, אַן אָנדייטונג אויף אַ פּאָפּ אין צערקווע. ער נעמט אָן דעם הומאָר און פאָדערט אָפילו נישט קיין רעספּעקט.

אין אַלע ענינים האָט ער צוויי צוגאַנגען: פרייהייט און חשד. געפינט ער אין עמעצנס אויפפירונג אַ פּגם, וואָס פּסלט זיין טרייהייט און יענער קאָן זיך ביי אים נישט כּשר מאַכן — פאַרבעט ער אים צו זיך און באַך האַלבער נאַכט ווייסן שוין נישט זיינע נאָענטע ווו אים צו זוכן. טראָגט מען אים צו וועגן אַ בירגער, וואָס האַלט זיך נישט לויט דער ליניע — נעמט ער אים אויף אַ פאַרהער און חשד, ביז ער דערגייט דעם אמת, דעם פרעגצייכן מעקט ער דאַך נישט אויס.

פּאָפּאָוו, דער פּאַליטרוק, ווייסט שוין וועגן דעם אָנקומען פון אַ גרופּע פּוילישע פון טשקאַלאָוו. לויט זיין פּאָזיציע, דאַרף ער נישט וואַרטן דער באַרג זאָל קומען צו מחמדן.

אַלעק, ווי ער דערזעט נאָר דעם שיינעם מאַנצפּאַרשוין, נישט אין קיין אַרבעט־בגדים, איז ער זיך באַלד משער אַז דאָס איז דער פּאַליטרוק.

פּאָפּאָוו איז דרייסט:

— פּאַליאַקי? — פרעגט ער, שמייכלט צו און וואַרפט מיטן קאָפּ אין אומגלויבן.

— יידן זענען מיר, פּליטים פון פּוילן. פון טשקאַלאָוו קומען מיר. אַרבעטן דאָ — דערקלערט אַלעק.

— איר קומט פון אויסבעסערונגס־לאַגער, נישט אַזוי? — פרעגט פּאָפּאָוו און קוקט פון הינטערן שטערן.

— פון דער אַרמיי. נישט איינגעגלידערט — זאָגט אַלעק צו גענויער אינפאָרמאַציע.

— נישט פון לאַגער? — פרעגט פּאָפּאָוו מיט אַ טאָן פון אומגלויבן.

— אויך פון לאַגער.

— באַפרייט דורך אַמנעסטיע, אָבער נישט פון שולד — ווייזט פּאָפּאָוו, אַז ער איז גוט אינפאָרמירט.

— די באַשולדיקונג איז אַ טעות — ווענדט אַלעק אָפּ.

— דער טעות איז אייערער, נישט פון דער מאַכט — זאָגט פּאָפּאָוו אין אַ זיכערן טאָן.

דער לעצטער זאַג פון פּאַליטרוק טוט אַלעקן ווי אַ ברי, און נישט נאָר אים — אויך נחומען. ער שטעלט זיך פאַרן פּאַליטרוק, ער וויל רעדן.

דער פּאַליטרוק טוט אַ וואָרף מיט דער האַנט. ער ווייזט אים ער זאָל זיך אַנידערזעצן. אויך ער זעצט זיך אויפן טרעפּל.

אַלעק זאָגט ווידער, אַז ער איז נישט גענוי אינפאָרמירט אין דער דיעלאָ.

פּאָפּאָוו איז דאָך נישט געפּלעפּט פון אַלעקס היצן זיך. ער האַלט זיך קאַלט, באַהערשט, ווייזט מיטביידע הענט מען זאָל אים הערן:

— איר, פּליטים, זענט געקומען אַהער דאָ, לאָמיר זאָגן — נישט צו דער מאַמען, נאָר צו זען זיך מיט דער „כּלה". די „כּלה" איז די שענסטע אין דער וועלט, און איר האָט זי פאַרשעמט ביי איר אין הויז. זיך איינגעקוקט אין איר, וואָס פאַראַ מייטקעס זי טראָגט און געדרייט מיט דער נאָז, אָפּגעוואָרפן דאָס פאַרבינדן זיך מיט איר. איז וועמענס ווערדע איז געשלאָגן געוואָרן, אויב נישט דער כּלהס? זייט אויפריכטיק!

— אדרבה, גראַזשדאַנין! — רופט זיך אָפּ נחום, דער אויסטויגער אין רוסיש. ער שטעלט זיך אויף, אַנצווייזן אויף כּבוד צו דעם פּאַליטרוק — נישט איין מאָל טרעפט, אַז די כּלה איז נישט צום האַרץ, און זאָל זי זיין די שענסטע, אויב נישט צום האַרץ, מוז מען זיך פאַרקנסן? אדרבה, זייט איר אויפריכטיק!

— איך זע, ביסט בלאָס געוואָרן. שרעק זיך נישט. איך בין נישט אויסן צו פאַרשן דיך. דיין מאָטיווירונג איז אַ פּלאָנטער פון האַרציקייט און לאָגיק. אין דעם גייסט ביסטו דערצויגן געוואָרן. ביי מיר, אַ קאָמוניסט, איז דאָ אַן אָפּקלויב אין די באַגריפן: האַרץ מאַנט — סענטימענט; לאָגיק — נעגירט עמפּינדלעכקייט. קאָמוניזם איז אַבסאָלוטע גלייכהייט; האַרץ האָט נישט די אייגנשאַפט. פּאַלט ביי דיר דער דופק — ביסטו שוואַך, שטייגט ביי דיר דער דופק — ביסטו אויף ס'ניי שוואַך. נעם און אַנאַליזיר: ביסט אַנטלאָפן פון דיין פּאָלשאַ — דיקטירט דורך דער לאָגיק — דאָרט איז שלעכט. די היטלעריסטן זענען פאַרברעכערס. דאָ, אין דער נייער וועלט, קאָן דיר גוט זיין. דאָס אַלץ איז לאָגיק. אַנאַליזיר דעם צווייטן באַגריף — סענטימענט. ס'האַרץ ציט, צאַפּלט. נישט די כּלה איז אין אַ רעם, נאָר די געזעלשאַפט. דו דאַרפסט געהערן דער געזעלשאַפט. דאַרפסט אַראָפּלאָזן די פליגל, ווייל די כּלה וויל דיך אַ גאַנצן, האָבן איבער דיר

די קאָנטראָל, איבער דיין טראַכטן, איבער דיין באַוועגונג, און דו זאָגסט — מוחל טובות...

— ס׳ווילט זיך דעם נדן אָן דער כלה — רייסט נחום איבער פּאָפּאָווס רעדן און לאַכט.

— דיין רייסן זיך צוריק אין דיין פאַלשאַ האָט דיר דיקטירט סענטי־מענט, נישט אַזוי? — זאָגט פּאָפּאָוו און וויל ממשיך זיין אַנאַליזירן.

— טיילוויז יאָ.

— וואָס מיינט טיילוויז?

— די היים, קודם כל.

— וועלכע היים?

— ווו מיר זענען אַ מאָל געווען.

— ווער זענט איר דאָרט געווען? ביי וואָס באַשעפטיקט?

טורעק שטעלט אָן זיין גווידער:

— איך בין געווען אַ פריזירער.

— איך — אין אַ מעלניצע — ווייזט נחום אויף זיך.

— איך — אַ שניידער! — רופט זיך אָפּ משה.

פּאָפּאָוו ציט איין דאָס מויל ווי אין שטוינונג. דער קנייטש אין דער גאָמבע ווערט אים גרעסער. מיט פאַרזשמורעטע אויגן קוקט ער זיך איין אין באַלעק קרויטמאַן.

באַלעק קרויטמאַן דערכאַפּט פּאָפּאָווס בליק, וואַרט ער נישט אויף פרעגן. ער ווייזט מיט דער האַנט אויף זיין ברודער און זאָגט מיט גאווה:

— צינקאָגראַפיער!

אַלעק באַווייזט נישט אַרויסצורעדן קיין וואָרט, ווי פּאָפּאָוו זאָגט:

— אַלע אַרבעטער! קיין איין קופּיעץ! יידן — און נישט קיין סוחרים!

— רופט ער אויף אַ הויכן קול, לאַכט און וואַרפט מיטן קאָפּ. ער גלייבט נישט, ער ווערט ערנסט:

— פּאָקושאַלי? (געגעסן) — פרעגט פּאָפּאָוו.

— יאָ! — ענטפערט אַלעק, אָבער מיר האָבן נאָך נישט קיין קוואַרטיר.

— אין פעלד צו דער בריגאַדע פאַרט איר נישט?

— וועגן אַ געלעגער אויף היינט איז אונדזער זאָרג.

— בודיעט! (ס'וועט זיין) — טוט ער לייכט אַ וואָרף מיט דער האַנט, ווי צו זאָגן, נישט פון די וויכטיקייטן — יידן, פּליטים — רעדט ער צו זיך. ס'איז קענטלעך, אַז ער פּלאָנטערט זיך נאָך אין אַן אינערלעכן וויכּוח.

✶

אַלעק און נחום זעצן זיך צוריק אויף די טרעפּלעך. זיי זענען אַנט־שלאָסן נישט צו רעדן מער מיט פּאַפּאָון וועגן, ווי ער זאָגט — פּליטים־פּראָבלעם. זיי ווייסן פון פאָרויס, אַז זיי וועלן פּאַפּאָון נישט איבעררעדן.

פּאַפּאָו רירט זיך נישט צום אַוועקגיין. ער ציילט די פינגער פון זיין האַנט. נחומען איז שוין פריקרע פּאַפּאָוס צושטיין. ער זאָגט צו אַלעקן:

— זיין זיצן צעטראָגט מיך.

מיט אַ מאָל נעמט פּאַפּאָו אַן טורעקן ביים אַקסל:

— דערצייל מיר וועגן דיין שטייגער לעבן אין דיין פּאָלשאַ.

טורעק שטעלט אָן זיין גוידער. ער איז צעטומלט פון דער ווענדונג.

אַלעק קוקט זיך איבער מיט נחומען, ווי צו פרעגן: צו וואָס ווידער אַ שמועס וועגן נעכטיקע טעג?

נחום ווייזט מיט אַ קאָפּ־באַוועגונג — ער וועט רעדן.

— גראַזשדאַנין! טורעק פאַרשטייט נישט. ער קען נישט גוט רוסיש. איך קאָן דיר דערציילן וועגן זיך און מיין היים.

— לאַדנאָ! לאַדנאָ, דאַוואַי! (פיין, פיין, דערצייל).

— די מעלמיל, מיין שווערס — זאָגט נחום מיט באַטאָנונג, און ער שילדערט די געביידע, געבויט פון רויטע ציגל, מיט אַ הויכן קוימען. ער געדענקט דעם גרויסן הויף, וואָס האָט אַריינגענומען וועגענער און פּלאַט־פאָרמעס — די מעלמיל האָט געאַרבעט אָן איבעררייס פולע מעת־לעתן. וועגענער מיט תבואה אַריין, און אַרויס מיט מעל. פרייטיק צו האַלבן טאָג איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דאָס מאָלן, כּדי די אַרבעט זאָל זיך נישט פאַר־ציִען אין שבת אַריין.

— שבת אַרבעט מען נישט — דאָס ווייסט פּאַפּאָו.

— דעם שווערס ווױנונג — פינף צימערן. אַלע פיר טעכטער — חתונה־געהאַטע. איין טאָכטער, אָן קינדער, וווינט מיט טאַטע־מאַמע —

דאָס בין איך איר מאַן און זי מיין ווייב. דאָס מעבל אין די שטובן: שענק פאַר קליידער, פאַר וועש, קרעדענצן פאַר געפעס, עטאַזשערקעס פאַר גלאָזוואַרג, פאַר וואַזעס, קאָמאָדעס פאַר געשיר, אַלמערלעך פאַר געטראַנקען — וויין, ליקער און וואָדקאָ.

— וואָדקאָ!? — פרעגט פּאָפּאָוו.

— יאָ, וואָדקאָ 95ער. די קיך מיט צווייערליי קיכגעשירן: אויף יום־טוב, און באַזונדער אויף וואָכנטעג. חוץ טעפּ, פאַנען, פּאַטעלניעס, קריגלעך און טשייניקעס, אויך טעלערס, טעלערלעך, פּולמיסקעס, וואַזעס, שיסלען און פיליזשאַנקעס. די שוויגער האָט געהאָט אַ געהילף, אַ פרוי פון דער שטאָט. צו די פרייטיק־צונאַכט־סעודה׳ס זענען אויך געווען די טעכטער, אָנגעטוענע אין זיידענע קליידער, „שאָלקאָוויע פּלאַטיע״ — שטרייכט נחום אונטער דעם מין שטאָף.

— שאָלקאָוויע פּלאַטיע? ביסט זיך נישט טועה? — פרעגט פּאָפּאָוו און שאָקלט מיטן קאָפּ אין צווייפל.

— שאָלקאָוויע, זיידענע, ווי איך זאָג — גיט נחום צו מיט אַ באַזונדערן טאָן. ער פילט זיך פריי אין רעדן. ער שילדערט אים דעם שווער און די איידעמס אין די אַטלאַסענע קאַפּאָטעס און דאָס קומען פון דער שול מיט געזאַנג.

— און דו מיט זיי?

— יאָ!

פּאָפּאָוו קוקט אים אין פּנים, ווי צו פאַרזיכערן זיך אַ געדאַנק. נחום שילדערט אים די ליכטיקייט אין די שטובן, די מעשענע הענגלייכטער, די געניקלטע קאַנדעלאַבערס, די הויכע זילבערנע לייכטער אויפן טיש, געדעקט מיט כל טוב, די צוויי גרויסע חלות, דעם זילבערנעם בעכער מיט וויין, איבער וועלכן דער טאַטע־שווער האָט געמאַכט דעם קידוש, אויך פאַר די איידעמס זענען גרייט געווען בעכערס מיט וויין. די פרויען זענען ביי דער זייט פון די מענער. דער מאַן מאַכט קידוש, זאָגן די פרויען — אָמן.

פּאָפּאָוו לאַכט. דאָס וואָרט אָמן קען ער.

נחום וואַרט אַ ווײַלע, כּדי צו זען, צי פּאַפּאָו וויל נאָך הערן. אַז פּאַפּאָו רירט זיך נישט, איז ער ממשיך דערציילן: אויפן טיש אַ פּולמיסיק מיט פיש, אַ וואַזע מיט יויך, בעת די שוויגער טיילט יעדן איינעם אַ פּאָרציע פיש אין זיין טעלער, זינגט דער שווער אַ ניגון, וואָס איז לויטער הייטערקייט. אַלע ביים טיש העלפן אים זינגען. ס'איז ווי אַ כאָר.

— דער שטייגער איז אויך דאָ. ווען אַ פּראַזדניק, איז וואָדקאַ, אַ געפּרעגלעכץ, געזאַנג.

נחום לאָזט זיך נישט צעמישן:

— ביי אונדז איז נישט דער עיקר געווען דאָס עסן. דערהויפּט איז געווען אָפּצוהיטן דעם כּבוד פון שבת. צו מאָרגנס איז מען ווידער געווען אין שול. אין האַלבן טאָג — צוריק פון שול צוזאַמען מיט פריינד צו נעמען אַ כּוסע וויין און פאַרבייסן פון עפּלקוכן. די פאַרבעטענע זענען אַוועק, האָט מען זיך געזעצט צום טיש, ווי נעכטן: די איידעמס מיט די פרויען און די קינדערלעך. אויפן טיש טעלערס און טעלערלעך. געהאַקטע לעבערלעך מיט ציבעלעס, און פיש, און טשאָלענט מיט קישקע, און לאָקשן־קוגל און עטלעכע ערליי פליישן: געגנדזענע פּולקעס, געדעמפּטן לעקער, געפּעקלט רינדפלייש און אַ מייערן־צימעס.

— ביי אונדז אין אַ פּראַזדניק עסט מען אויף אַ האַלבן חזיר.

— שבת־צו־נאַכטס איז אויך אַ סעודה — איז נחום ממשיך און קוקט אויף פּאַפּאָון.

— איך הער, איך הער! — מוטיקט אים פּאַפּאָו.

— די סעודה שבת־צו־נאַכטס פלעגט זיך אָנהייבן מיט אַ שנאַפּס. דאָס פאַרבייסעכץ — געפּעפערטער הערינג, געבראָטענע קאַרטאָשקעס, און דערצו גוטע געטראַנקען: מעד און ביר. אַלע יידן אין שטאָט פלעגן מיט אַזאַ כּבוד אויפנעמען די נייע וואָך.

— אַלע יידן? — פרעגט פּאַפּאָו און אין זיין שטים קלינגט צווייפל. נחום כאַפּט דעם אָטעם:

— יעדער ייד איז איין מאָל אין יאָר אַ „קאַראָל" — זאָגט נחום.

— קאַראָל?! — פרעגט פּאַפּאָו.

— קאַראָל, קאַראָל! — חזרט נחום איבער אין גאווה — נישט קיין באַטיושקאַ צאַר — זאָגט נחום אים צו באַרויִקן.

— פּאָניאַל! פּאָניאַל! (פאַרשטאַנען, פאַרשטאַנען).

— דאָס איינע מאָל איז אין יום־טוב פּסח — פּאַסכאַ.

— פּאַסכאַ, כ׳קען, כ׳ווייס — זאָגט פּאַפּאָוו. ער ווייסט: יידן עסן מצות. ס׳איז געווען אַ בייליס־פּראָצעס.

נחום פאַרשאַרצט דעם שטערן, ישובט זיך פון וואָס אָנצוהייבן. ער הייבט אָן פון ערב יום־טוב. דאָס מאָל נישט ביים שווער, נאָר ביים פעטער. ער שילדערט דעם אָנהייב פרילינג, די שנייען זענען שוין צעגאַנגען. דער פעטער האָט געלאָזט קאַלכן די ווינונג, אַלץ וואָס אין די שענק — אַרויסגעלייגט צום לופטערן; אויך דאָס בעטגעוואַנט, די ספרים. מ׳האָט געוואַשן די פענצטער, געריבן די פּאָדלאָגעס, דאָס גלאָזוואַרג אַריינגעלייגט אין קעסלען מיט וואַסער.

— נאַרישקייטן! — רופט אויס פּאָפּאָוו און לאַכט.

— נישט קיין נאַרישקייטן — ווענדט אָפּ נחום — אַזאַ איז דער מינהג אָפּצוהיטן די טראַדיציע.

נחום ווייסט, אַז ער וועט ביים פּאָליטרוק פּאָפּאָוו נישט געווינען קיין חן צו זיין שילדערן, אָבער אים איז ניחא דאָס רעדן.

פּאָפּאָוו וויל דאָך הערן ווען ווערט נחומס פעטער אַ „קאַראָל".

— אין דער יום־טוב־נאַכט — הייבט נחום ווידער אָן מיט אַ רעצי־טאַציע־טאָן — פלעגן אין אַלע צימערן ברענען די לעמפּלעך אין די זשיראַנדאָלן, קאַנדעלאַברעס. איבער דער קאַנאַפּע און בעטן זענען פאַר־צויגן געווען פלושענע דעקעס; איבער די פענצטער — טיולענע פאָר־האַנגען, געהאָפּטענע מיט בלומען. די מומע אָנגעטאָן אין אַ סאַמעט־קלייד מיט אַ זשאַבאָט פון קאַראַנקעס, אויסגעצירט אין אַ שניר פּערל, לאַנגע אויערינגלעך, פינגערלעך און בראַנזעלעטן. דער טיש איז געווען געדעקט מיט אַ בלאַנקענדיק ווייס טישטעך. ס׳זענען צעשטעלט געווען כוסות און קאַראַפקעס מיט וויין. די מצות זענען געלעגן אין אַ ספּעציעלן מצה־טאַש. דער פעטער, אָנגעטאָן אין אַ ווייס קיטל, אין אַ סאַמעטן היטל, האָט זיך אָנידערגעזעצט אויפן ברייטן פאָטעל, וואָס איז דאָס מאָל געווען אַרומגע־

לייגט מיט קישנס, זיין שוואַרצער באָרד — ברייט צעקעמט, און ער פלעגט אַרויסשיינען פון פאַטעל ווי אַ „קאַראַל״ און די זיצנדיקע אַרום טיש פלעגן וואַרטן אויף זיין וואָרט.

— אויף באַפעלן? — פרעגט שטיל פאַפאַוו.

— ער איז געווען דער קיסר אָן צו באַפעלן. ער האָט געהאַט פאַר זיך דאָס געשיכטע־העפט און פון דעם געלייענט די געשיכטע וועגן די יידן און זייער קנעכטשאַפט אין מצרים ביי דעם הערשער פרעה.

— דיין שילדערן דעם פראַזדניק איז טעאַטער. דערציייל ווי דאָס לעבן האָט אויסגעזען אין דער וואָכן. פראַזדניקעס זענען געציילטע טעג אין יאָר. אין דיין פאָלשאַ האָבן די אַרבעטער געלעבט אין קעלערס. דער פויער האָט נישט געהאַט אויף צו קויפן נאַפט פאַר זיין קאַניצל.

— גראַזשדאַנין פאָליטרוק ווייסט טאַקע אַ סך, אָבער נישט גענוי — מישט זיך אַריין לעאָן קרויטמאַן און ער לאָזט נישט נחומען רעדן — נישט אַלע אַרבעטער האָבן געלעבט אין קעלערס, נישט אַלע אַרבעטער האָבן געלעבט בריוות, אָבער נישט אין נויט. אַן אַרבעטער האָט פאַר זיין לוין דאָך געהאַט צו קויפן זיך אַ מלבוש, שיך.

— נישט תמיד!

— איז דען דאָ אַנדערש? זינט מיר זענען דאָ, זענען מיר נישט דערעסענע.

טורעק איז אומגעדולדיק, שפרינגט אויף:

— איך בין אַ פריזירער און דער „זאַוו״ שיקט מיך אין פעלד.

— איך געדענק, איך געדענק, אַז דו ביסט אַ פאַכמאַן — באַרויִקט אים פאַפאַוו — ער באַנעצט זיך די ליפן מיט דער צונג. ער וויל עפעס זאָגן און ישובט זיך. מיט אַ מאָל טוט ער מיט צוויי פינגער אַ שנעל, ווי צו געבן זיך דעם טאָן:

— און איך גלייב נישט אין אייער וווילשטאַנד אין אייער פאָלשאַ!

אַלעק און נחום שאָקלען מיט די קעפּ, ווי אין שוידער, קוקן מיט צעעפנטע אויגן, ווי אין שטוינונג, און וואַרטן.

פאַפאַוו באַמערקט זייער שטוינען. ער וואַרפט מיט די הענט, ווי בעטן געדולד: ער האָט געלייענט דעם שרייבער שלום עליכם. דאָס לעבן

פון די יידן איז דאָרט געשילדערט אַנדערש: דחקות, אומבאַהאָלפנקייט. דער שניידער חלומט וועגן אוצרות. דער האָרעפּאַשניק ראַנגלט זיך, מען זינקט אין אַ זומפּ פון צרות. ס׳איז דאָ אַ סך ברויט, אָבער ס׳זענען נישטאָ די רובלס עס צו קויפן. דער הומאָר איז טראַגיק, דער העלד איז נעבעכדיק און צום באַדויערן. דעם שרייבער גלייבט ער.

— לייענט אייער שרייבער! — רופט פּאָפּאָוו אויס אין אַ הויכן טאָן — נישט אַלץ, וואָס מען זעט נישט, איז צו באַדויערן — רופט ער ווידער אַ מאָל און גיט נאָך צו — נישט אַלץ, וואָס מען ווייסט איז נישט אָפּצוּוּוענדן!...

פּאָפּאָוו, דער פּאָליטרוק, שטעלט זיך אויף:

— איך בין נישט קיין קריטיקער — זאָגט ער און פאַרשאַרצט דעם שטערן אין פאַלדן. ער געזעגנט זיך נישט. ער גייט אַריין אין קאָרידאָר, ווו די ביוראָ־צימערן.

אָלעק דערמאָנט זיך צו פרעגן ביי פּאָפּאָוון וועגן דער פּוילישער, לויפט ער אים נאָך. פּאָפּאָוו ווייסט, אַז זי איז די „גאַריוטשע״־פירערין פאַר די טראַקטאָרס. ס׳קאָן זיין ער זאָל זי טרעפן ביי די ציסטערנעס, ווען זי קומט נעמען דעם ברענשטאָף. אויב נישט זאָל ער וואַרטן לעבן דער קוזניע און דער מעלמיל, וועט ער אים נעמען אין פעלד. זי רופט זיך — מאַרצעלינאַ.

## די קאַנטשאַפּט מיט דער קוזיניע

מיטאָגצייט, ווען די באַאַמטע פון ביוראָ גייען אַוועק, גייט אויך אַוועק אַבראַשאַ. פּאָפּאָוו, דער פּאָליטרוק, איז פאַרשוווּנדן. אָלעק שטייט ווידער פאַר דעם פּראָבלעם — אַ קוואַרטיר פאַר נאַכטלעגער, און נישטאָ וועמען צו פרעגן.

אַן אַרבע־וואָגן מיט מעבלשטיק שטייט פאַר דער הייזקע פון פּרעד־סעדאַטעל. די כאָזאַיקע שטייט פאַר דער טיר. זי פרייט זיך מיט דעם נייעם מעבל, נאָר זי איז אין אַ פאַרלעגנהייט — נישטאָ ווער ס׳זאָל דאָס מעבל אַראָפּנעמען פון דער אַרבע און אַריינטראָגן אין דער וווינונג. זי דערזעט די גרופּע מיט אָלעקן. זי שלאָגט זיי פאָר די אַרבעט. ס׳איז דאָך פאַר דעם פּרעדסעדאַטעל און אַ געלעגנהייט צו רעדן מיטן פּרעדסעדאַטעל, כאַפּן זיי זיך אָן אין דער געלעגנהייט, און אָן ספּעציעלע הכנות, נעמען זיך די פינף צו דער אַרבעט. זיי נעמען אַראָפּ דעם טאַפּטשאַן, דעם טיש, די שטולן, די עטאַזשערקע. ביים טראָגן די מעבלשטיק קוקן זיי זיך אַרום אין דער וווינונג: צי איז ער דאָ, דער פּרעדסעדאַטעל? נישטאָ, דער פּרעדסעדאַטעל. ער איז אין טשקאַלאָוו. אָלעק איז ביי דער באַזע פון די נאַפט־ציסטערנעס. ער פרעגט ביים „זאַוו״ ווען די פירערין פון דעם ברענשטאָף פאַר דער בריגאַדע קומט? — זי איז שוין געווען — דער־קלערט אים דער פאַרוואַלטער. אָלעק לויפט העלפן אַראָפּטראָגן די מעבל־שטיק פאַר דעם פּרעדסעדאַטעל. ער כאַפּט עפּעס אָן עלמערל און טראָגט עס אַריין צו דער כאָזאַיקע. די כאָזאַיקע וויל דאָך זיי מיט עפּעס באַ־לוינען. זי פאַרענטפערט זיך, אַז פאַר זעקס האָט זי נישט אַזוי פיל זופּ. אָלעק באַשטייט זי זאָל געבן ברויט. זי פאַרענטפערט זיך ווידער, אַז פאַר זעקס האָט זי נישט. זי זאָגט זיי צו צו געדענקען אין זיי...

אַבראַשאַ וויל נישט דאָס מאָל געניסן פון דער שעה מנוחה. זינט אַלעק מיט די חברים זענען דאָ טראַגט אים אַן אומרו. ער געדענקט, אַז מאָרגן דאַרפן זיי שוין זיין אין פעלד מיט דער בריגאַדע און ער וויל דאָך זיין מיט זיי. ער ווענדט זיך צו זיי ווי אין פאַרטרויען. ער האָט אַ ביטע: נישט אָפּשטיין אין דער אַרבעט. זיי זענען דורך אים פאַרגעשטעלט ווי דיסציפּלינירטע, אַז דער בריגאַדיר באַקומט מיט זיי אַ כוח אין אַלע אַר־בעט־צווייגן, אַז מיט זייער אַרבעט קאָן די בריגאַדע דערגרייכן אויסצו־פירן דעם פּלאַן, ווי עס פאָדערט זיך. פּאָפּאָוו רעכנט זיך ערנסט מיט זיינע אָפּשאַצונגען. ער בעט זיי נישט קאַלע צו מאַכן אים זיין מערכה, נישט אַרונטעררייסן דעם קרעדיט, וואָס ער עפנט זיי. ער האַלט פון געבן דעם אַרבעטער קרעדיט. אויף דער טעמע פירט ער שמועסן מיט פּאָפּאָוון. ער האַלט נאָך אין פאַרשן די סיבה פון גלייכגילט ביי דער אַרבעט. די לאָזונג, אַז כמות איז וויכטיקער פון איכות איז דער גורם פון אַלע דורכפאַלן. אַז ס׳איז נישטאָ קיין סדר און גאַנצקייט, איז ווי די זאַך זאָל נישט אויס־קומען — אַן אַבסורד. די פאַרמעסטונגען זענען אַ צוועק נישט אַנצושפּאַרן זיך אויף רוטין, נאָר אין פּראָגרעס. בלייבט מען אין דער רוטין, איז אַ באַוויז, אַז די געזעלשאַפט איז נאָך נישט דערוואַקסן צום אָפּשאַצן זיך.

— און פּאָפּאָוו ווי האַלט? — פרעגט אַלעק.

— פּאָפּאָוו? ער פאָרשט. ער לאָזט רעדן און שווייגט. זיין שווייגן איז אָבער וואָגיקער ווי דעם אַנדערנס רעדן. ער געדענקט אייך אין אָפּמשלען אַ לאָקשן־קוגל, ער איז אָבער נישט משלים מיט זיך אין פאַרשטיין דעם טעם. איר אַלע געפעלט אים.

אַבראַשאַ איז צופרידן מיט זיין רעדן, און נאָך מער אַז מען הערט אים. ער זאָגט אַלעקן צו צו טאָן וועגן אַן אָרט אויף צו שלאָפן ביי נאַכט. ער גייט אַוועק, כדי זיך אַרומצוקוקן צווישן די הייזקעס.

*

שטיל און ליידיק איז די סאָווכאָז־באַזע. די אַרבעט גייט אָן אין פעלד. חוץ דאָס רוישן פון דער מעלמיל, קלינגט דאָס העמערל פון דעם שמיד אין דער קוזניע. יעדער קלאַפּ פונעם העמערל איז ווי אַ ציפּ אין אַ סטרונע.

מען קאָן מעסטן דעם טאַקט, דעם אימפּעט, און די וויבראַציע פון אַן אָפּקלאַנג. עס קומען אויך האַרטע קלעפּ, אַ ברום, אַ געשריי און ווי אַ שטויס פון אַ שפּרינג. דער שמיד פירט אַ שפּיל מיטן המערל. ער פּרוווט אויס דעם קלאַפּ, דעם קלאַנג און דעם ציטער. ער וואַרט און הייבט ווידער אָן. ער זינגט, און דער קלאַפּ מיטן המערל אין דער קאָוואַדלע איז ווי זיין אָטעם.

אַלעק דערמאָנט זיך, אַז ער האָט צו וואַרטן לעבן דער קוזניע און דער מעלמיל, וועט פּאַפּאָו, דער פּאַליטרוק, אים נעמען אין פעלד, כדי צו זען זיך מיט דער פּוילישער. שפּאַנט ער צו צו דער קוזניע.

אין פראַנט פון דעם ברייטן סאָווכאָז־פּלאַץ איז די קוזניע, נאָר אָפּ־געזונדערט פון אַלע הייזקעס. עס שטייט אַ שאָפּע און אַרום דער שאָפּע איז אָנגעשטעלט און אָנגעלייגט: אַקער־אייזנס, זריעה־מאַשינען, בראָנעס, רע־דער; וועגענער אויף רעדער און וועגענער אָן רעדער. די שאָפּע איז אָן אַ טויער, בלויז דריי זייטן ווענט.

שטייט אַלעק אין דעם ברייטן חלל־אַריינגאַנג פון דער קוזניע און קוקט אַריין אין איר. די קוזניע האָט נישט קיין מאָדערנע טעכנישע כלים. דאָס פייער אין גליאויוון ווערט צעבלאָזן דורך אַ הענגענדיקן בלאָזזאַק, געטרודערט מיט אַ לאַנגן שטעקן. ווי ברייט ס'איז דער קוימען איבערן פייער איינצושלינגען דעם רויך, איז דאָך דער רויך ווי אַ וואָלקן צעשפּרייט איבער דער קוזניע. צו איין וואַנט איז צוגעשפּאַנט אַ ברייט ברעט און אויף אים די מכשירים: צוואַנגען, דליטעס, שרויפן, פיילן. אויך דער שווערער שרובשטיק איז צוגעשרויפט צום ברעט. אין מיטן דער קוזניע שטייט אַ דיקער קלאָץ, אַ וואָרצל פון אַ גראָבן בוים. אויפן קלאָץ — די קאָוואַדלע, וואָס איז אָנזעעווודיק מיט דער משא. אויף דער קאָוואַדלע — אַ קליין המערל — וואָס איז ווי די האַנט פון דער שמיד. לעבן דעם קלאָץ ליגט אַ גרויסער, שווערער האַמער מיט אַ לאַנג, גראָב הענטל.

דער שמיד, אַ מיטלוווקסיקער, ברייט־אַקסלדיקער, האָט אויף זיך אַ האַלב לעדערן פאַרטעך פון רויטלעכן קאָליר, שוין מיט אַ סך פלעקן פון סאַזשע. דאָס פאַרטעך הענגט אויף אים ווי עפּעס אַ פּלאַקאַט. ער אַליין ציט דאָס מאָל דעם שטעקן פון בלאָזזאַק, הגם דאָס פייער איז העליש. ער האָט נישט קיין געהילף און ער פרעגט אַלעקן:

— ווילסט אַרבעטן דאָ?

אַלעק הייבט מיט די אַקסלען.

דער שמיד פּיפּט, ווינקט מיט די אויגן. ער רופט אַלעקן צוצוגיין נענטער צו אים. אַלעק שטעלט זיך פאַר אים. דער שמיד קוקט אים אויפן פּליך און אין פּנים:

— איך דאַרף אַ מאַלאָטאָבאָיעץ, אַ גוטע אַרבעט.

— וואָס טוט אַ מאַלאָטאָבאָיעץ?

דער שמיד לאָזט אָפּ דאָס רודערן דעם בלאָזזאַק און ער ווייזט אָן אויף דעם גרויסן האַמער, וואָס ליגט לעבן קלאָץ מיט דער קאָוואַדלע.

אַלעק ציט איין די ליפּן אין אַ שנאָבל:

— אַ שווערער האַמער — זאָגט ער אין איין אָטעם — איך האָב נאָך קיין מאָל אַזאַ האַמער אין האַנט נישט געהאַלטן.

דער שמיד לאַכט:

— דער מאַלאָטאָבאָיעץ, וואָס איז מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי, האָט די ערשטע טעג אויך נישט געקאָנט.

— וויפל טעג?

— וואָס איז דיר וויכטיק? אַ מאַלאָטאָבאָיעץ איז דער, וועמען איך וויל, אַז ער זאָל זיין אַ מאַלאָטאָבאָיעץ. די פּייקע ברויט איז אַ היפּשע, טאַלאָנען אין דער סטאָלאָוואַיאַ אויך נישט קיין געוויינלעכע. אין פעלד ביי דער בריגאַדע וועסטו אַזעלכעס נישט האָבן.

אַלעק הערט ווי דער שמיד רעדט וועגן ברויט — ווערט אים הייס. ער וויל שוין זאָגן, אַז ער באַשטייט, אָבער ער האַלט זיך דאָך אָפּ. עפּעס איז ער ווי צעשטרייט.

— כ׳ווייס נישט, צי איך וועל באַגרייפן די אַרבעט.

— איך וועל דיך לערנען אויך לידער זינגען.

— איך האָב נישט קיין שטימע צו זינגען.

— זאָג אַ פּאָר ווערטער: טרי טאַנקיסטאַ, טרי וועסאָליך דרוגאַ!...

אַלעק זאָגט אים נאָך.

דער שמיד לאַכט.

— שלעכט?

— פון אַ פּאַס איז דער ווידערקול ריינער, אָבער מיט מיר וועסטו זינגען.

אַלעק קוקט זיך אום צום מעלמיל־בנין, צי וואַרט נישט פּאַפּאָוו? ער זעט נישט קיינעם, קערט ער זיך צוריק אין דער ריכטונג פון סאָווכאָז־ביוראָ, און נאָך פון דער ווייטן זעט ער שטיין אַ וואָגן מיט פעסלעך. עס טוט אים ווידער אַ פּיק אונטערן האַרץ, — אַוודאי די פּוילישע, וועלכע פירט די „גאַריוטשע" פאַר די טראַקטאָרס. ער לויפט. האַלט אַרויפגעריסן דעם קאָפּ, נישט אָפּצולאָזן פון בליק דעם וואָגן מיט די פעסלעך. נאָענט דעם ביוראָ שטעלט ער זיך, ווי עס וואָלט אים עמעץ אַ זעץ געטאָן. אויפן וואָגן זיצט לעאָן קרויטמאַן אַרומגעהאַלדזט מיט דער פּוילישער. אויף נחומס רופן אים, קוקט זי זיך אום צו אים און שפּרינגט אַראָפּ פון וואָגן, און זי פאַלט אַלעקן אין די אָרעמס. זי איז מאַרצעלאַ. לאַנגע ווײַלעס שטייען זיי אַרומגעהאַלדזט און שווייגן, און ביידנס טרערן מישן זיך אויס אויף זייערע באַקן.

פריִער פון אַלעקן באַהערשט זיך מאַרצעלאַ. זי וואַרפט דאָך נישט אַראָפּ אַלעקס האַנט פון איר נאַקן. זי ציט אים צו גיין. זי דערציילט אים: בעתן גיין פון ביאַליסטאָק צוריק קיין וואַרשע, כּדי צוריק צוקומען מיט רחלען און קינד, האָט דער גייער זי געלאָזט איינע אַליין. די גרענעץ־וואַך האָט זי פאַרהאַלטן און זי צוריקגעפירט קיין סעמיאַטיטש. ווען די דייטשן זענען אָנגעפאַלן אויף דעם ראַטן־פאַרבאַנד, און די רויטע אַרמיי האָט זיך צוריקגעצויגן פון די ווייס־רוסישע געביטן און זי איז געלאָפן, האָט אַ רויט־אַרמייער זי אַרויפגענומען אויף זיין טאַנק. ער האָט זי געבראַכט אַהער אין סאָווכאָז אַריין. ער הייסט וואַניאַ. אַ טראַקטאָריסט. ער איז צוריק אויפן פראָנט.

אַלעק איז נאָך אין שטוינונג פון דער באַגעגעניש. ער רעדט נישט, ווי ס'וואָלט אים אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. ער פרעגט אַפילו נישט וואָס עס בינדט זי מיט לעאָן קרויטמאַן. זי מוז צוריקפאָרן אין פעלד.

*

דער אָוונט הילט איין די סאָווכאָז־באַזע אין אַ פינצטערניש, ווי אין אַ ברונעם. די כאַטקעס זענען בלויז שאָטנס. אויך דאָ פאַרפליכט די

מלחמה־פאַרשריפטן — פאַרטונקעלונג. קיין פונק ליכט זעט מען נישט אין די כאַטעס. די אַרבעטער אין דער בריגאַדע בלייבן אויף ביינאַכט אין פעלד. זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה פירט נישט פאַפאָוו קיין פאַר־זאַמלונגען און עס קומען נישט פאַר קיין אָפענע באַריכטן וועגן דער אַר־בעט. שטיל און הויל איז דער אַרום, ווי ס׳וואָלט דאָ גאָר קיין לעבן נישט זיין.

דער קלוב פון די קאָמסאָמאָלן געפינט זיך אין אַ גרויסן זאַל. די פענצטער־שויבן מאַט פון שטויב. עס פינקלט אַ פּיטשינקע זשאַרוווקע, ווי אַ נר־תמיד ביי אַן איקאָנע. אין די היינטיקע טעג איז נישטאָ קיין טעטי־קייט פון קאָמסאָמאָל. די יוגנט, וואָס איז נישט מאָביליזירט אין דער אַרמיי, אַרבעט אין פעלד מיט דער בריגאַדע.

— זיי ציט בעסער צו בלייבן אין פעלד מיט די טראַקטאַריסטינס — דערקלערט אַבראַשאַ. ער זאָגט אָלעקן און די חברים, אַז זיי זאָלן שלאָפן דאָ די נאַכט, אָבער ער וויל נישט זיי זאָלן אים אויסגעבן, אַז דאָס איז זיין איינפאַל. די פאַרוואַלטערין פון קלוב קאָן אַריינפאַלן אויף קאָנטראָל.

דער קאָמסאָמאָל־קלוב איז כמעט אַ ליידיקער זאַל. פאַראַן בלויז אַ טיש איבערגעצויגן מיט אַ רויטן געוואַנט. דאָס איז דער „קראַסני אוגאָ־לאָק״. דאָס געלעגער דאַרף זיין די פּאָדלאָגע. לויט דעם, ווי דער שטויב רייבט זיך אונטער די פּיסטריט, איז קענטלעך, אַז די פּאָדלאָגע איז שוין אַ צייט נישט געוואַשן.

טורעק ציט אַראָפּ דאָס רויטע טישטעך פון טיש — ווערט אויס „קראַסני אוגאָלאָק״. ער צעשפּרייט דאָס טישטעך איבער דער פּאָדלאָגע. ס׳איז פאַראַן אָרט נאָר פאַר דריי. ער נעמט צו זיך די ברידער קרויטמאַן.

אָלעק נעמט דאָס ביסל זשורנאַלן, וואָס ליגן אויפן שענקל און טיילט זיך מיט נחומען און משהן. זיי צעלייגן די זשורנאַלן איבער דער פּאָדלאָגע. פאַר אָלעקן איז נישט אויסטערליש דאָס געלעגער. ער איז שוין געשלאָפן אין שניי. ער איז מיד, מיינט ער, אַז באַלד וועט ער איינשלאָפן, אָבער ער שלאָפט נישט. דער גרויסער האַמער און אַ היפּשע פּייקע ברויט מישט זיך אים אין דמיון, און די באַגעגעניש מיט מאַרצעלאַן ליגט אים אונ־טערן האַרץ...

אויך לעאָן קרויטמאַן שלאָפט נישט. ער רעדט נישט. ער האַלט דאָס שפּיגעלע און קושט די מאַרצעלאַ־פאָטאָגראַפיע. באַלעק דערציילט, אַז אַבראַשאַ האַלט אין צושאַנצן אים צו זיין אַ פאַסטעך. די אַרבעט איז בלויז נאָכצוגיין די בהמות. מען קאָן דערביי אַפילו לייענען אַ בוך. ער דאַרף נאָר געזונט זיין אויף די פיס:

— גיי דערצייל אים, אַז פון גיין ווערן מיר די פיס געשוואָלן, לויפן־אויף ווי צוויי רערן. איך וויל אים נישט אָפשרעקן.

— באַלעק זאָל אַפילו וועלן, וועל איך נישט באַשטיין — רופט זיך אָפּ לעאָן — אַבראַשאַ קאָן אונדז נישט פאַרנאַרן אין דעם תוהו־ובוהו.

משה שניידער, וועלכער האַלט, אַז ער האָט ווייניק וואָס צו זאָגן, רייסט זיך דאָס מאָל אָפּ אין געבייזער: הלמאי מען דערמאָנט נישט די היימען און די אייגענע דאָרט? און צי זעט ווער אַ סוף צו דער מלחמה?

שטיל. אַלעמענס אָטעם ווערט ווי פאַרקלאַפּט.

אַלע שלאָפן. אַ שווער געמיט שוועבט.

נחום בלעזולט מיט די ליפּן. ער רעדט זיך איבער מיט עמעצן אין חלום.

אַלעק איז שוין איינגעלעבט מיט דער טונקלקייט, קומט אים דאָס קאַרגע ליכט איצט אויס העלער. ער פאַרמאַכט די אויגן. אויסטערלישע רעיונות שווימען אים אָן: לויפן! לויפן! ער איז נישט זיכער צי עס דאַכט זיך אים נישט. קיינער האַלט אים נישט, פאַר וואָס זשע לויפט ער נישט?

דמיונות וויקלען זיך:

די שׂרפה־נאַכט אין וואַרשע. פייער־שלאַנגען און קנוילן רויך. הייזער ווערן פאַרשלונגען אין רויך. קוישן און קישנס פליִען פון פענצטער. אַ המון שטופּט זיך, וויל זיך אַרויסרייסן פון די וואָלקנס. ביימערצווייגן פאַלן ברענענדיק. ער לויפט מיטן קינד. אַ פערד פאַלט אין לויף... אַ מאַלאָטאָבאָיעץ שפּרינגט אים אַנטקעגן. דער גרויסער האַמער איז אים לייכט אין די הענט ווי אַ פעדער. מאַרצעלאַ האַלדזט זיך מיט לעאָנען. זי איז נאָך שענער ווי געווען. זי זיצט רייטנדיק אויף אַ פעסל און שווימט אין דער בורטע. לעאָן, לעאָן, צו זיינע אָפענע אָרעמס ציט זי.

און נאָך בילדער:

אַ טעצל מיט ברויט וויגט זיך ווי אויף כוואַליעס. אַ רויך וויקלט זיך אים פון אויער. ער וווּנדערט זיך און ווייסט נישט ווו ער איז. ער וויל זיך דערמאָנען אַ קלאַנג, דעם קלאַנג פון שמידס העמערל. ער וויברירט, ציט זיך ווי אויף אַ דינעם פאָדעם, וויקלט זיך אַרום זיין שטערן ווי עפּעס אַ טאַשמע. אַ ניגון בלעזלט אים אין אויער: קוזניע, שמיד, „טרי טאַנקיסטאַ"... מאַרצעלאַ קומט אויף ביי נאַכט אין דער באַזע. וואַניאַ, דער טראַקטאָריסט, איז נישט מיט איר. זאָל ער נישט בלייבן מאָלאָטאָבאָיעץ און בלייבן אין דער באַזע?...

# קאַזמאַטין

דער נאַכט־אומעט הענגט נאָך ווי אַ שווערער זאַק, און די לבנה האַלט זיך נאָך אין זילבערגלאַנץ. נאָך פינקלען אומצאָליקע קרענצלעך שטערן, און דאָך איז אין דער סאָווכאָז־באַזע שוין גרויס די באַוועגונג: וועגענער מיט איינגעשפּאַנטע אָקסן, קעמלען ציִען אַרויס אויף די שליאַכן, פאַרכאַפּן דאָס אויפגיין פון טאָג. די אָנטרייבערס ווייסן, אַז די בריגאַדע אין פעלד וואַרט.

נחום איז שוין אויף די פיס, אָבער אָנגעכמורעט — עפּעס אַ נישט סימפּאַטישער חלום האָט אים געשפּאַנט: אַ רייטער אויף אַ פערד שלעפּט אים אַ צוגעבונדענעם צום זאָטל...

ס'איז די צייט צו שטעלן זיך לעבן דער מעלמיל צום אַרויספאָרן צו דער בריגאַדע. די ברידער קרויטמאַן ווישן זיך נאָך דעם שלאָף פון די אויגן. זיי גייען — דאָך אין איילעניש. לעאָן וויל זיך זען מיט מאַרצעלאַן. ער וויל זיין דאָרט ווו זי איז ביי דער אַרבעט. ער האָט דאָס געזאָגט דעם ברודער זיינעם, אויסהיטנדיק זיך פאַר אָלעקן ער זאָל נישט הערן, און אָלעק האָט דאָך געהערט. טורעק זוכט דעם פאָליטרוק. ער וויל בלייבן פריזירער דאָ אין דער באַזע.

פאַר דער מעלמיל שטייט דער וואָגן און צוויי פערד שוין איינגע־שפּאַנט. ניטשענקאָ דאַרף מיט זיי פאָרן. דער שמיד קומט מיט ניטשענקאָ. ער נעמט אָלעקן ביי דער האַנט — ער וועט זיין מאַלאָטאָבאָיעץ. ס'איז אין הסכּם מיטן „זאַוו". אויך טורעק בלייבט — אויף דער אָנווייזונג פון פאָליטרוק.

אַלעק זעט נישט קיין שלעכטס צו בלייבן מיטן שמיד, בפרט ווען אין די אָוונטן וועט ער קאָנען זיין מיט מאַרצעלאַן. נחום אָבער לאַכט אין די פויסטן, וואָס ער גייט ווערן מאַלאָטאָבאָיעץ. ער זאָגט:

— אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזעם אויך...

*

אין דער קוזניע איז שוין אויפגעבלאָזן דאָס פייער אין גליאַויוון. דער ריח פון קאָקס־קוילן דרינגט אַריין אַלעקן אין האַלדז, אָבער ער וויל דאָס נישט ווייזן פאַרן שמיד, יענער האַלט, אַז ער טוט פאַר אים זיך איינ־שטעלן ביים סאָווכאָז־פאַרוואַלטער. דער שמיד טוט זיך אָן דעם לעדערנעם פאַרטעך. ער ווייזט אַלעקן אָנצונעמען דעם שטעקן, וואָס איז געבונדן מיטן בלאָזזאַק, און צו רודערן אַראָפּ און אַרויף. אַראָפּ — פּוישט זיך אָן דער זאַק, לאָזט ער דעם שטעקן פריי, אַרויף — דעכעט דער זאַק אויס די לופט און דאָס פייער גייט אויף העלישער.

— נישט ציִען מיט כּוח, אָן אימפּעט. נישט רייסן, נאָר לאַנגזאַם, רעגלמעסיק, ווי עס זאָגט זיך — „טישע יעדיש, דאַלשע בודיעש" (וועסט לאַנגזאַם פאָרן, וועסטו אָנקומען ווייטער) — דערקלערט אים דער שמיד.

— דאָס רודערן מיטן שטעקן איז נודנע. זאָל דיך דאָס נישט טשעפּן. דו פּייף זיך צו אַ מעלאָדיע, וואָס דו קענסט פון דיין פאָלשאַ — רעדט דער שמיד. ער גייט צו צו דער קאָוואַדלע, נעמט זיין העמערל, טוט אַ לייכטן קלאַפּ אין דער קאָוואַדלע — אַ צייכן, אַז די אַרבעט איז אין גאַנג.

אַלעקן איז דאָך אומעטיק. עס דערמאָנט אים די אויפגעצווונגענע אַרבעט אין לאַגער.

— וואָס אַזוי אומעטיק? — פרעגט דער שמיד. ער לייגט אַריין אַן אייזערנער שטאַבקע צווישן די צעגליטע קוילן, און ווי זיך דערמאָנט אין עפּעס — גיי עסן! — ער מיינט, אַז דאָס וואָס אַלעק איז נאָך פאַר פריש־טיק, איז די סיבה פון דעם אומעט.

אַלעק האָט נאָך נישט קיין טאַלאָנען, פירט אים דער שמיד אין דער סטאָלאָוואַיאַ. ער דאַרף אים עפּענען קרעדיט.

טורעק איז שוין אין דער סטאָלאָוואַיאַ מיט פּאַפּאָון, דעם פּאָליטרוק. טורעק דערציילט, אַז פּאַפּאָו זאָגט אים צו אַ צעטל אין מאַגאַזין אַריין צו קריגן שטעקלאַטשן, כּדי אויסצוהיטן די פּיס פון געשוואָלן ווערן בעתן שטיין ביי דער אַרבעט.

דער פרישטיק באַשטייט פון אַ קרויטזופּ און אַ פּענעצל ברויט. אַלעק עסט דאָס שנעל אויף און בלייבט הונגעריק. ער זאָגט דעם שמיד, אַז אין לאַגער האָט ער געקריגן דריי מאָל אַזוי פיל ברויט. אויך דאָס איז געווען וויניק.

— ס׳וועט זיין מער — פאַרזיכערט דער שמיד.

אַלעק קוקט דעם שמיד אין פּנים, כּדי צו זען די ערנסטקייט פון צוזאָג.

דער שמיד ווינקט צו מיט די אויגן, ווי אַ פאַרזיכערונג, אַז ער זאָל נישט צווייפלען. נישט אַבי וועמען שטעלט ער צו פּאַר אַ מאָלאָטאָבאָיעץ.

*

דער שמיד ווייזט אַלעקן וואָס אַ מאָלאָטאָבאָיעץ האָט צו טאָן: רודערן דעם בלאָזזאַק און אַז ער, דער שמיד, כאַפּט אַרויס די אָנגעגליטע שטאַבקע פון פייער און וואַרפט דאָס אויף דער קאָוואַדלע, דאַרף אַלעק אַ כאַפּ טאָן דעם גרויסן האַמער; ווו ער, דער שמיד, קלאַפּט מיט זיין העמערל, דאַרף אַלעק טאָן אַ זבענק מיטן האַמער אין דער שטאַבקע, אַזוי איינס, איינס. ער אַ קלאַפּ, ער אַ זבענק. און דרייסט, מיט אָפענע אויגן. חלילה, נישט צו זבענקען אין דער קאָוואַדלע. ווען יאָ — שפּרינגט דער האַמער אָפּ און קען טרעפן אין קאָפּ. נאָך ווייזט ער אים: ער דאַרף האַלטן דעם האַמער אַזוי, אַז דאָס הענטל זאָל אים אויסקומען אונטערן אָרעם, נישט צווישן די פיס — אַנדערש זענען די אייער אים אין סכּנה.

אַלעק קוקט זיך איין אין האַמער — ווי מגושמדיק גרויס! מיט מורא איז ער זיך משער די וואָג.

— וויפל וועגט דער האַמער? — פרעגט ער.

— ווי שווער ער איז, מוז ער דיר אין דער אַרבעט זיין לייכט און נאָכגיביק. דיין ווילן מוז באַהערשן די האַרטקייט אַפילו פון אייזן. דער

האַמער אין דיינע הענט מוז טאָן וואָס דו ווילסט. מיט ווילן איז מען גובר אַלע שוועריקייטן. אויך איך בין נישט געבוירן געוואָרן אַ שמיד, געמיינט, אַז כ׳וועל נישט באַהערשן די משׂא פֿון דעם האַמער, און איך האָב אים שוין מיט איין האַנט אויפֿגעהויבן, אים געדרייט אַרום קאָפּ עלעהיי אַ שפּענדל און אים צוגעלייגט צו די ליפּן אַ קוש צו טאָן אין דער פֿלאַכער זייט. דאָס איז דער „דיפּלאָם" פֿאַר אַ מאַלאַטאָבאָיעץ.

— איך וועל זיך נישט פֿאַרמעסטן צו אַזאַ דיפּלאָם — זאָגט אַלעק.

— ביז צו אַ דיפּלאָם האָסטו נאָך אַ סך צו לערנען.

✶

אַלעק ווייסט שוין ווי צו רודערן דעם בלאָזזאַק. ער דאַרף האַלטן אויג אויף אַלעם וואָס ער, דער שמיד טוט: די שטאַבקע אין פֿייער קריגט אַ ווייסלעכע מראה, נעמט דער שמיד די לאַנגע צוואַנג. ער כאַפּט אַרויס די שטאַבקע פֿון פֿייער, וואַרפֿט זי אַרויף אויף דער קאָוואַדלע. ער גיט אַ קלאַפּ מיט זיין העמערל. אַלעק שפּרינגט צו צום קלאָץ, כאַפּט דעם גרויסן האַמער און גיט אַ זבענק. דער שמיד טוט נאָך אַ קלאַפּ מיט זיין העמערל, אַלעק טוט ווידער אַ זבענק — איינס, איינס.

די שטאַבקע האָט שוין אַן אַנדער פּנים און דער שמיד פֿאַרשטעקט זי ווידער צווישן די קוילן אין אויוון. אַלעק רודערט ווידער דעם בלאָזזאַק — אַראָפּ דעם שטעקן, אַרויף דעם שטעקן.

— מאַך מיט לעבן! זינג! זינג! — רופֿט דער שמיד.

אַלעק נוצעט דעם ניגון פֿון אקדמות: „אקדמות מילין ושריות שותא"...

דער שמיד שפּיצט אַן די אויערן. ער קוקט אַלעקן אין פּנים — צי ער איז פֿריילעך?

— פֿאַר דיין שטימע איז פּאַסיק דער טאָן — לאַכט דער שמיד. ער פּרוווט ציִען ווי אַלעק, ער פּילט אָבער אַז נישט געניט — דו פֿעלשסט! — זאָגט דער שמיד — נאָר צי ווייטער און מיט מער לעבן — ער כאַפּט דעם שטעקן, רודערט דעם בלאָזזאַק מיט מער טאַקט — אַזוי און נאָר אַזוי!

די שטאַבקע איז שוין גוט אָנגעגליט. דער שמיד נעמט די לאַנגע צוואַנג, כאַפּט אַרויס די שטאַבקע פון פייער, וואַרפט זי אויף דער קאָוואַדלע. אַלעק שפּרינגט צו צום קלאָץ, כאַפּט דעם גרויסן האַמער. דער שמיד קלאַפּט מיט זיין העמערל. אַלעק פאַרמעסט זיך מיטן האַמער אין ציל. דער שמיד ציילט די קלעפּ: איינס, איינס — און ער הערט אויף:

— ס'איז נישט געקלאַפּט.

— נאָר וואָס?

— געגלעט.

— וואַרפן אַזאַ משא מיט כוח הייסט גלעטן? — פרעגט אַלעק ברוגז־לעך.

— אין דער קוזניע רעדט זיך אַזוי — זאָגט דער שמיד צו לינדערן זיין באַצייכענונג.

אַלעק נעמט ווידער דעם שטעקן און רודערט דעם בלאָזזאַק.

דער שמיד פילט, אַז דאָס רודערן איז נישט רעגלמעסיק:

— גיב ריטעם! זינג, זינג! זאָל זיין דיין ליד, נאָר גיב לעבן! — בעט זיך ביי אים דער שמיד און ער גיט דעם טאָן: „טרי טאַנקיסטאַ, טרי וועסאָליך דרוגאַ"...

דער שמיד ווייזט אַלעקן ווי אַזוי צו האַלטן דעם האַמער — דאָס הענטל זאָל זיין לייכט אין די הענט. דער האַמער דאַרף זיין לייכט, נאָר דער קלאַפּ שווער.

— פּראַקוראַ! — זאָגט דער שמיד. ער נעמט זיך וויקלען אַ פּאַפּיראָס פון מאַכאָרקע.

*

ניקאָליי פּיאָדאָראָוויטש קאַזמאַטין איז דער נאָמען פון דעם שמיד. ער האָט ליב, אַז מען רופט אים ביי אַלע דריי נעמען. אויף זיין ברייט פּנים צעגיסט זיך דאַן אַ צופרידנקייט. אָבער זעלטן טוט מען אים צוליב, און מען רופט אים נאָר מיטן פאַמיליע־נאָמען — קאַזמאַטין. דאַן פאַר־דריסט עס אים און ביי זיינע שלייפן פאַרקלעמען זיך די אָדערן, ווי עפּעס

פון אַ וויטיק. ער פּרעסט צו די ליפּן ווי גובר צו זיין אַ ביטערן טעם. כּל־זמן דער מענטש, וועלכער רופט אים קאַזמאַטין שטייט לעבן אים, איז ער אַנגעשטייפט עלעהיי פאַרטעמפּט אין דער שמיעה. אַז יענער קערט זיך אָפּ און גייט אַוועק, בלאָזט ער אָן די בעק און ער שפּייט אויס, ווי באַפרייט זיך פון אַ קלעמעניש.

קאַזמאַטין האָט לאַנגע הענט און אויגן פון גראָען אַש־קאָליר. אויך די הויט פון פּנים איז ביי אים גראָלעך, ווי דער רויך פון דער מאַכאָרקע, פון אייגענער פלאַנצונג, וואָס ער רייכערט אַ סך. די ציינער זענען אים שוין געל פון רויכערן די מאַכאָרקע, אָבער נישט אָפּגעגעסן פון דער שאַרפקייט. ער האָט אַ שראַם אויף דער נאָז — אַ פאַרבליבעניש נאָך אַ שפּריץ פון אַ פונק. די אונטערשטע ליפּ איז אים דיקער. דאָס איז ביי אים, ווי אַ פּגם, און דאָך ליגט אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן.

שוין צו מאָרגנס וויזט אַלעק קאַזמאַטינען, אַז ער מיינט ערנסט צו בלייבן מאַלאָטאָבאָיעץ: נאָך איידער קאַזמאַטין קומט, צעבלאָזט ער דאָס פייער אין גליאַויון. ער ווייסט נישט וואָס קאַזמאַטין דאַרף און מיינט צו טאָן, דאָך לייגט ער אַריין אין פייער אַ שטאַבקע צום אָנגליִען. קאַזמאַטין, ווען ער קומט אַריין און דערזעט ווי דאָס פייער אין גליאַויון איז העליש צעפלאַקערט, בליצט אויף אין זיינע אויגן אַ טריומף־בליאַסק. ער האָט אַפילו נישט בדעה געהאַט צו אַרבעטן ביי דער קאָוואַדלע, אָבער וויל אַלעק סטאַרעט זיך צו באַווייזן ווי אַ מאַלאָטאָבאָיעץ, נעמט ער די לאַנגע צוואַנג, ציט אַרויס די שטאַבקע און וואַרפט זי אויף דער קאָוואַדלע. אַלעק שפּרינגט צו צום קלאָץ, כאַפּט דעם גרויסן האַמער. ער שטייט אין דער פּאָזע ווי קאַזמאַטין וויזט אים. קאַזמאַטין קלאַפּט מיט זיין העמערל און אַלעק קומט אים נאָך מיטן האַמער — אַ זבענק נאָך אַ זבענק. נאָך עטלעכע קלעפּ פילט ער, אַז די אָדערן זענען אים אָנגעצויגן און אָט אָט פאַלט אים דער האַמער אַרויס פון די הענט. קאַזמאַטין דערפילט דאָס און כאַפּט אָן דאָס הענטל פונעם האַמער און טוט אַ זאָג:

— פּראָקוראַ! — ער דרייט זיך אַוועק, כּדי אַלעק זאָל נישט זען זיין דערשראָקנקייט.

אַלעקן איז אָבער קלאָר די סיבה פון איבעררייס:

— פאַר וואָס זיך פריִער נישט איינאיבן מיט אַ קלענערן האַמער? — פרעגט אַלעק.

— שווימען לערנט מען נישט אויף גראָז — זאָגט קאַזמאַטין. ער אַליין וויל נישט רויכערן, אָבער ער וויל נישט אויסגעבן זיך אין זיין דערשראָקנ־קייט. ער נעמט אַרויס דאָס זעקעלע מאַכאָרקע, לייגט דאָס אויף דער קאָוואַדלע און ווייזט אַלעקן, אַז ער זאָל זיך פאַרוויקלען אַ פּאַפּיראָס.

— איך וועל גיין אין פעלד צו דער בריגאַדע — זאָגט אַלעק.

— ניין, איך האָב דיך גענומען, וועסטו ווערן וואָס איך וויל און דאַרף. פלינק ביסטו געגנוג — מוטיקט קאַזמאַטין אַלעקן און ער בלאָזט דעם רויך ווי דורך אַ רערל.

— דער גרויסער האַמער פאָדערט מער כּוח ווי איך האָב.

— דו זאָג וואָס איך זאָג: דער האַמער איז אַ פעדער און גייט נאָך דיין אימפּעט.

— מיך טראָגט נישט קיין אימפּעט.

— אין אונדזער אַרבעט איז דאָ ריטעם. דאַרפסט זינגען.

— איך בין האַרט אין געהער.

— מיט מיר וועסטו עס פילן.

קאַזמאַטין נעמט אָן אַן אָנגעגליט לאַנג פּרענטל, לייגט דאָס אויף דער קאָוואַדלע. אַלעק שטעלט זיך מיטן גרויסן האַמער. קאַזמאַטין קלאַפּט מיט זיין העמערל און זינגט:

— „יעסלי זאַווטראַ וואַינאַ, יעסלי זאַווטראַ וו׳פּאָכאָד...״

אַלעקן איז די מעלאָדיע באַקאַנט. ער ציט נאָך קאַזמאַטינס טאָן.

— גוט! — שרייט קאַזמאַטין. אַ פרייד שיינט אויף אין זיינע אויגן.

✶

צו דער אַרבעט אין דער קוזניע ליגן צוגעגרייט: אויסגעקרימטע גאָפּלען, צעדרייטע קאָסעס צו די לאַבאָגרעיקעס, שטויסן מאַטיקעס. קאַז־מאַטין האָט נישט קיין נאָרמע אין דער אַרבעט, דאָך מוז ער אָפּהיטן נישט סתם צו פאַרשלעפּן די צייט. ער הייבט אָן די אַרבעט מיט אימפּעט און געזאַנג.

טרעפט, אַז אַלעק איז נישט טריי דער מעלאָדיע, אָדער דעם טעקסט, ליגט קאַזמאַטין אַוועק זיין העמערל, זעצט זיך אויף דער קאָוואַדלע, ציט צו זיך צו אַלעקן, און רעדט אים אַריין אין פּנים דעם גענויעם טעקסט פונעם ליד. ער הייסט אַלעקן נאָכזאָגן מיט אים די ווערטער און נאָך אַ מאָל שוין מיטן ניגון, אַז ווען ער האַלט פּאַר געַנוג, שטעלט ער זיך צוריק צו דער אַרבעט און זינגט.

קאַזמאַטין איז אין התפּעלות פון זיך מיט זיין זינגען. ער פרייט זיך ווען אַלעק פעלשט נישט. ער איז גוטמוטיק אַפילו ווען אַלעקס קלאַפּן מיטן האַמער קרימט אויס דאָס אייזן. ער פאַרמרוזשעט אַן אויג און מיט זיין העמערל טוט ער עס אַליין אויסגלייכן.

קאַזמאַטינס זינגען טראָגט זיך אַרויס פון דער קוזניע מיט אַ טיפן עכאָ. דער מילנער, וועלכער איז אין שכנות פון דער קוזניע, קומט צו און שפּאַרט זיך אָן אין אַ זריעה־מאַשין. ער רעדט נישט, נאָר שטייט מיט אַן אָפן מויל און אויף זיין ברייט פּנים פאַרציט זיך אַן אויסדרוק פון תענוג.

אויך פּאַפּאָוו, דער פּאַליטרוק, ווי ער גייט נאָר פאַרביי דער קוזניע, ציט אים קאַזמאַטינס געזאַנג. ער שטעלט זיך אָפּ, לאַכט אַריין צו קאַזמאַ־טינען און שאָקלט צו מיטן קאָפּ אין אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג. ער זאָגט:

— ביסט אין ברען פון אַרבעט, קאַזמאַטין, איך פאַרצייכן דאָס...

קאַזמאַטין טראָגט אָבער אַ בייז האַרץ אויף דעם פּאַליטרוק. הגם פּאַ־פּאָווס וואָרט — „פאַרצייכנט" איז פון אַ וויכטיקער באַדייטונג, דער באַ־ריכט וועגן אַן אַרבעטער באַשטימט זיין גורל און אויסצייכענונג, פילט דאָך קאַזמאַטין אַן אָפּשיי צו פּאַפּאָוון. כּל־זמן ער שטייט פאַר אים, איז קאַזמאַטין צו אים קאָרעקט, אָבער ווי נאָר פּאַפּאָוו גייט אַוועק, פאַרמרו־זשעט ער די אויגן און די אייבערשטע ליפּ שפּאַרט ער צו צו דער נאָז. מיט דעם דריקט ער אויס זיין זלזול צו דער פּערזאָן פּאַפּאָוו. עס ברענט אים נאָך דער שטאָך פון פּאַפּאָווס ווערטלעך: „אמת הילט מען אַרום מיט פעדערן... דער ליגן פירט אין קעלערן..." קאַטיאַ די לערערקע, די סעקרע־טאַרשע און פאַרוואַלטערין פון קאָמסאָמאָל־קלוב, זי איז די וואָס צינדט אָן

דאָס פֿייער אַרום אים: „אַז קאַזמאַטין, דער שמיד, איז ווייט נישט קיין פּאַטריאָט פֿון סאָוויעטסקי סאָיוז"...

קאַזמאַטין געדענקט מיט אַלע פּרטים, ווי אָקערשט, דעם פֿאַרלויף: עס איז דער יום־טוב פֿון פֿאַרענדיקן דעם היישניט. וואָדקאָ — וויפֿל איינעם גלוסט זיך. ער, קאַזמאַטין, טרינקט פֿון פֿלעשל און זינגט. קאַטיאַ האָט ליב זיין זינגען. זיי זונדערן זיך אָפּ פֿון דער חברה, און בלייבן טיף אין פֿעלד. קאַטיאַ איז אָנגעשפּאַרט אין אים. חוץ פֿון דער וואָדקאָ, איז ער בגילופֿין פֿון איר וואַרעמקייט, פֿון איר אָטעם, פֿונעם ריח פֿון אירע האָר. ער זינגט די לידער וואָס זי וויל. זי איז איינגעטוליעט אין אים און שעפּ־טשעט אים אין אויער — „זיסער, זיסער". ער רייסט נישט די שטים. ער ציט דעם טאָן שטופּנווייז, ווי דאָס אויפֿגיין פֿון טאָג. קאַטיאָס פּנים שיינט ווי אַן איקאָנע.

נאָך מאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט, איז ער יום־טובדיק אויפֿגעע־רוימט. מיט אַ מאָל — פּאָפּאָוו רופֿט אים צו זיך און פֿרעגט נישט מער נישט ווייניקער: הלמאי טוט ער, קאַזמאַטין, פֿעלשן דעם טעקסט פֿון ליד: אַנשטאָט „גדיע טאַק וואַלנאַ דישעט טשעלאָוויעק", זינגט ער: „גדיע טאַק באַלנאַ צישעט ראַבאָטשעק"... דאָס איז אַ פֿאַרשוועכן דעם כּבֿוד פֿון סאָ־וויעטישן פּראָגרעס! — רופֿט אויס פּאָפּאָוו און ער, ניקאָליי קאַזמאַטין, שטייט אַ געליימטער, קיין וואָרט דורכן האַלדז נישט אַרויסצובערענגען, ווי ס'וואָלט אים אָפּגענומען דאָס לשון.

— קאַטיאַ איז אַן עדות — זאָגט פּאָפּאָוו און לאָזט אים גיין.

ער איז פֿריי און דאָך נעמט אים נישט דער שלאָף. פּחד וויקלט זיך אים צווישן די ציין. דאָס העמערל קומט אים אויס ווי אַ פֿינגער און טייטלט אים פֿאַר דער נאָז, ווי מיט אַ רוף:

„מען פֿאַרבעט דיך, מען פֿאַרבעט דיך"...

קאַזמאַטין, אַז ער דערמאָנט דעם נאָמען קאַטיאַ — זיפֿצט ער שווער אָפּ.

— קאַטיאַ, קאַטיאַ! הימל און ערד זענען עדות — מיט ברכות אין דער יום־טוב־נאַכט האָב איך דיך באַגלייט...

*

היינט איז דאָס ערשטע מאָל ווי אַלעק זעט קאַטיאַ, די לערערקע, די סעקרעטאַרשע און פאַרוואַלטערין פונעם קאָמסאָמאָל־קלוב. זי איז בלאָנד־האָריק, אַ שלאַנקע. זי גייט פאַרביי דער קוזניע. קאַזמאַטין דערזעט זי, וואַרפט ער אַוועק דאָס העמערל, שפּרינגט אַרויס פון דער קוזניע און קוקט זיך איין ווי זי גייט. ער האַלט, אַז זי איז עפּעס אויסן מיטן פאַרבייגיין פאַר דער קוזניע; זי קאָן גיין צו זיך אין דער כאַטע דורך אַ נענטערן וועג. ער האַלט, אַז זי וויל דאָך נישט ער זאָל ברוגז זיין. די ווונד אין האַרץ איז נאָך אָפן, אָבער קאַטיאַ איז שיין און ער קאָן נישט זיין שלעכט צו שיינקייט. ווי שלעכט זי איז, דאָך וויל ער זי... מאָדנע זעט איצט אויס קאַזמאַטינס פּנים. ער לאַכט, ווי אין ווייטיק און דאָך פאַרבענקט.

פּלוצלינג טוט זיך קאַזמאַטין אַ פּאַטש אין שטערן, ווי אין עפּעס פאַרגעסן. ער שפּרינגט צו צו דער קאָוואַדלע, נעמט אַרבעטן און זינגט:

— „טרי טאַנקיסטאַ, טרי וועסאָליך דרוגאַ"...

*

זינט היטלער איז באַפאַלן דעם ראַטן־פאַרבאַנד איז דער אָוונט אין סאָווכאָז, אַפילו ביי אַ פולער לבנה, איינגעהילט אין אומעט. דער סאָווכאָז־שטח איז ווי אַ תהום. עס בושעוועט אַ שטילקייט.

טורעק איז לעצטנס נישטאָ, פאַרשוווּנדן. אַלעק ווייסט נישט די סיבה. דער אומעט פאַרשטאָפּט אים די אויערן. ער ווייסט אויך נישט פאַר וואָס מאַרצעלאַ קומט נישט אויף ביי נאַכט אין סאָווכאָז. ער האָט שוין עטלעכע מאָל זיך צוגעכאַפּט אַפּוואַרטן זי ביי די ציסטערנעס־באַזע, ווען זי דאַרף קומען נעמען נאַפט פאַר די טראַקטאָרס, און ער זעט זי נישט. אויך די סיבה קען ער זיך נישט אויפקלערן.

אַלעקס שלאָפבעט — די פּאָדלאָגע אין קאָמסאָמאָל־קלוב. צו שלאָפן איז נאָך פרי. שפּאַנען אין דער הוילקייט פון דער סאָווכאָז־באַזע — איז אַ פּחד.

אַבראַשאַ געפינט אים אויפן וועג צום קלוב. ער וויל וויסן צי קאַטיאַ, די פאַרוואַלטערין פון קלוב, ווייסט שוין וועגן אַלעקס שלאָפן דאָרט. אַבראַשאַ ווייסט צו דערציילן: קאַטיאַ איז שיין און שלעכט. זי קאָן נישט

באַשטיין אויף אַלעקס שלאָפּן אין דעם קלוב. קאַטיאַ האָט שוין דעם דריטן מאַן. דער ערשטער — אַ חבר פון דער שולבאַנק. אַ רוגזניק, אַ שיכּור, אַ שעדיקער. קאַטיאַ ווייסט נישט ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען. דער צווייטער מאַן — אַן עלטערער פון איר, אויך אַ לערער. אין זיין ליבע צו איר איז ער גרייט געווען זיך מקריב צו זיין. מאַכט זיך, אַז קאַטיאַ פאַלט אַריין אין אַ קראַנקייט. מען שיקט זי אין אַ סאַנאַטאָריע, און ער, כּדי צו זיין מיט איר, איז זיך גורם די קראַנקייט און קומט אין דער סאַנאַטאָריע. קאַטיאַ קומט צוריק, אָבער ער — נישט... דער דריטער מאַן, דער לעצטער, איז אַ טעכניקער אין די טעכנישע וואַרשטאַטן, איז מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי, אָבער שוין אַ צייט ווי זי האָט נישט פון אים קיין ידיעה. זי איז איינזאַם און לאָזט נישט רעדן צו זיך. אַ סברה, ווייל אַלע ווייסן וועגן איר ביטערן גורל און יעדער וויל זיך וואַרעמען אין איר — די געשלאָגענע...

— קאַזמאַטין, דער שמיד, האָט אַ סך צו זאָגן וועגן קאַטיאַ. ער האַלט אַז זי איז אַן איין און איינציקע דאָ אין סאָווכאָז — זאָגט אַלעק.

— מיט איר שיינקייט — איינע.

פון אַבראַשאַס רייד איז אַלעק זיך משער, אַז ער האָט נישט קיין סימפּאַטיע פאַר קאַזמאַטינען, דעם שמיד. ער דערמאָנט זיך אויך, אַז קאַזמאַטין באַצייכנט אַבראַשאַן ווי „דער דאָרן אין סאָווכאָז"... אַלעקן דוכט זיך, אַז אויך אַבראַשאַ זוכט די נאָענטקייט פון קאַטיאַ.

אַז טורעק איז נישט מער אין סאָווכאָז, ווייסט אַבראַשאַ, אָבער שווייגט. איין פרימאָרגן וואַרט ער אָפּ אַלעקן ביי דער „סטאָלאָוואַיאַ". אויף זיין פּנים איז צעגאָסן אַ צעטראָגנקייט.

— דיינע חברים האָבן מיך פאַרשעמט — זאָגט אַבראַשאַ און זיין שטים ציטערט.

— מיט וואָס פאַרשעמט?

— אויך זיי זענען אַוועק פון דער בריגאַדע אין פעלד. איך בין געבליבן צו נאָר מיטן לויבן זיי. מיט זיי איז אויך אַוועק די פּוילישע, די גרינאַויגיקע, וועמען וואַניאַ, דער טראַקטאָריסט, האָט זי זיך געברענגט אַהער. קאַטיאַ איז איר געווען ווי אַ שוועסטער. ס'איז פאַר קאַטיאַ אַ שווע־

רער קלאַפּ. וואַניאַ וועט זיך דערוויסן, קאָן ער זיך נאָך אַ מעשה אָפּטאָן — רעדט אַבראַשאַ נאָך מיט ציטער אין דער שטים. ער פאַרגייט זיך אין אַ הוסטן און עס דויערט ביז ער איז עס גובר. אָלעק נעמט אים אַריין אין דער „סטאָלאָוואַיאַ". ער וויל הערן וואָס אַבראַשאַ מיינט, צי איז מאַרצעלאַ אַוועק צוזאַמען מיט די ברידער קרויטמאַן? אַבראַשאַ האַלט, אַז משה שניידער ווייסט און אָלעק זאָל זען זיך מיט משהן. ער וויל, אַז אָלעק זאָל אים צוזאָגן און אָפּרעדן מיט משהן, אַז זיי ביידע בלייבן אין סאָווכאָז, כּדי זיין פּנים זאָל נישט בלייבן פאַרשוואַרצט.

קאַזמאַטין הערט, אַז אָלעק גרייט זיך אַרויסצופאָרן צו דער בריגאַדע, באַפאַלט אים אַ חשד־געדאַנק — צי וויל ער נישט טאָן ווי טורעק. ער זאָגט:

— איך פאָדער פאַר דיר מילך ווי עס קומט אַ מאַלאַטאַבאַיעץ.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, טאָוואַרישטש ניקאָליי — זאָגט אָלעק מיט אַ צעצויגענעם אָטעם.

קאַזמאַטין פילט דאָך, אַז אָלעקס דאַנק איז אָן וואַרעמקייט. ער ווישט זיך אָפּ די הענט אין פאַרטעך, נעמט אָלעקן פאַרן אַקסל און קוקט אים אין פּנים:

— טראַכסט אַוועקצוגיין פון מיר?

אָלעק שווייגט.

— באַטראַכט זיך גוט. חברים זענען נישט בעסער ווי ווייבער. כּל־זמן זיי האָבן פון דיר, וואָס זיי ווילן, זענען זיי גוט און פרום — רעדט קאַזמאַטין און דערלאַנגט אָלעקן דעם שטעקן צו רודערן דעם בלאַזזאַק — היינט זינגען מיר עפּעס נייס:

נאַ זאַקאַטיע כאַדיט פּאַרען
וואַזליע דאַמאַ מאַיעוואַ,
פּאָווערניאַטסיאַ או קאַליטקי
אי ניע סקאַזשעט ניטשעוואָ,
אי קטאַ יעוואַ זנאַיעט
נאַ טשטאַ נאַמיעקאַיעט,
נאַ טשטאַ נאַמיעקאַיעט!...

דעם רעפריין זינגט קאַזמאַטין אויף אַ העכערער אָקטאַווע.

אָלעק זינגט נישט. קאַזמאַטין לאָזט נישט אָפּ, אָלעק מוז זינגען. ער העלפט אים זיך איינצואיבן אין רעפריין:

אי קטאָ יעוואָ זנאַיעט

נאַ טשטאָ נאַמיעקאַיעט !...

אויף קאַזמאַטינס פּנים צעגיסט זיך אַ צופרידנקייט און ער קלאַפּט מיטן העמערל אין דער קאָוואַדלע אַלץ מער הייטער און הייטער. אָלעק אָבער איז דאָך אַנטשלאָסן אַרויסצופאָרן אין פעלד און צו זען זיך מיט משה שניידער.

# קאַטיאַ

קאַטיאַ איז מיטלוווקסיק, שמאָל אין געבוי. די בלאָנדע האָר אירע זענען צוגעקעמט מיט אַ שאַרפן שרונט אין מיטן פון קאָפּ־שיידל. די צוויי העלפטן האָר, נישט געשוירן, פאַלן איר אין די זייטן ווי צוויי פאַרהענג־לעך. איר העלהויטיק פּנים איז גלאַטיק און ווי באַזאַלבט מיט חן און ווייב־לעכער סובטעלקייט. אירע רויטע ליפּן זענען פול מיט גאַרונג. די לעפּלען ביי איר שמאָלער נאָז זענען ראָזאָווע ביז דורכזיכטיק. זי האָט קליינע אויגן, אָבער די שוואַרצאַפּלען בלישטשען. זי איז אָנגעטאָן אין אַ ספּודניצע פון ברוינעם ליינען־שטאָף מיט בלומען און אַ בלוזקע פון דינעם לייוונט אָן באַפּוצונג און לויז אויף אירע אַקסלען. דאָס זענען אירע וואָכן־מלבושים אַז זי אַרבעט נישט. אויך מיט דעם שיידט זי זיך אויס פון אַנדערע אין די סאַראַפאַנען.

ס׳איז איצט דאָס ערשטע מאָל ווי אָלעק קאָן זיך איינקוקן אין איר. זי איז געקומען אין דער קוזניע מיט צוויי צעבויגענע מאָטיקעס אין די הענט און זי וויל, אַז קאַזמאַטין זאָל זיי אויסגלייכן. זי וויל באַאַרבעטן איר גערטנדל.

קאַזמאַטין זעצט זיך אויף דער קאָוואַדלע. אין די אויגן שיינט אים אַ פלעמל. ער רעדט נישט. ער נעמט די מאָטיקעס, באַקוקט זיי, ציט איין די ליפּן, מאַכט העוויות, אַז ס׳איז אַן אַרבעט אויף שעהען אַוועק. נאָר אָט איז ער שוין באַהערשט און זאָגט:

— אויב קאַטיאַ וויל כ׳זאָל דאָס שוין טאָן, דאַרף קאַטיאַ דאָ וואַרטן. אין קעגנוואַרט פון אַ קראַסאַוויצע צעהיצן זיך די בליטן, איז פאַראַן מער געשיקטקייט אין די הענט, מער אימפּעט און חשק... און די צייט לויפט.

קאַטיאַ לאַכט. זי שפּאַרט זיך אָן אין קאַזמאַטינס אַקסל און לאַכט האַסטיק. קאַזמאַטין נעמט זי אַרום:

— שוין נעם איך אויסריכטן די מאַטיקעס. געזאָגט און געטאָן.

— נאָר שנעל — זאָגט קאַטיאַ.

קאַזמאַטין פאַרמרוזשעט אַן אויג:

— שנעל, נישט. נישט אָפּט קומט קאַטיאַ אין דער קוזניע. נישט אָפּט איז דאָ די געלעגנהייט זיך איינצוקוקן אין אַ שיינהייט.

— ווילסט נישט, דאַרף מען נישט! — זאָגט קאַטיאַ איינציִענדיק די ליפּן ווי אין ברוגז און זי וויל די מאַטיקעס.

קאַזמאַטין שעפּטשעט עפּעס ווי צו זיך. און מיט אַ מאָל כאַפּט ער זיך צו לערנען אַלעקן אַ ניי ליד. ער גלייכט די צעקרימטע מאַטיקעס פאַר קאַטיאַ און זינגט:

וו׳דאַליאָקי פּוט טאָוואַרישטש אוליעטאַיעט,
ראָדניִע וועטרי וו׳סליעד זאַ נים לעטיאַט.
לובימי גאָראָד וו׳סינעי דימקי טאַיעט —
זנאַקאָמי דאָם, זעליאָני סאַד אי נעזשני ווזגלאַד.

קאַזמאַטין זינגט נאָך אַ סטראָפע און נאָך אַ סטראָפע, און דער עיקר חזרט ער איבער די שורה:

ליובימי גאָראָד מאָזשעש ספּאַט ספּאָקאָינאָ...

קאַטיאַ הערט זיך איין מיט שפּאַנונג אין קאַזמאַטינס זינגען. מיט אַ קאָפּ־באַוועגונג ווייזט זי איר עמפּינדלעכקייט אויף אַ שלעכטן טאָן, וואָס אַלעק נעמט. זי איז גרייט, אַז קאַזמאַטין זאָל אָפּלייגן דאָס פאַרריכטן די מאַטיקעס און זאָל אַליין זינגען, אָבער זי זאָגט דאָס נישט.

קאַזמאַטין גיט קאַטיאַן די אויסגעריכטע מאַטיקעס. ער בייגט זיך אָן זי צו קושן. קאַטיאַ שטעלט אָן איר באַק און גיט אים אַ לייכטן שטויס אין אַקסל, וואָס דריקט אויס אַ דאַנק. ביי קאַזמאַטינען איז דער שטויס אין אַקסל מער ווי אַ דאַנק... קאַטיאַ גייט אַוועק, שטעלט ער זיך אין דרויסן און קוקט נאָך איר גיין. ער באַוועגט דעם קאָפּ מיט באַוווּנדערונג און באַ־גער, ער זינגט:

ליובימאַ קאַטיאַ מאָזשעש ספּאַט ספּאָקאָינאַ...

און הגם קאַטיאַ איז שוין ווייט פון קאַזמאַטינס אויג, רירט ער זיך נישט פון אָרט. ער זעט זי...

צו אָוונט צו. קאַזמאַטין האַלט נאָך נישט ביים פאַרענדיקן די אַרבעט. אַלעק איז אָבער מיד און ער בעט ביי קאַזמאַטינען ער זאָל אים לאָזן גיין זיך אָפּרוען.

✶

אַלעק, ווי מיד און דערשעפּט ער איז, קאָן ער דאָך נישט איינ־זיצן אין דער פוסטקייט פון קאָמסאָמאָל־קלוב. ער קאָן נישט פאַרגעסן אין דעם אַוועקגיין פון מאַרצעלאַ מיט די ברידער קרויטמאַן, מיט לעאָן קרויט־מאַן, וועלכער קושט איר פאָטאָגראַפיע. ער גייט אַרויס צו דער באַזע פון די ציסטערנעס, אפשר איז נישט אמת, אַז מאַרצעלאַ איז אַוועק מיט לעאָ־נען? אפשר וועט ער זי טרעפן ווו זי קומט נעמען נאָפט פאַר די טראַק־טאָרס? ביי די ציסטערנעס איז קיינער נישטאַ. ער גייט אין דער ריכטונג פון דער קוזניע — אפשר קומט מאַרצעלאַ אים זען? ער איז שוין באַענט דער מעלמיל און בלייבט שטיין.

די מעלמיל גייט אויף שטיינער. דאָס מאָל אַרבעט זי אויך אין אָוונט. דער רויש ווערט צעפלאָסן אין דער שטילקייט פון ברייטן סאָווכאָז־שטח ווי אַ זשומען פון אַ געוויטער און וואַסערפאַל. ער דערמאָנט זיך אין נחומען. אים איז נישט קלאָר די סיבה פון זיין פאַרלאָזן די אַרבעט אין פעלד: זאָל זיין אַז די אַרבעט איז אַ מאַטערניש? אפשר איז קליין די פּייקע ברויט? אפשר איז אים נישט צום האַרץ דאָס אָרט לעבן ביי דער בריגאַ־דע? דער רויש פון דער מעלמיל צעשטרייט אים, און ער גייט צוריק אין קאָמסאָמאָל־קלוב. ער האָט נישט קיין בעט. אַפילו אויפן אויסגעשפּרייטן געוואַנט איז די פאָדלאָגע נישט ווייכער האַרט. ער לייגט אָפּ דאָס לייגן זיך. ער שפּאַנט הין און צוריק איבערן זאַל. אים איז שוין פריקרע דאָס איינקוקן זיך אין די בילדער פון לעניך, סטאַלין און מאַרקס, וועלכע הענ־גען אויף דער וואַנט פון „קראַסני אוגאָלאָק". ער נעמט זשורנאַלן, בלע־טערט, קוקט זיך איין אין די אילוסטראַציעס. אויך דאָס ווערט אים פריי־

קרע. בילדער פון דער היים קומען אים אין דמיון. ער קאָן זיך נישט אויס־מאָלן ווי ס'איז איצט דאָרט מיט זיינע אייגענע. אפשר וועט אַבראַשאַ זיך באַווייזן — קומט אויף אַ געדאַנק.

פלוצלונג עפנט זיך די טיר און קאַטיאַ באַווייזט זיך. זי שטייט ווי אין יישבן זיך. אויך ער שטייט אַן איבערראַשטער:

— פּאַזשאַלויסטאַ! — רופט ער צו איר.

קאַטיאַ שטעלט זיך לעבן אים, קוקט אים אָן ווי אַפּצומעסטן אים ווי גרויס ער איז און צי איז זי זיך נישט טועה:

— מאַלאַטאַבאַיעץ? — פרעגט זי.

— מאַלאַטאַבאַיעץ — ענטפערט אַלעק שטיל.

— וואָס טוסטו דאָ? ווער האָט דיר דערלויבט דאָ צו שלאָפן? דאָ איז דער קאָמסאָמאָל־קלוב! — אין איר שטים קלינגט אַ וואָרענונג.

— אַבראַשאַ! — כאַפּט אַלעק זיך אַרויס מיטן נאָמען און האָט ער שוין געזאָגט דעם נאָמען, גיט ער שוין צו — אַבראַשאַ פון ביוראָ.

— אַבראַשאַ? אויך דאָ פאַרוואָרפט ער זיינע פליגל! דאָ איז נישט קיין אָרט צו שלאָפן! דער קלוב איז נישט קיין אַכסניה, דער קלוב איז אונטער מיין אויפזיכט.

— זייער אַנגענעם.

— דאָ איז נישט קיין אַכסניה און טראָג זיך אַרויס!

— ווייז מיר אָן וווהין צו גיין, אדרבה.

— נישט מיין זאַך! ווער ס'האָט דיך געברענגט, דער זאָל דיך טראָגן!

— מאָרגן, גראַזשדאַנקאַ קאַזמאַטין, דער שמיד, וועט זיכער געפינען אַן אָרט פאַר מיר — ער צעהוסט זיך.

קאַטיאַ מיינט, אַז ער לאַכט.

— דו לאַך נישט און ריר זיך.

— דיין באַפעל, גראַזשדאַנקאַ, איז ערנסט, אָבער זאָגן וויל איך, אַז דיין שטים קלינגט נישט אַזוי דראָענדיק ווי דו ווילסט. איך פיל, אַז דיין שטרענגקייט איז אָפיציעל. איך קען דיינע אויגן — אַ גוטמוטיקייט איז אין זיי. איך גלייב נישט אַז דו ווילסט כ'זאָל ליגן אין דרויסן. איך האָב

זיך נישט אַריינגעריסן אַהער, גראַזשדאַנקאַ. ס׳איז דאָ נישט אַזוי באַקוועם, אַז איך זאָל נישט וועלן דאָס טוישן. הייגט מוז איך שוין בלייבן דאָ.

— ס׳איז נישט שיין צו טאָן אַן צו פרעגן.

— וואָס איז שיין, קאָן נישט זיין שלעכט, און דו ביסט דאָך אַ שיינע.

— איך בין גענוג שטאַרק צו באַזייטיקן דיך. מיין נאָמען איז קאַטיאַ.

— אַ שיינער נאָמען, ווי דו אַליין.

— דו ביסט ראַפינירט אין מאַכן קאָמפּלימענטן, אָבער מיך איבער־ראַשסטו נישט. מיט גוטן זאָג איך דיר, גיי פון דאַנען, אַנדערש וועסטו שלעכט אַרויס פון אַ פאַרמעסט מיט מיר.

— איך בין גרייט איינצושטעלן — שלאָגט אַלעק אָפּ און ער וואַרט נישט אויף קיין ענטפער, ער כאַפּט זי אַרום. זיינע הענט זענען איצט ווי צוואַנגען.

— וועסט נישט! וועסט נישט!... — רעדט קאַטיאַ, אָבער זי ווערט זיך נישט שטאַרק. אַלעק איז איצט ווילד. ער רייסט זיך צו אירע ליפּן, קלעפּט זיך אין איר, קושט זי. קאַטיאַ איז שטיל, אָבער נישט נאָכגיביק. אין אַמפּערן זיך מיט איר פאַלט ער מיט איר. ער וויקלט זיך איין מיט קאַטיאַן אינעם רויטן געוואַנט. קאַטיאַ ווערט נאָכגיביק...

✶

לויט דעם ליכט אין די פענצטער, וואָס זענען אַפילו מאַט פון טוי, איז אַלעק זיך משער ווי ווייט ס׳איז שוין אין טאָג. ער ווישט זיך די אויגן און דאָך איז אים שווער וואָך צו זיין. ער ווייסט נישט ווען קאַטיאַ איז אַוועק. אין אַן אַקראָבאַטישן הייב שטעלט ער זיך אויף די פיס, נעמט דאָס טישטעך, פאַרוואַרפט דאָס איבערן טיש — און ס׳איז צוריק דער „קראַסני אוגאָלאָק״.

לויט דער גראָקייט פון הימל ווייסט ער נאָך אַלץ נישט די שעה. ער הערט נישט קיין קלאַנג פון דער קוזניע, מיינט ער, אַז קאַזמאַטין איז נאָך נישטאָ ביי דער אַרבעט. ער לויפט אין דער סטאָלאָוואַיאַ. די טישן זענען באַזעצט, באַרויקט ער זיך — נאָך נישט פאַרשפּעטיקט. ער שטעלט זיך אין דער ריי צו דער ברויט־טיילערין. מיטן ברויט אין דער האַנט שטעלט

ער זיך אין דער ריי צום קיך־פענצטער. ער גיט אַריין זיין טאַלאָן און נעמט איבער אַ טעלער זופּ און אַ טעלערל מיט קאַשע. ביים טיש איז שוין דאָ אָרט, זעצט ער זיך. ער קוקט אויף יעדן וואָס קומט נאָר אַריין. ער וויל זען אַבראַשאַן, ער וויל הערן פון אים, צי ווייסט ער עפּעס פון קאַטיאַ.

אין דרויסן ליגט די זון איבערן גאַנצן אַרום. ער הערט נישט קיין קלאַנג פון דער קוזניע, לויפט ער, כּדי צו זיין דאָרט פריִער פון קאַזמאַטי־נען. ווי ער דערנענטערט זיך צו דער קוזניע דערפילט ער דעם ריח פון די קאָקס־קוילן — קאַזמאַטין איז שוין דאָרט. ער פאַלט אַריין אין דער קוזניע מיט פאַרענטפערן זיך פאַר דעם פאַרשפעטיקן:

— דער נעפּל האָט מיך פאַרפּירט אין דער צייט — זאָגט ער און נעמט פון קאַזמאַטינען דעם שטעקן צו רודערן דעם בלאָזזאַק.

— נאָך גאָרנישט פאַרשפּעטיקט — זאָגט קאַזמאַטין און לאַכט הייטער־דיק. אַלעק וויל נישט פרעגן וואָס ער באַהאַלט אין זיין לאַכן.

— די פאָדלאָגע אין קלוב איז דאָך נישט קיין געלעגער אויף צו שלאָפן יעדע נאַכט — זאָגט אַלעק ווי אַ תּנאַי פאַר זיין בלייבן דאָ.

קאַזמאַטין, צי ער מאַכט זיך נישט הערן, צי ער פאַרשטייט נישט, ענטפערט נישט אויף אַלעקס רייד. ער פאַררעדט זיך גאָר וועגן אַ גרויסער אַרבעט וואָס וואַרט: רעדער איבערציִען, טריבן צו שווייסן.

אַלעק ווייסט, אַז קאַזמאַטין האָט נישט ליב מען זאָל אים אַריינגיין אין זיין רעדן, וואַרט ער מיט איבערצוחזרן זיין תּנאַי וועגן אַ געלעגער אויף ביינאַכט. דערווייל איז שוין אָנגעגליט אַ רייף צום איבערציִען אויף אַ ראָד און קאַזמאַטין טאָר נישט וואַרטן — דאָס אייזן קאָן זיך שמעלצן. ער כאַפּט מיט צוויי לאַנגע צוואַנגען אַרויס די רייף פון פייער, פאַרוואַרפט זי אויפן ראָד און ביידע מוזן זיי שנעל, כּל־זמן די רייף איז אָנגעגליט, אַריבערציִען זי אויפן ראָד. קאַזמאַטין זינגט:

— אי קטאָ יעוואָ זנאַיעט...

קאַזמאַטין, ווי ער איז פאַרטאָן, דערכאַפּט, אַז אַלעק שלינגט איין די ווערטער, אָבער ער איז נישט מוותר, ער לאָזט נישט אָפּ: אַלעק מוז איבער־חזרן די סטראָפע.

שוין איבערגעצויגן עטלעכע רעדער, דערקלערט קאַזמאַטין:

— צייט צו רויכערן!

אַלעק נוצט אויס די צייט. ער האָט עפּעס צו מאָנען: קאַזמאַטין קריגט ווייץ, מאַלט דאָס אויף מעל און האָט מער ברויט, וויל ער אויך אַזוי. די סאָווכאָז־אַרבעטער קריגן צוגעטיילט שטיקלעך ערד־שטח צו פֿאַרזייען פֿאַר זיך קאַרטאָפֿל, וויל ער אויך זיין גלייך מיט אַלע אַרבעטער. אַ מאַלאַטאַ־באַיעץ דאַרף טרינקען מילך, וויל ער מילך.

דאַכט זיך אַלעקן, אַז קאַזמאַטין הערט זיך איין וואָס ער מאָנט, אָבער באַלד ווייזט זיך אַרויס, אַז קאַזמאַטינען פּיקן אַנדערע געדאַנקען.

— איז קאַטיאַ אַ גוטע, אָדער אַ שלעכטע? — פֿרעגט קאַזמאַטין און בלאָזט געמיטלעך דעם רויך.

אַלעק קוקט אים אָן פֿאַרוווּנדערט. ער פֿאַרהאַקט זיך נישט. ער ענט־פֿערט:

— זי איז נישט מסכּים איך זאָל שלאָפֿן אין קלוב.

— אַז קאַטיאַ וויל... — רופֿט אויס קאַזמאַטין און פֿאַרענדיקט נישט דעם זאַץ.

— טאָוואַרישטש קאַזמאַטין, האָב איך נישט קיין קוואַרטיר, פֿאַר איך אין פֿעלד צו דער בריגאַדע — זאָגט אַלעק אַנטשלאָסן.

— אַ קוואַרטיר וועט זיין. נאָר זאָג מיר, אַז קאַטיאַ זאָל זיין מיט דיר, וואָלסטו געשלאָפֿן מיט איר?...

אַלעק קוקט אין קאַזמאַטינס צעהיצטע אויגן. ער האָט מורא צו ענט־פֿערן, אַ שווייגנדיקער לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ, און דאָס בכּוון, כּדי קאַז־מאַטין זאָל אים נישט קוקן אין פּנים אַריין.

— דו טוסט גוט מיטן שווייגן, ווייל וואָס דו זאָלסט נישט זאָגן, וועל איך דיר נישט גלייבן.

אַלעק קוקט פֿון הינטערן שטערן.

קאַזמאַטין נעמט אָן מיט צוויי פֿינגער אַלעקן ביי דער קין. ער רייסט אים אַרויף דעם קאָפּ און קוקט אַריין אין זיין פּנים. מיט אַ קאָפּ־באַוועגונג באַשטעטיקט ער זיך זיין טראַכטן:

— דו, מאַלאַטאָבאַיעץ מיינער, און איך טיפּש, פֿרעג...

אַלעק שווייגט.

קאַזמאַטינס אויגן גלאַנצן מיט אַ וואַסערגלאַנץ. תמיד, אַז עס גייט אים איבער דער כּעס, שווימען זיינע אויגן אין אַ נעץ. ראַפּטעם גליטשט ער זיך אַראָפּ פֿון דער קאַוואַדלע:

— צו דער אַרבעט! — רופֿט ער אויס. ער נעמט די לאַנגע צוואַנגען און זינגט:

— אי קטאָ יעוואָ זנאַיעט...

צו אָוונט צו וואַרט אַבראַשאַ אָפּ אַלעקן. ער האָט פֿאַר אים אַ גוטע בשורה — ער האָט פֿאַר אים אַ צימער.

*

אַלעק דאַרף שוין נישט שלאָפֿן אין קלוב פֿון קאָמסאָמאָל. ער האָט אַ צימער אין קאָרידאָר פֿון סאָווכאָז־ביוראָ, און נאָר דורך אַבראַשאַס מי, און נישט ווייל ער האָט ליב אַלעקן, נאָר צוליב זיין פּרעסטיזש ביים „זאַוו" און פּאָליטרוק.

דאָס צימער האָט נישט קיין באַזונדערע מעלות. אויך דאָ איז נישטאָ קיין בעט. די פּאָדלאָגע נישט געוואַשן און דאָס זאַמד רייבט זיך אונטער די טריט. אַבראַשאַ זאָגט אים צו אַ בעט און אויסצולייען אַ קילעם ביי אַ קאַזאַך:

— דאָ האָט קאַטיאַ נישט צו זאָגן — זאָגט אַבראַשאַ די מעלה פֿון דעם צימער.

אַלעק האַלט זיך אָפּ פֿון רעדן וועגן קאַטיאַ, דאָך פֿרעגט ער:

— קאָן קאַטיאַ וויסן, אַז דאָ?...

אַבראַשאַ, דער פּיפּיקער, כאַפּט זיך אָן אין אַלעקס פֿראַגע:

— דו ווילסט זי זאָל וויסן? דאַרף זי דיך זוכן?

— ניין! כ'מיין — כּדאַי זי זאָל וויסן, אַז אויב נישט אין איר קלוב, בין איך דאָך נישט אין דרויסן.

אַבראַשאַ שטייט דאָך נישט אָפּ:

— איך קאָן טרעפֿן צו איר, אַז דו ווילסט.

— ניין! — זאָגט אַלעק קאַטעגאָריש.

אַבראַשאַ שטויסט אַרויס די אונטערשטע ליפּ — אַז נישט דאַרף מען נישט — און ער גייט צום קאַזאַך אויסלייזן אַ קילעם.

אַלעק וויל נאָך נישט שלאָפן. ער גייט אַראָפּ צו דער בורטע.

*

דאָס וואַסער אין דער בורטע שטייט ווי פאַרגליווערט. שוין אַ צייט איז זי אָן אַ שטראָם. אַלעק שפּאַנט לענג־אויס דעם ברעג. ער זוכט אַן אָרט ווו זיך אַנידערצוזעצן. די לבנה איז אין האַלבן עיגול. שווער צו אונ־טערשיידן אין זאַמד־שטח אַ בערגל און ער קלאַפּט זיך אָן אין אַ שטיין. ער בייגט זיך אָן, טאַפּט מיט די הענט: ס'איז אַ מילשטיין. ער זעצט זיך, קוקט אויף דער אָפּשפּיגלונג פון דער לבנה אין דעם שטייענדיקן וואַסער. עס שלאָגט אים אויף אַ געדאַנק, אַז ער געפינט זיך אין אַ פּלאָנטער פון קאַזמאַטין, אַבראַשאַ און קאַטיאַ. ער איז זיכער, אַז קאַזמאַטין ווייסט וועגן זיין נאָענטקייט מיט קאַטיאַ. אויך אַבראַשאַ קלעפּט זיך אין דער השערה. ער איז נישט זיכער, אַלעק, צי קאַזמאַטין שפּירט אים נישט נאָך. אַבראַשאַ, די וועווערקע, קאָן זיך אַנשטויסן. ווי קאַזמאַטין, לויערט ער אויך אויף לייטזעליקייט פון קאַטיאַ. צי דאַרף ער קאַטיאַן נישט אַנווייזן אויף דעם? אָדער צוואַרטן און זען צי דער אַנומלט איז נישט ביי איר אַן עפּיזאָד?...

די אויגן זענען אַלעקן שוין מיד פון קוקן אין וואַסער. עס לויפט אָן אַ געדאַנק: ער דאַרף אַוועק, אַרויס פונעם פּלאָנטער — קאַזמאַטין, אַבראַ־שאַ, קאַטיאַ. ווי אַבראַשאַ מיינט איז אויך פּאַפּאָוון, דעם פּאַליטרוק, קאַטיאַ אין אויג. ער מוז אַרויס פון פּלאָנטער.

פּלוצלינג דערכאַפּט זיין געהער אַ שאָרכן פון טריט. דער אָטעם און די טריט ווערן דייטלעכער און נאָענט. ער שטעלט זיך. ער באַווייזט נישט נאָך איין שפּאַן צו טאָן און קאַטיאַ נעמט אים אַרום. זי פּליסטערט:

— איך בין אַרויס פון קלוב אַ צעטומלטע. נאָענט פון ברונעם, נישט ווייט פון מיין כאַטע, שטעלט אַבראַשאַ זיך מיר אין וועג: צי איך גיי צו דער בורטע, פרעגט ער. האָב איך פאַרשטאַנען, ווו דו ביסט.

אַלעק שווייגט. ער נעמט זי אַרום, קאַטיאַ לענט זיך אָן אין זיין אַקסל און רעדט אים אין אויער:

— אויך מיט דיין שוויגן ווילסטו מיך...

שטיל איז אַרום. די שטילקייט רעדט מיט דער שפּעטער שעה. דער סאָווכאָז שלאָפט. אויך די מעלמיל איז פאַרשטומט. קאַטיאַ באַשטייט אַלעק זאָל זי צופירן ביזן ברונעם. פון דאָרט קאָן ער זען, אַז זי גייט אַריין אין איר כאַטע...

*

דער פרימאָרגן בלייכט זיך אַ מאַטער. די פענצטער־שויבן זענען פאַר־צויגן מיט טוי. ס׳איז נישט די צייט צו זיין אין דער קוזניע, אָבער אַלעק שטייט שוין גרייט צו גיין. אַן אומרו טראָגט אים. ער לויפט אַראָפּ צו דער בורטע באָדן זיך, איז דאָס וואַסער פלאַך, דאָך וואַשט ער זיך ווי מעגלעך. די זון ליגט ווי אַ פייערפאַן אין טייכל. אַלעק פאַלט איין צו זען, צי ס׳זענען קענטלעך זיינע טריט אין דעם זאַמד. ער דערקענט קאַטיאַס טריט און אויך עפּעס פרעמדע. זיין השערה — קאַזמאַטין.

פון דער קוזניע טראָגט זיך אַ זינגען.

אַלעק פרוווט זיך אויס אין געמיט: ער גייט געלאַסן ווי ער וואָלט ציילן די טריט. ער וויל זיך פאַרשפּעטיקן צו דער אַרבעט — אויספּרווון קאַזמאַטינען, צי ער איז אין כּעס. ער גייט אין דער סטאָלאָוואַיאַ און איילט זיך נישט ביים עסן. ער וויל זיך ווייזן אַבראַשאַן, אָבער ער זעט אים נישט, גייט ער אין דער קוזניע, און גלייך צום גליאָויון. ער נעמט דעם שטעקן צו רודערן דעם בלאָזזאַק.

— אַ גוט מאָרגן דיר! — באַגריסט אים קאַזמאַטין. ער רעדט נישט און זינגט נישט. עפּעס נישט דער גוטמוטיקער קאַזמאַטין. ער קוקט צו אים נאָר מיט איין אויג, דאָס צווייטע פאַרקלאַפּט. נעמט אַלעק זינגען אַ ליד און פּעלשט, כּדי צו זען ווי קאַזמאַטין איז געשטימט צו רעאַגירן.

קאַזמאַטין קרימט זיך.

אַלעק שפּאַנט נייגער — ס׳איז נישט דער מילדער קאַזמאַטין — זאָגט ער זיך. פאַלט אים איין אָנצוציִען קאַזמאַטינען:

— טאָוואַרישטש קאַזמאַטין, די נאַכט האָט זיך מיר געחלומט, אַז מיר שווימען אין דער בורטע און פאַרמעסטן זיך.

קאַזמאַטין דריגעט מיט די אַקסלען, עלעהיי אין אַ קעלט.

— איך שלאָף שוין נישט אין קלוב פון די קאָמסאָמאָלן.

— כ'ווייס. דיך געזוכט נעמען טרינקען טשיי.

— כ'בין געווען ביי דער בורטע.

— איך ווייס, איך ווייס — זאָגט קאַזמאַטין און ווינקט אָן מיט די אויגן אויף עפּעס אַ רמז.

אַלעקן איז שוין קלאָר, אַז זיין השערה וועגן דער דריטער פּאָר פּיס אין זאַמד, איז אַ ווירקלעכקייט. עס באַשטעטיקט זיין חשד, אַז קאַזמאַטין שפּירט אים נאָך, און ער וויל דערפירן צו אַ רייד וועגן קאַטיאַ. קומט ער מיט אַ פראַגע:

— איז אמת, אַז דער פּאַליטרוק ווערט מאָביליזירט צו קעמפן אויפן סטאַלינגראַדער פראָנט, ווי עס זאָגט אַבראַשאַ?

— דיין אַבראַשאַ האָט גרויסע אויערן. וואָס קיינער הערט נישט — הערט ער. ער וויל פּאַפּאָוון זען אויף דער צווייטער זייט בורטע, אָבער פּאַפּאָוו איז „בראָנירט" (אומבאַרירלעך), קיין רוח קאָן אים נישט נעמען. זאָג נישט נאָך וואָס איז זאָג. דער מאָסקוויטש האָט אַ לאַנגע צונג — רעדט קאַזמאַטין מיט פּאַרדראָס און שפּייט אויס, ווי זיין שטייגער ביים אויסדריקן אָפּשיי.

ס'איז דאָס ערשטע מאָל ווי אַלעק זעט קאַזמאַטינען אין צעטראָגנקייט און געקרענקט. קאַזמאַטין אַרבעט מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט האַלטן עפּעס אַ ביטערן פּיל אין מויל. אַלעק יישובט זיך: פרעגן צי ער איז אַ באַוואוסטער דורך אַבראַשאַ, אָדער בעסער נישט פאַרברייטערן דעם שמועס, נישט אויפקאָכן קיין קאַשע, אין וועלכער ער זאָל זיין פאַרמישט. ער דערמאָנט זיך זיין טאַטנס אַ וואָרט: „אַז דו זעסט ווי צווי רייבן זיך די פּלייצע אין איין קלאָץ, קוק נישט אויפן קלאָץ, נאָר אויף דער פּלייצע" — ביידנס זענען נישט ריין...

אַלעק כאַפּט, אַז קאַזמאַטין האָט נאָך נישט דערקלערט קיין רויכערן־איבעררייס. ער פרעגט:

— היינט רויכערט מען נישט?

— גוט, דו געדענקסט! — רופט זיך אָפּ קאַזמאַטין און וואַרפט אַוועק זיין העמערל.

דאָס רויכערן איז דאָס מאָל אַנדערש. קאַזמאַטין זעצט זיך נישט אויף דער קאָוואַדלע. ער וואַרפט דאָס זעקעלע מאַכאָרקע אויפן קלאָץ. ער פאַר־וויקלט זיך אַ פּאַפּיראָסל און דרייט זיך אַוועק פון אַלעקן.

אַלעק באַשטייט נישט אויף אַזאַ כּיבוד און רירט נישט פון דער מאַ־כאָרקע. אויך ער דרייט זיך אַוועק פון קאַזמאַטינען.

פּלוצלינג קערט זיך קאַזמאַטין אום צו אַלעקן און כאַפּט אים אָן פאַר די אַקסלען. קאַזמאַטינס אויגן זענען אין היץ:

— זאָג, מאַלאַטאָבאָיעץ מיינער, זאָג, ביסט געשלאָפן מיט קאַטיאַ? זאָג...

אַלעק שווייגט.

קאַזמאַטין וואַרפט אַוועק דאָס רויכערן. ער באַקוקט זיינע הענט — אויסגעשמירטע מיט סאַדזשע. ווי בגילופין כאַפּט ער אָן אַלעקן פאַר דער נאָז. ווען ער זעט אַז זי איז שוין גוט איינגעריכט פון דער סאַדזשע, צע־לאַכט ער זיך, ווי אין אַ פאַרקייכונג. ער דרייט זיך אויף איין פוס, עטלעכע מאָל אויף לינקס, עטלעכע מאָל אויף רעכטס, ווי ער וואָלט אויסגיסן די קרענקעניש, און ער געזעגנט זיך.

# אין פעלד מיט דער בריגאַדע

אָלעק, ווי ער האָט דאָס מאָל זיך פאַרנומען אַראָפּצוגיין צו דער בורטע, באַהאַלט ער זיך נישט פאַר קאַזמאַטינען, וועלכער ווייסט שוין ווו ס׳ליגט דער מילשטיין. אויך אַבראַשאַ און פּאַפּאַוו ווייסן, אַז דאָרט טרעפט ער זיך מיט קאַטיאַן. ווען ער קומט דאָס מאָל צו צום מילשטיין זעט ער — אַבראַשאַ זיצט.

— קאַטיאַ קאָן נישט קומען — זאָגט אַבראַשאַ ווי אים אויסצולאַכן. אָלעק שטייט ווי אָן אַן אָטעם.

— זי איז מיט דער בריגאַדע אין פעלד — זאָגט אַבראַשאַ ווידער אין טאָן פון חוזק.

— אַז זי איז, איז זי — זאָגט אָלעק אין גלייכגילט.

— פון ביכער־שענקל אין קאָמסאָמאָל־קלוב פעלן ביכער. פאַר דיין זיין דאָרט זענען די ביכער יאָ געווען — זאָגט אַבראַשאַ אין דאגה־טאָן.

— מוז איך וויסן?

— פּאַפּאַוו איז גרייט דיך אויסצופאָרשן — דערקלערט אים אַבראַשאַ נאָך אין דאגה־טאָן.

— וועט ער הערן, אַז איך ווייס נישט — זאָגט אָלעק אין ביטול־טאָן.

— בייזער זיך נישט, איך גיב דיר איבער וואָס עס טוט זיך.

אָלעק זעצט זיך צו צו אַבראַשאַן, דאָך זעט ער נישט אַבראַשאַס פּנים, און ער וויל עס זען. ער וויל פרעגן, צי ס׳איז גענוג זיין ענטפער וועגן די ביכער, דאָך פרעגט ער נישט, כּדי נישט אַרויסצווייזן שרעק.

— מאַשאַ, פּאַפּאַווס ווייב, האָט היינט אַרויסגעשטעלט פאַר דער טיר פּאַפּאַווס שטיוול. זי איז אים חושד אין טשעפּען זיך צו אַ טראַקטאַריסטין

— דערציילט אַבראַשאַ. — זי מיינט, אַז ער ציט צו קאַטיאַ. אויף זיין באַ־פעל איז קאַטיאַ אין פעלד מיט דער בריגאַדע...

אַלעק שווייגט.

— זיך צו ליבן אין קאַטיאַ איז אַן איבערלעבונג — רעדט אַבראַשאַ, כּדי אַנצוציִען אַלעקן.

אַלעק באַוועגט זיך צום אויפשטיין, אַוועקצוגיין. ער בלייבט דאָך זיצן מיט אַבראַשאַן, כּדי נישט צו געבן אים צו טראַכטן מער ווי ער מיינט...

אַבראַשאַ פאַרוואַרפט אַ האַנט אַרום אַלעקס קאַרק, גוטברודעריש, אַזוי, און ער פרעגט:

— איז קאַטיאַ געשלאָפן מיט דיר?

אַלעקן איז דערווידער אַבראַשאַס צושטיין צו אים. ער מאַכט זיך נישט הערן.

מיט שווערע טריט שפּאַנט קאַזמאַטין ביים ברעג פון דער בורטע, אַלעקן זוכט ער. טיי טרינקען מיט אים וויל ער.

אַלעק וויל גערן טרינקען טיי. ער פאַרשטייט אָבער, אַז קאַזמאַטין מיינט נישט דווקא אים מהנה צו זיין מיט טיי, נאָר צו טרעפן אים מיט קאַטיאַ. קאַזמאַטין ווייסט נאָך נישט וואָס פּאָפּאָוו האָט אָפּגעטאָן. אַבראַשאַ וויל אים דאָס נישט זאָגן, כּדי ער זאָל נישט אָפּשטיין אין נאָכשפּירן אַלעקן. ער אַליין קאָן זיך נישט שענקען, וואָס אַלעק פאַרטרויט זיך נישט פאַר אים.

*

אַבראַשאַ האַלט, אַז אַלעק איז נישט ווי ער צו אים און ער מוז נישט שלאָפן אויף אַ קילעם. ווען אַלעק איז ביי קאַזמאַטינען אויף טרינקען טיי, נעמט אַבראַשאַ דעם קילעם און טראָגט אים צוריק צום קאַזאַך.

פאַראַן אַ בעט אין צימער, איז דאָס בעט אַן אַ מאַטראַץ, און צו ליגן אויף די פרענטן, איז ווי צווישן צוואַנגען. זאָגט אַבראַשאַ, אַז אויך אים געלונגט נישט אַלע מאָל וואָס ער וויל.

אַלעק פאַרשטייט אים.

די פענצטער פון צימער זענען אין מזרח־זייט און מיטן פרימאָרגן איז די זון שוין צעגאָסן איבער די שויבן. אַלעק שטייט אויף, הגם דער שלאָף ליגט אים נאָך אין די אויגן. עפּעס איז ער נישט זיכער, אַז ער וועט קאָנען

האַלטן דעם גרויסן האַמער. „אפשר ווייל נאָך פאָרן עסן פרישטיק — פיקט זיך אים אַזאַ טראַכטן". אין וועג צו דער סטאַלאָוואַיאַ קומט אים אַנטקעגן אַבראַשאַ. ער האָט אים צו זאָגן: דער „זאַוו" דערוואַרט אים ביי דער מעלמיל.

לעבן דער מעלמיל שטייט אַ וואָגן שוין איינגעשפּאַנט מיט אַ פערד. דער „זאַוו", דער געלער קאָפּ, שטייט אין אַריינגאַנג פון דער מעלמיל. ער רופט אַלעקן צו זיך: אַלעק האָט צו פאָרן אין פעלד צו דער בריגאַדע. ניטשענקאָ פאָרט אַהין, קאָן ער אים מיטנעמען — דערקלערט אים דער „זאַוו" און גייט אַוועק.

אַלעק ווייסט, אַז ענדערן דעם באַשלוס קאָן נאָר קאַזמאַטין. צי זאָגט ער זיך אָפּ פון אים? אויב ס'איז מיט קאַזמאַטינס הסכמה, האַלט ער נישט פון לויפן זיך בעטן ביי אים. אַרבעטן אין פעלד, איז ווייזט אויס שווער, אָבער אַרבעטן מיטן גרויסן האַמער איז אויך נישט לייכט.

ניטשענקאָ קומט צו צו דער פור, און מיט אים — צוויי קאַזאַכן און צוויי יינגלעך. ניטשענקאָ דערקענט אַלעקן. אין זיין סמאַטשקען מיט די ליפּן פילט אַלעק זיין וווּנדערן זיך וואָס ער פאָרט אַרבעטן אין פעלד. קאַזמאַטין איז נאָך נישט אין דער קוזניע. אַלעק האָט אַ גרונד צו מיינען, אַז מען כאַפּט אים אַוועק פון קאַזמאַטינען — פונקט אויסגערעכנט אין דער צייט ווען דער שמיד איז נאָך נישט אין דער קוזניע. און אפשר צוליבן חושד זיין אים פון פעלן ביכער אין דעם קאָמסאָמאָל-קלוב? אפשר האָט דאָס אַבראַשאַ אַזוי אַראַנזשירט, כדי אים אַרויסצוציִען פון דעם חשד?...

דער זומער-פרימאָרגן איז געמישט מיט ריחות פון מילך נאָכן מעלקן די בהמות, מיטן דופט פון פריש-געשניטענעם היי. די שעפּסן זענען שוין אין וועג צו דער לאַנקע. פון דער בעקעריי לאָדנט מען שוין אָן ברויטלעך אַריינצוגעבן אין סקלאַד. אַלעק זיצט לעבן ניטשענקאָ, היימיש. אין וואָגן איז איצט נישט געשפּאַנט קיין שקאַפּע, נאָר אַ זשוואַווע יונג פערדל. דער שליאַך איז האַרט געפרעסט, די רעדער דרייען זיך לייכט ווי אויף שינעס.

— דיר געפעלט יאַ דער סאָווכאָז — רעדט ניטשענקאָ — דו ביסט אַ כוואַט, נישט ווי דיינע חברים, די פּוילאַקעס. פּראָוווע זיך איין פירן אַ פערד. עס קען דיר צו נוץ קומען.

אַלעק איז געניט צו האַלטן לייצעס. ער געדענקט ס'פּאָרן מיטן פעסל וואַסער פאַר דער סטאַדע אין לאַגער. אַ היפּש שטיק וועג פון שליאַך איז זיגזאַגיק, דאָך טרעט דאָס פערד נישט אַרויס פון פליין.

דער וואַגאָן פאַר דער בריגאַדע זעט זיך אָן נאָך פון ווייט. ער איז ווי פון אַ צירק־רעקוויזיט — אויף הויכע רעדער און שפּרינגפעדערן. פון דער וואַגאָן־טיר איז צוזאַמענגעשטעלט דער טיש, ער ליגט אויף קאָזלעס. עטלעכע שפּאַן פון טיש איז די קיך, צוויי קעסלען הענגען אויף אַן אייזער־נער שטאַנג איבער אַ שייטער. אויפן טיש ליגן נאָך פּיצלעך ברויט, נישט דערעסענע, האַלבע מייערן און רעטעכלעך. די קאַזאַכן פאַלן צו צום טיש, כאַפּן וואָס זיי זעען. אין אַן אַרבע־וועגעלע פאָרט אָן דער בריגאַדיר. אַ הינקענדיקער איז ער, האַלט אַ צווייגל. ער ווייסט, אַז די קאַזאַכן זענען שוין אָנגעגעסן פון דער סטאָלאָוואַיאַ אויף דער באַזע, און ער פאָכעט מיטן ריטל איבער די קעפּ פון די קאַזאַכן, אַז זיי זאָלן שוין לויפן צו הילף די טראַקטאָריסטן אין פעלד. ביים וואַגאָן הערט מען דעם גערויש פון די לאַבאַגרעיקעס און די געשרייען פון די לאַבאָגרעיקע־פירערס צו די פערד.

אַלעק ווייסט נאָך נישט צו וואָס ער איז געקומען אַהער. ער מיינט, אַז ער אונטערליגט נישט דעם בריגאַדיר.

אויף אַ ווייס פערד מיט געלע פלעקן רייט אָן פּאָפּאָוו, דער פּאָליטרוק. זיצנדיק אויפן פערד הייסט ער דעם בריגאַדיר צושטעלן אַלעקן צו פירן „גאָריוטשע״ (ברענשטאָף) פאַר די טראַקטאָרס. ער גלייכט זיך אויס און רייט אַריין אין פעלד.

דער הינקענדיקער בריגאַדיר נעמט אַלעקן. ער ווייזט אים אָן אויף אַ וואָגן אָן לייטערס, נאָר מיט צוויי בעלקעס אין די זייטן פון די קלאָני־צעס. צווישן די צוויי קלעצער ליגן צוויי אייזערנע פעסלעך. די ציסטערנעס מיטן ברענשטאָף זענען אין דער סאָווכאָז־באַזע. דער בריגאַדיר ווייזט אים אָן אויף אַ קעמל אין פעלד צום איינשפּאַנען.

אַלעק לויפט צום קעמל, ער ווייסט אָבער נישט ווי זיך אומצוגיין מיט אַ קעמל. שטייט אַ חיה אָן באַוועגונג, ווי אַ שטיק ליים, דער האַלדז אַרויפגעריסן און פון פּיסק רינט אַ גאַווער, אַ ווייסער שליים. דער הויקער איז גרעסער פונעם בויך. ער ווייסט נישט ווי אַזוי צו קערן די חיה אין

דער ריכטונג צום וואָגן. ער היקעט, וואַרפט מיט די הענט און די חיה שטייט. עפּעס אַ נאַריש לאַכן קומט אים אויף פון זיך אַליין און די חיה נעמט טשלאַפּען. אַז זי טשלאַפּעט שוין, שרייט ער און שטעלט זיך אין דער זייט, אַז זי זאָל שפּאַנען אין דער צווייטער זייט, אַז דער קעמל איז שוין צווישן די האָלאָבליעס, שטייט אַלעק ווידער אין אַ פאַרלעגנהייט — ווי אַזוי שפּאַנט מען? ער קאָן אַפילו נישט דערגרייכן צו פאַרוואַרפן די שלייקעס. ניטשענקאָ דערזעט ווי אַלעק דרייט זיך, לויפט ער צו:

— אַז דו וועסט מורא האָבן פאַר דער חיה, קאָן זי זיך איינעקשנען און דו בלייבסט אַ טויגעניכטס — זאָגט ער און פאָכעט וואַרענענדיק מיט אַ פינגער — אַז דו וועסט וואַרטן די מויד זאָל אַליין זיך לייגן, וועסטו קיין טאָלק נישט דערגרייכן... — זאָגט ניטשענקאָ און לאַכט. ער שפּאַנט איין דאָס קעמל און לאַכט שוין נישט. ער רעדט צו אַלעקן ער זאָל זיך צוקוקן, זיך גוט נעמען אין זינען אַריין דעם אופן פון שפּאַנען. ער גיט אים די לייצעס און ער זאָגט אים אָן: אָן כּעס און זיכער.

אַלעק דערמאָנט זיך, אַז מאַרצעלאַ איז געווען די „גאַריוטשע"־פירערין. זי איז געפאָרן מיט דעם וואָגן מיט די פעסלעך און מיטן איינגעשפּאַנטן קעמל, און זי, די געוועזענע דאַמע, די געוועזענע עלעגאַנטקע, האָט עס באַוויזן, זאָל ער נישט טויגן צו דעם? ער ווייסט, אַז ער דאַרף זיך ווייזן מסוגל צו דער אַרבעט. ער כאַפּט זיך אַרויף אויפן וואָגן און נעמט זיך אָן מיט מוט און פאַרט.

✶

דער שליאַך פון דעם בריגאַדע־פּונקט ביז צו דער ציסטערנעס־באַזע, איז נישט געפלאַסטערט. פאַראַן ערטער זיגזאַגיקע און מיט גריבלעך. די ליידיקע פעסלעך קלאַפּן זיך דנאָ אין דנאָ און די קלאַנגען ווערן אַלעקן דערווידער. ער יאָגט די חיה. זי לויפט אין אימפּעט, אַז ער איז שוין לעבן די ציסטערנעס, קאָן ער די חיה נישט אָפּשטעלן. האָט ער מזל — דער „זאַוו" איבער די ציסטערנעס דערזעט זיין אומבאַהאָלפנקייט, שפּרינגט ער אַנטקעגן דעם קעמל און פאַרהאַלט עס. דער „זאַוו", בכבודו ובעצמו, גיסט אָן די „גאַריוטשע" אין די פעסער. ער זאָגט אים צו, אַז ביים קומען

ווידער אַ מאָל נאָך „גאַריוטשע״, גיט ער אים אַ פּאַרטעך, ווי עס קומט אַ „גאַריוטשע״־פירער, און ער פינטלט מיט די אויגן אויף עפּעס אַ רמז...

אַלעק האַלט זיך באַהערשט. פירט די פּעסלעך, גיסט איבער דעם נאַפּט אין די רעזערוואַרן אין פעלד און ווייזט זיך פּאַר ניטשענקאַ מיט סאַטיספּאַקציע. ביים צווייטן מאָל, ווען ער קומט צו די ציסטערנעס, וואַרט אים אָפּ אַבראַשאַ. ער גיט אים אַ שטענגל פון אַ קערנרויז. ער זאָל מיט דעם מעסטן צי די פּעסלעך זענען פול און צו געדענקען וויפל עס פעלט. דער געהילף־„זאַוו״ איז באַשלייערט אין זיין באַריכט מיט אַ פּרעגצייכן וועגן פּינקטלעכקייט...

אַבראַשאַ גייט אַוועק דורך אַן אַנדערן וועג. ער מיידט אויס דעם „זאַווס״ אויג... אַלעקן איז שוין קלאָר דעם פּירוש פון „זאַווס״ צוזאָג צו געבן אים אַ פּאַרטעך — אַז דאָס איז אַ מתנת־יד צו זיין אָפּגעחורשט. צי דאַרף ער דאָס נישט זאָגן אַבראַשאַן ?...

*

ס׳איז מיטאָגצייט און לעבן וואַגאָן איז אַ געדיכטער טומל. די חברטע קעכין איז נאָך נישט גרייט מיטן געקעכטס. שוין פאַראַן אַלע טראַקטאַ־ריסטן און טראַקטאַריסטינס. אַלעק ווייסט, אַז קאַטיאַ איז אין דער בריגאַדע און אויך משה שניידער, אָבער ער זעט זיי נישט. אַלעמענס פּני־מער זענען פאַרריסט, אויסגעפּעצט מיט אייל און גריס, מיינט ער, אַז צוליב דעם דערקענט ער נישט וועמען ער זוכט.

די טראַקטאַריסטן זיצן אַרום טיש, און ווידער אַ טומל — די חברטע קעכין דערלאַנגט דעם לעפל צוזאַמען מיט דער זופּ, דעם גאָפּל צוזאַמען מיטן שטיקל פלייש. זי גיט נישט קיין מעסער, ווייל ס׳איז נישטאָ וואָס צו שניידן און זי וויל נישט טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן געשיר, מחמת קיין מאָל באַקומט זי נישט צוריק די צאָל, וואָס זי האָט צעטיילט.

מיט דער גרופּע סקירדעווערס איז אויך דאָ משה, און אים איז אַ וווּנדער וואָס אַלעק איז דאָ און נישט אין דער קוזניע. אַלעק וויל וויסן פאַר וואָס איז ער נישט אַוועק מיט די ברידער קרויטמאַן און נחומען, צי

איז מאַרצעלאַ טאַקע אַוועק מיט לעאָנען? זיי האָבן זיך אַ סך צו זאָגן און לייגן דאָס אָפּ אויף נאָך דער אַרבעט.

צוזאַמען מיט די לאַבאָראַנטקעס־פּירערינס, ברייטגופּיקע מיידן, קומט קאַטיאַ. אַלע מיידן זענען פּאַרריסט, נאָר קאַטיאַ שיינט מיט איר ליכטיקן פּנים. זי ווייסט, אַז אַלעק איז דאָ. זיי דערזעען זיך און גייען צו זיך צו. אויף להכעיס אַלע מיידן און זייער קוקן מיט אַרויסגעלופּעטע אויגן, זעצט זיך קאַטיאַ לעבן טיש מיט אַלעקן. אירע אויגן לאַכן און טראָגן דעם סוד — זי האָט אַ סך איינגעשטעלט צו זיין קומען דאָ אַהער — זאָגט זי און זי מוז שוין גיין אַרבעטן. זי איז אַ סך הינטערשטעליק אין דער נאָרמע.

אַלעק באַווייזט צוויי מאָל צו פאָרן הין און צוריק מיט די פעסער און דער אָונט־טונקל נידערט. ער גייט אַריין אין וואַגאָן. ער קלויבט זיך אָפּ אַ געלעגער אויף דער ערשטער נאָרע און וואַרפט דאָרט אַוועק זיין זעל־נערישן שינעל.

אין פעלד איז נישטאָ קיין ליכט. אויך נישט אין וואַגאָן. ס'איז אָפּגעשטעלט דער געוויש פון די טראַקטאָרס און לאַבאָראַנטקעס. די טראַקטאָריסטן, די העלדן פון טאָג, זענען אין דער פינצטערניש אויך נישט מער ווי שאָטנס. זיי ציִען זיך אין וואַגאָן אַריין. די יינגלעך און די קאַזאַכן ווילן בעסער דאָס גראָז אונטערן וואַגאָן. צווישן די טראַקטאָריסטן האַלט אָן אַ חזקה אין שלאָפן מיט די מיידן, אָבער די מיידן אָנערקענען נישט די חזקה — סאָפיאַ רופט ניקאַליי, נאַטאַשאַ רופט איוואַנען, וואַסיל רופט אַלגאַן. זיי וואַרפן זיך איבער מיט פרעכע ווערטער:

— מאַך זיך נישט פאַר קיין גבור, דו האָסט נישט מיט וואָס!... און עס גייט אָן אַ פאַרמעסט פון געניטקייט. סוף־סוף קלייבן זיי זיך צו און די באַציִונגען גייען אָן מיט אימפּעט.

וואַסיל און איוואַן זענען שוין באַרויִקט און זיי רעדן זיך איבער וועגן דער אַרבעט: דער טראַקטאָר איז אַ שמאַטע. די גוטע מאַשינען זענען אויפן פראָנט. אין די טעכנישע וואַרשטאַטן זענען דאָ בלויז קאַליקעס, זיי קענען נישט דעם מעכאַניזם פון דער מאַשין. די „בליאַדעס" צינדן אָן דעם מאָטאָר און שטויסן אַרויס דעם טראַקטאָר מיט כּוח. זיי פאַרבלענדן די אויגן, אַז

עפּעס וואָס איז אָפּגעטאָן. הענט פון האַלץ האָבן זיי. מיין טראַקטאָר איז מיט אַ פּולן בויך און קוואָפּעט...

ווי אין פלאַטער קומט קאַטיאַ צום וואַגאָן. זי רופט אַלעקן. זי וויל נישט ער זאָל זיין אין וואַגאָן. זי האָט פיינט דעם וואַגאָן. זי ציט צו גיין אין פעלד. אַלעק איז דאָ — ווייל זי איז דאָ. צוליב אירס אַ ווונק צו פּאַפּאָוון איז אַלעק דאָ מיט איר.

— פּאַפּאָוו מיינט מיין וואַרעמקייט...

אַלעק שטעלט זיך אָפּ ווי אין אַ ציטער פאַר עפּעס.

קאַטיאַ פילט, אַז ס׳האָט אַלעקן אַ ברי געטאָן:

— מיין נאָמען איז קאַטיאַ... — סקאַנדאַלן וויל ער נישט, פּאַפּאָוו...

אַלעק אָטעמט טיף און שווער.

— דער עיקר דו ביסט מיט מיר — זאָגט קאַטיאַ שטיל און לענט זיך אָן מיטן קאָפּ אין אַלעקס אַקסל.

ס׳איז שטיל אין פעלד. אַלעק און קאַטיאַ גייען האַנט ביי האַנט.

— איך בין פאַר דיר... — שעפּטשעט קאַטיאַ.

אויף דער לאַבאַגרעיקע־פּלאַטע ליגט אַ שפּאַר ביסל היי. עס שלאָגט דער אַראָמאַט פון פרישן שניט. אַלעק און קאַטיאַ זעצן זיך. דאָס איז די לאַבאַגרעיקע, מיט וועלכער קאַטיאַ שניידט דעם היי. זי ווייסט, אַז קיינער וועט דאָ נישט צוקומען.

— גיי נישט מער אין וואַגאָן — זאָגט קאַטיאַ — דיינע חברים זענען אַוועק, איז מיר אַדורך אַ ציטער, צי נישט אויך דו. כ׳האָב זיך קוים דער־האַלטן אויף דער לאַבאַגרעיקע.

אַלעק דערציילט איר, אַז עס פעלן ביכער פון דעם שענקל אין קאָמסאָ־מאָל־קלוב און אַבראַשאַ זאָגט, אַז מען איז אים חושד.

— פּאַפּאָוו האָט דאָס מיר נישט געזאָגט. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך. עמעץ זוכט עפּעס קעגן מיר.

— קעגן אונדז...

קאַטיאַ כאַפּט אים אַרום:

— דו זיי רויִק.

— איך וויל ס׳זאָל שוין ליכטיק זיין און כ׳זאָל דיין פּנים זען...

— האַלט מיך. האַלט מיך ווי דו קאָנסט...

*

נאָך לייכטן די שטערן אין הימל, נאָך איז רײַן דער לבנה־גלאַנץ. אַלעק און קאַטיאַ לויפן פון פעלד דורך צוויי באַזונדערע וועגן, קיינער זאָל נישט וויסן וועגן זייער זיין צוזאַמען. אין פעלד זשומען שוין טייל מאָטאָרן ביי די טראַקטאָרס. די טראַקטאָריסטן ליגן אונטער די טראַקטאָר־בייכער: זיי קאָנטראָלירן די טריבן, די שרויפן, זוכן די סיבה צוליב וואָס די מאַשין אַרבעט נישט. אין די וואַרשטאַטן ריכטעט מען אויס פון צוויי איינעם און אויך דער איינער אין טויט. דאָס איז נישט ביי די לאַבאָגרעי־קעס. ביי זיי איז דער מעכאַניזם אַ פשוטער. אַפילו נישט קיין געניטער טעכניקער קאָן זיי צוזאַמענשטעלן, אָבער אַרבעטן בלויז מיט לאַבאָגרעיקעס הייסט זיכער היטנטערשטעליק זיין אין אויספירן דעם פּלאַן.

שוין פאַרלאָשן די שטערן. דער הימל גראָעט זיך, וויקלט זיך אין בלוי, אין ווייס. שוין פּיקט זיך די זון. דאָס פעלד ווערט פול מיטן רויש פון די מאָטאָרן, פון די לאַבאָגרעיקעס. קאַטיאַ איז די ערשטע ביי דער אַרבעט. די פערד ציִען די לאַבאָגרעיקעס אין גײעג פון די פּירערינס.

אַלעק, שוין מיט רוטין אין שפּאַנען דעם קעמל אין וואָגן, פאַרט מיט די ליידיקע פּעסלעך צו די ציסטערנעס. דאָס מאָל האָט ער נישט קיין שוועריקייט. דאָס קעמל איז שוין איינגעפּראַוועט אין שפּאַנען אויף דעם שליאַך. אַלעק האַלט נישט פון פאַרמעסטן זיך. דער עיקר — ער פאָרט, נעמט, ברענגט. אָבער ביים לעצטן מאָל איבערגיסן פון די פעסלעך אין די רעזערוואַרן אין פעלד באַמערקט ער, אַז די פעסלעך זענען נישט פול. ער זעט די פעסלעך זענען אָנגעדרייט, די שפּונטן זענען נישטאָ. איבערן שליאַך זעט זיך אַ שוואַרצער פּאַס פון נאַפט. דער בריגאַדיר זאָגט, אַז נאָך פון דער באַזע. דער פאַל מוז געפאַרשט ווערן דורך דעם פּאָליטרוק. דער גורם מוז אַנטדעקט ווערן...

ס׳איז נאָך נישט אָוונט און אַלעק פאָרט שוין נישט מער נאָך „גאָ־ריוטשקע״. ער ווייסט נאָך נישט צי ער איז באַשולדיקט אין נאַכלעסיקייט, צי ווער אַנדערש אין סאַבאָטאַזש, ווי עס טענהט דער בריגאַדיר. איינס ווייסט

ער שוין אויף זיכער — זיין אָרט איז צוריק אין דער קוזניע, צוריק אין צימער ביי דעם ביורא. משה קומט צו לויפן. ער וויל נישט קיין סך רעדן. זיי מוזן אַוועק און וואָס פריִער. דער פּאַל מיט ברענגען האַלבע פּעסער נאַפּט, איז אַ שווערער חשד... אַלעק איז מיד פון טראַכטן איבער דעם געשעענעם און דער שלאָף נעמט אים נישט. עס עפנט זיך די טיר. אַבראַשאַ שפּרינגט צו אים צו, ער נעמט אים אַרום מיט אַ גוטברודערישן שטייגער:

— אַ פּאַרפּאַל געשען מיט קאַטיאַ. זי איז אַראָפּגעפאַלן פון דער לאַבאַ־גרעיקע בעתן שנעלן גאַלאָפּ פון די פערד.

אַלעקן איז דער אָטעם ווי פאַרקלאַפּט.

— קאַטיאַ איז אומגליקלעך געפאַלן. קאַטיאַ! איך האָב זי ליב גע־האַט. אַלע האָבן זי ליב געהאַט — רעדט אַבראַשאַ און פאַרהוסט זיך שטאַרק.

✶

אין פריִען באַגינען וועקט זיך אַלעק. דאָס פענצטער איז אָפן. ער געדענקט נישט, ער זאָל עס נישט האָבן פאַרמאַכט, אַזוי צעטומלט איז ער. ער ווייסט, אַז ער האָט צו גיין אין דער קוזניע, אָבער ער ווייסט נישט צי קאַזמאַטין נעמט אים צוריק.

קאַזמאַטין איז שוין אין דער קוזניע. ער איז אָנגעטאָן אין דעם ברוין־לעדערנעם פאַרטעך. ער שטייט ביים וואַרשטאַט און פיילט אַ שטיק אייזן, וואָס איז איינגעשפּאַנט אין שרובשטיק. אין גליאָויוון איז פינצטער.

קאַזמאַטין ווייסט שוין וועגן אַלעקס קומען. ער באַגריסט אים מיט אַ קורצן „גוט מאָרגן" און קערט זיך נישט אום צו אים מיטן פּנים. וווּנדערט זיך אַלעק אויף דעם גלייכגילט פון דעם שמיד. עס איז פאַר אים פריקרע קאַזמאַטינס האַלטונג. ער קוקט זיך אום, וויל צוריקציִען זיך אין דרויסן אַרויס.

— וואָס שטייסטו? — פרעגט קאַזמאַטין.

— איז דער „זאָוו" דאָ געווען?

— פּאָפּאָוו האָט זיך געפרעגט ווו דו ביסט.

— ער דאַרף מיך?

— דאָס האָב איך נישט געפרעגט.

— און דער „זאווו״? בין איך געמאָלדן אין דער סטאָלאָוואַיאַ?

— וואָס, דו האָסט נאָך נישט געגעסן? — לויף שנעל!

אין דעם רוף פון קאַזמאַטינען זעט אַלעק, אַז ער האָט נישט קיין תרעומות, ווי ער מיינט. ער לויפט אין דער סטאָלאָוואַיאַ. ווי ער קומט אַרויס נאָכן עסן, טרעפט ער קאַזמאַטינען וואַרטן. ער נעמט אַלעקן פאַר דער האַנט:

— קום, מאַך פייער! — זאָגט קאַזמאַטין אין גוטמוטיקייט.

אין דער קוזניע נעמט אַלעק עטלעכע קינדלעך און צינדט זיי אָן אין גליאויוון. די קינדלעך צעברענען זיך, פאַרוואַרפט ער אַ ביסל פון די קאָקסקוילן. ער נעמט דעם שטעקן, וואָס ביים בלאָזזאַק און רודערט צום צעבלאָזן דאָס פייער. ער וויל צוריק באַנייען די היימישקייט און ער ברומט:

„טרי טאַנקיסטאַ, טרי וועסאָליך דרוגאַ״...

קאַזמאַטין פאַרמרוזשעט אַן אויג, ווישט זיך די ליפּן. אויף זיין פּנים שיינט אויף אַ שמייכל און ער נעמט אַ טאָן:

„אי קטאַ יעוואָ זנאַיעט״...

אַלעקן איז אַ וווּנדער וואָס קאַזמאַטין פרעגט אים נישט וועגן זיין אַרבעט אין פעלד מיט דער בריגאַדע, וואַרט ער שוין נישט אויף פרעגן און ער דערציילט אים אויך די סיבה צוליב וואָס ער איז דאָ.

— איך ווייס, איך ווייס! — זאָגט קאַזמאַטין — נאָר פּאַפּאַוו איז נישט זיכער אין דיינע רייד, און נישט אין די רייד פון „זאַוועציסטערנעס״. האָסט מזל...

— וואָס זאָגט דער „זאַוועציסטערנעס״?

— אַז דו האָסט נישט געוואָלט די אַרבעט...

— אַזוי קאָן מען זאָגן וועגן יעדן אַרבעטער.

— פּאַפּאַוו פאַרשט.

— אַבראַשאַ ווייסט אַ סך.

דער אַקערמעסער איז אָנגעגליט. קאַזמאַטין נעמט מיט דער לאַנגער צוואַנג אַרויס פון פייער דאָס מעסער, וואַרפט דאָס אַרויף אויף דער קאָוואַדלע. אַלעק כאַפּט דעם גרויסן האַמער. קאַזמאַטין קלאַפּט מיט זיין העמערל. אַלעק טוט אַ זבענק מיטן גרויסן האַמער, איינס, איינס — ווי קאַזמאַטינס אימפּעט.

— קאַטיאַ איז שוין אין שפּיטאָל — רעדט קאַזמאַטין.

אַלעק מאַכט זיך נישט הערן. ער פילט אַ ציטער אין די הענט און האָט מורא צו הייבן דעם האַמער.

— האָסט לאַנג זיך געשפּילט מיט קאַטיאַ? — פרעגט קאַזמאַטין.

אַלעק שווייגט.

— האָסט נישט קיין ווערטער, איר וואַרעמקייט האָט אויך מיך שטום געמאַכט...

אַלעק מאַכט זיך ווידער נישט הערן. ער נעמט אַ טאָן:

„נאַ זאַקאַטיע כאַדיט פּאַרין
וואַזליע דאַמאַ מאַיעוואַ"...

אויף קאַזמאַטינס פּנים צעגיסט זיך אַ פרייד. ער קומט מיט אַ העכערן טאָן:

„אי ניע סקאַזשעט ניטשעוואָ!..."

און ער מיינט, אַלעק, אַז קאַזמאַטין, דער שמיד, איז צוריק גוטמוטיק צו אים. אָבער ווען ער קוקט זיך איין אין קאַזמאַטינס פאַרמרוזשען אָפּט די אויגן, כּדי מרמז צו זיין אויף עפּעס, איז קענטלעך, אַז קאַזמאַטין איז אין אַ וויכּוח מיט זיך. ער דערקלערט אָפּט אַ רויכערן־צייט און גיט אַלעקן דאָס זעקעלע מיט מאַכאָרקע. ער דרייט זיך, ער שטעלט זיך, ער פאַרציט טיף דעם רויך און בלאָזט אים אַרויס ווי אַ שנירל און זאָגט:

— ליבער, שוין צייט זאָלסט וויזן, אַז דער שווערער האַמער איז אין דיינע הענט גרינג, ווי אַ פעדער און צוטראָגן אים מיט איין האַנט צום מויל, אים אַ קוש טאָן, ווי עס איז דער עקזאַמען פאַר אַ מאַלאָטאָבאָיעץ.

אַלעק קוקט קאַזמאַטינען אין פּנים — צי מיינט ער דאָס ערנסט?

קאַזמאַטין פינטלט מיט די אויגן אויף צו מוטיקן. דאָך וווּנדערט זיך אַלעק — וואָס עפּעס פּלוצלינג אים צו שטעלן פאַר אַזאַ נסיון? ער ווייסט דאָך, קאַזמאַטין, אַז ער איז נישט געניט צו שטיין פאַר אַזאַ עקזאַמען — מיינט ער, אַז ער, אַלעק, זאָל זיך בעטן ביי אים צו האַלטן אים? עפּעס קאָכט אין אים און ער פרעגט:

— און אַז איך וועל נישט קושן דעם האַמער?

קאַזמאַטין זעט איין, אַז ער האָט צו פיל אָנגעצויגן דעם שטריק, ציט ער זיך צוריק:

— נו, נו, לאָמיר זינגען:

לובימי גאָראָד...

דעם אָוונט קומט משה צו אָלעקן: שוין מאָרגן מוזן זיי אַוועק. פּאָפּאָוו פאַרנעמט זיך איןביידע פאַלן: סיי אין דעם פעלן פון די ביכער, סיי מיטן פאַרגיסן דעם נאַפּט איבערן וועג, איז אָלעק אין חשד...

# איוואַן

גאָרנישט ווי געוויינלעך אין דער צייט וואַשט זיך אָלעק אין דער בורטע. ער גייט היינט נישט אין דער סטאָלאָוואַיאַ. ער און משה שניידער זענען אַנטשלאָסן — זיי פאַרלאָזן דעם סאָווכאָז.

די זון איז שוין הויך. אָלעק טריקנט זיך נאָכן וואַשן. ער איילט זיך נישט, האָט נישט קיין מורא אַפילו פאַר פּאַפּאָוון, דעם פּאָליטרוק, ער איז נישט באַגאַנגען קיין פאַרברעכן. ער איז נישט קיין בעל־חוב דעם סאָווכאָז. ער טראַכט אַפילו נישט צו פרעגן צי עס קומט אים נישט אַ רעשט. ער וויל נישט ווייזן זיך פאַר אַבראַשאַ און אויך נישט פאַר דעם שמיד. ער קען שוין דעם וועג און ווייסט ווי איבערצוהיפּערן די געבעכדיקע קאַזאַכישע קיביטקעס.

די אַרבעט אין סאָווכאָז־ביוראָ איז שוין אין פולן לויף. דורך די אָפענע פענצטער הערט זיך דאָס וואַרפן פון די ביינדלעך אויף די שטשאָטניקעס. קאָזמאַטין איז שוין אין דער קוזניע. אָלעק פילט דעם רויך פון קאָקסקוילן. משה וואַרט ביים אָנהייב פון שליאַך. ער, משה, פאַרלאָזט דעם סאָווכאָז צוליב אַנדערע סיבות. די סקירדעווערס קריצן מיט די ציין מחמת ער שטעלט זיי אויס ווי שוואָכלינגען. תמיד נעמט ער אויפן גאָפּל מער ווי זיי. אָבער דער „אוטשאָטשיק" שרייבט דאָך זיי צו אַ פולע נאָרמע, און אַ פּרעמיע — צעטראָגט דאָס אים — „דאַרף ער בויען אַן אויוון פון פוטער, ער זאָל צעגיין, אַז ער קאָן בויען אַן אויוון פון ציגל, ער זאָל שטיין"...

אָלעק קומט צו צום אָפּגעשמועסטן טרעפפונקט, און משה איז שוין פול מיט פּאַראיבל — הלמאי נישט צו דער צייט. נאָר משה קאָן לאַנג נישט האַלטן קיין ברוגז. ער פאַרגעסט און נעמט פּלאַנעווען דעם מאַרש.ביידע

ווייסן, אַז אין דער זייט בורטע איז נישטאָ קיין ישוב. זיי גייען אין דער ריכטונג פון די גערטנער, און מיט אויסרעכענונג — נישט צו לאָזן פאַר־חלשן די הערצער.

אַ ליכטיק פעלד. עס גלאַנצן און קוועלן די גרינע קרויט־בלעטער, בוראַקעס, קאַרטאָפל־קוסטעס. זיי גייען צווישן די בייטן. דאָס פעלד איז אָבער ברייטער ווי טיפער, און אומגעריכט קומען זיי אַרויס אויף אַ פוסט, אַפילו נישט געאַקערט, פעלד. זיי גייען אין אַ ליידיקייט, אָבער זיי ווילן נישט אָפּקערן פון פליין — ס'זאָל זיך נישט טרעפן מיט זיי ווי מיטן כעלעמער אויף זיין וועג קיין וואַרשע: ער פאַלט אַ מידער, שלאָפט איין, קומט אָן אַ פאַרבייגייער און קערט אים איבער מיט די פיס אין אַ פאַר־קערטער ריכטונג. ער קומט אָן קיין כעלעם און מיינט, אַז ער איז שוין אין וואַרשע. עס ענדיקט זיך דער פליין און זיי קומען אַרויף אויף אַ גראָ־זיקן פּאַשע־פעלד, אָבער זיי זענען נישט זיכער צי זיי האָבן נישט פאַר־בלאָנדזשעט. זיי שטעלן אָן אויג און אויערן — אפשר וועלן זיי דערהערן אַ מעקען פון אַ בהמה.

זיי גייען אָפּ נאָך אַ שטיקל וועג, דערזעען זיי אין האָריזאָנט שפּיצן פוןביימער — אויב ס'איז אַ וואַלד, דאַרפן זיי נישט. אין אַ וואַלד קאָנען זיי זיך פאַרלירן, זיך טועה זיין אין דער ריכטונג. זיי גייען מיט אַרויפגע־ריסענע קעפּ און אַ ברייטערן שפּאַן. מיט אַ מאָל דערזעט אַלעק קאָנטורן, ענלעכע צו קוימענס אויף דעכער — אַוודאי אַ ישוב שוין נישט ווייט. ער באַמערקט נישט, אַז זיי נידערן אין אַ טאָל. אַ שמאָלע סטעזשקע פירט אין אַ דאָרף אַריין, אַ ישוב מיט כאַטקעס, נישט קיין גרויסער ישוב. מיטן אויג זעט זיך די ערשטע און די לעצטע כאַטקעס. ליידיק און שטיל, קיין ילוד אשה, אָבער דאָך אַ ישוב: אַקער־אייזנס, בראָנעס, זריעה־מאַשינקעס, עס זעט זיך באַשיימפערלעך — אַ לאַנדווירטשאַפט.

אויסגעמאַטערט פון גיין, זעצן זיי זיך צו אויף אַ גראָז־באַצויגן פּלעצל. זיי וואַרפן אַראָפּ די שיך פון די פיס, באַקוקן אויף וויפל די הויט פון די פּיאַטעס איז אָפּגעריבן. עופות שלאָנדרעווען זיך אַרום. פּיקן פון די זאַמדן קערנדלעך, ווערעמלעך. אַנטקעגן דעם פּלעצל איז פאַראַן נאָך אַ פּלעצל. דאָרט שטייען וועגענער און ס'ליגט אַ קופּע שטאָל־מיסט, אָבער מ'הערט

נישט קיין הירזשע פון אַ פערד און קיין מעקען פון אַ בהמה. אַלץ איז איצט, ווייזט אויס, אין פעלד. פון אַ כאַטקע שלייכט זיך אַ מענטש. אַ הינקענדי־קער, מיט אַ שטעקן העלפט ער זיך אין גיין. אַ שמייכלדיקער קומט ער צו צו אַלעקן און משהן. קאַלכאַז ערשטער מאַי — איז דער נאָמען פון דעם ישוב. סך־הכל 18 משפחות.

— איר ווילט אַרבעט? — פרעגט ער.

אַלעק קוקט זיך איבער מיט משהן, ווי זיך צו זאָגן: גוט.

— דריי פערטל פון דער צאָל קאַלכאָזניקעס זענען דייטשן.

— דייטשן!? — כאַפּט זיך אַלעק אין שטוינונג פאַרן קאָפּ.

— ס׳זענען דאָ אויך רוסישע מענטשן — דערקלערט דער הינקענ־דיקער.

— טאָוואַרישטש! — רופט אויס אַלעק — מיר זענען אַנטלאָפן, כדי נישט צו זיין מיט דייטשן. יאָרן זענען מיר אין נע־ונד צוליב די דייטשן, זאָלן מיר איצט אַרבעטן ביי זיי?

— דאָ זענען נישט קיין נאַצי־דייטשן. פויערים פון דער וואָלגאַ.

ווידער קוקט אַלעק זיך איבער מיט משהן.ביידע הייבן מיט די אַקסלען

— וואָס איז דאָס פאַראַ סאָרט — וואָלגאַ־דייטשן? זיי זענען נישט דעצי־דירט צו ענטפערן.

דער הינקענדיקער לענט זיך אָן בעסער אין שטעקן, מאַכט זיך באַק־ווענער אין שטיין. איוואַן איז זיין נאָמען, אַ מאָסקווער, אַן עוואַקויִרטער. געאַרבעט דאָרט ביי אַ פּראָקוראָר, איצט אין קאַלכאָז איז ער בוכהאַלטער. אין קאַלכאָז איז היינט דער היישניט. אַרבעטסהענט זענען נייטיק. די ברײ־גאַדע אין פעלד — פרויען און יינגלעך. פינף מאַנצפּאַרשוינען זענען היינט אין קאַלכאָז: דער פּאַסטעך, איז ער שוין אַלט און טויג נאָר צו די שעפּסן. דער פּרעדסעדאַטעל און דער בריגאַדיר זענען בלויז צום אָנפירן מיט דער אַרבעט. ער, איוואַן, איז נישט קיין פעלדמענטש. דער איינציקער טראַק־טאָריסט איז שוין אויך מאָביליזירט.

— דאָ עסט מען ווייצנברויט — גרויסט זיך איוואַן.

אַלעק און משה זענען נאָך אַלץ נישט דעצידירט.

— פאַראַן אין דער געגנט נאָך קאַלכאָזן?

— יאָ, אַ פּערציק קילאָמעטער פון דאַנען.

— אַ מהלך.

— אָה, יאָ!

— וואָלגאַ־דייטשן זענען דאָך דייטשן — דינגט זיך אַלעק.

— סאָוויעטישע בירגער — שפּאַרט אָפּ איוואַן.

משה שניידער האָט נאָך די שראַמען אויף די פיס, וואָס דער ווער־מאַכט־דייטש האָט אים געמאַכט בעת ער איז געכאַפּט געוואָרן צו רייניקן די פערד־שטאַלן. ער איז נישט מיטן געמיט צו בלייבן אין דעם קאָלכאָז. אַפילו דאָס עסן וווייצנברויט לאָקט אים נישט, הגם ער איז פול מיט חשק צו עסן.

אַלעקן פייניקט אַ ביסל אַ חרטה־געפיל, הלמאי ער האָט פאַרלאָזט דעם סאָווכאָז. די אַלע גניבה־פאַלן וואָלטן זיך דאָך סוף־סוף אויפגעקלערט, ער איז נישט שולדיק. און קאַטיאַ וואָלט געזונט געוואָרן. ער זאָגט דאָס נישט פאַר משהן, און ער כאַפּט זיך אויך נישט צוריקצוגיין.

איוואַן גלייכט זיך אויס אויפן שטעקן. לויט אים דאַרפן זיי נישט קיין מורא האָבן:

— אויב דער סעלסאָוויעט טרויט דעם דייטש גריגאָרי צו זיין פערד־סעדאָטעל, איז ער נישט קיין היטלער־דייטש. אויסשרייבן ברויט פאַר איך? — פרעגט ער און ער וואַרט נישט אויף קיין ענטפער. ער שטעלט פאַרויס דעם שטעקן, גייט צום סקלאַד און קומט באַלד צוריק מיט אַ לעבל ברויט. עס גלאַנצט.

משה שניידער הייבט זיך אויף, ווי דערמונטערט:

— אַז דאָס אָרט איז קליין — איז בעסער. אין אַ גרויס אָרט זענען צוויי פאַר הענט נישט אָנזעעוודיק. ביי אַ קליינער משפחה רעכנט זיך אויך איין האַנט. ברויט איז לעבן. לאָמיר פּרוּוון עטלעכע טעג. אויב די דייטש־סביבה וועט שווערן אויפן געמיט, איז דאָך אָפן דער וועג — רעדט משה צו, אַז זיי זאָלן בלייבן.

אָבער אַלעק שטעלט זיך אויף צו גיין. משה כאַפּט אים אָן פאַר די הענט. ער בעט:

— נאָר צוויי טעג!... וואָס שטעלן מיר איין?

איוואַן ווייסט, אַז דאָס ברויט וועט צו זיי רעדן. ער לייגט אַוועק דאָס לעבל ברויט. ער אָריענטירט זיך, אַז ער דאַרף זיך דערוווייטערן און ער שאַרט זיך אַוועק אָן אָנצושפּאַרן זיך אין שטעקן.

משה שניידער קניט אַראָפּ צו נעמען דאָס ברויטל. אָלעקן איז שווער גובר צו זיין דעם נסיון.

אָלעק קאָן עסן טרוקן ברויט, אָן צוטרינקען. דאָס מאָל פאַרגלוסט זיך דווקא עפּעס צוצוטרינקען. ער רופט איוואַנען. ער ווייזט אים מיט דער האַנט, אַז ער וויל טרינקען. איוואַן ווייזט מיטן שטעקן, אַז ער גייט און וועט ברענגען.

# דיעד סוואָסלאָוו

מיט אַ לייטער־וואָגן, געשלעפּט דורך אָקסן, פאָרט אָן פון פעלד דיעד סוואָסלאָוו, דער בריגאַדיר. אויפן וואָגן זיצט אויך אַ ייִנגל, וואָס שפּרינגט אַראָפּ פון וואָגן, כּדי איינצוהאַלטן די אָקסן. ס׳איז נישט קיין געוויינלעך קומען פון בריגאַדיר אין מיטן טאָג פון פעלד. די ווייסע קאָבילע האַלט אין אָפּוואַרפן אַ לאָשיקל. דער בריגאַדיר איז געניט אין די פאַלן.

דיעד סוואָסלאָוו, דער בריגאַדיר, איז מיטלוווקסיק, נישט קיין אַלטער, אָבער איינגעבויגן אין דער פּלייצע. די וואָנצעס קויל שוואַרץ, נאָר אין ברייטן בערדל פּיקן זיך גראָע הערעלעך. ער איז אַ זשוואַוועער אין גיין און שפּרינגט, אַז ער דאַרף. מען רופט אים נישט ביים נאָמען, נאָר „דיעד״, ווייל ער איז גוטמוטיק און אַלע זאָרגן זענען אויף זיינע פּלייצעס. ווי ער דערזעט די צוויי, אַלעקן און משהן, זיצן אויפן גראָזיקן פּלעצל און עסן ווייצנברויט, דערקענט ער, אַז דאָס איז קאָלכאָז־ברויט. ער איז זיך משער, אַז איוואַנס האַנט איז אין דעם. און אַז זיי זענען גרייט צו אַרבעטן דאָ. ער וווּנדערט זיך וואָס זיי עסן טרוקן ברויט, רופט ער דעם ייִנגל און שיקט אים צו דער צענטריפוגע־מאַשין:

— נעם צוויי קוואָרטן סערוואַנטקע, גיב די טאָוואַרישטשי. דער טעם פון ברויט קומט מיט נאָכטרינקען — דערקלערט ער און שמייכלט וואָס ער קען זיך אין הלכות עסן.

דיעד בריגאַדיר געדענקט, אַז ער איז געקומען צוליב דער קאָבילע, לויפט ער אין שטאַל אַריין, און ער קומט באַלד צוריק אַ לאַכנדיקער — דער לאָשיק שטייט שוין אויף די פיס... ער וואַרט ביז אַלעק און משה

טרינקען אויס די סערוואַנטקע, כדי צו נעמען זיי אין פעלד צו דער בריגאַדע.

— שוין געווען דאָ עטלעכע פּאַליאַקן — זאָגט דיעד.

אַלעקן קומט אָן אַ השערה, אַז אַוודאי די ברידער קרויטמאַן, נחום — מסתמא אויך מאַרצעלאַ. ער איז זיך משער, אַז צוליב די דייטשן, זענען זיי אַוועק.

דעם יינגל רופט מען האַנזעל. ער רעדט דייטש. ער וואַרט שוין צו־ריקצופאָרן מיט די אָקסן צו דער בריגאַדע אין פעלד. ער האָט ליב צו רעדן. ער אַרבעט ביים היישניט פון זינט דעם שליסן די שול. דער טאַטע איז נישטאָ. די מאַמע זאָגט — ער לעבט. זי זאָגט נישט ווו ער איז. ער ווייסט נאָר, אַז דער טאַטע איז נישט מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי און נישט אין אַרבעט־באַטאַליאָן.

דיעד סוואָסלאָוו ווייסט יאָ — האַנזעלס טאַטע איז פאַרשיקט. דיעד סוואָסלאָוו איז שוין גרייט אַרויסצופאָרן אין פעלד. ער פרעגט אַלעקן צי ער וויל זיין אַ קאָניוך? די פערד רוען אין אָוונט פון דער אַרבעט, דאַרף מען זיי פאַרלייגן פעטליעס אויף די פיס און צוהיטן זיי זאָלן נישט אַרייַנ־האָפּסלען אין ברויטפעלד.

אַלעק האַלט זיך אין זיין פרינציפּ נישט צו זאָגן — ניין. ער באַשטייט צו פאַרלייגן פעטליעס אויף די פערדפיס, אָבער צו וואַכן גאַנצע נעכט, איז ער נישט אַנטשלאָסן. ער זאָגט נאָך נישט — ניין.

*

דער וועג צו דער בריגאַדע ציט זיך באַרג־אַרויף. דער שליאַך איז אַן אויסגעטראָטענער. די אָקסן אין די יאַרמעס ציִען דעם וואָגן טשלאָפּענדיק און ווי פאַרשלאָפן. האַנזעל נוצט נישט קיין רוט, נאָר רופט — „צאָפּ־צעבע!" פוןביידע זייטן דעם שליאַך צעשפּרייט זיך אַ הויך גראָזיק פעלד. דער ריח פון פריש געשניטענעם היי שמעקט מיט אַ וואַרעמען און זיסן אַראָמאַט.

דאָס פאָרן מיט די אָקסן איז אַן אָפּקומעניש, די לאַנגזאַמקייט שלע־פּערט איין. אַלעק פרעגט ביים בריגאַדיר וועגן דעם מצב פון קאָלכאָז. ביי דיעד סוואָסלאָוו איז געננוג אים אַ טשעפּע צו טאָן און אַריינצוציִען אין שמועסן.

ער וויל גערן רעדן וועגן קאָלכאָז. ער דערקלערט אים: — דער קאָלכאָז איז נישט סאָווכאָז. דער קאָלכאָז־קאָלעקטיוו איז אויסגעשטעלט אויף גע־רעטעניש. איז אַ שפע אין גערעטעניש, האָט דער קאָלכאָזניק מער מזל ווי שׂכל. איז אַ בראַך אין דער גערעטעניש, האָט נישט דער קאָלכאָזניק, נישט קיין שׂכל, נישט קיין מזל — חובות האָט ער. דער קאָלכאָזניק זעט נישט קיין מטבע פאַר די אויגן. אים גיט מען נישט צו ציילן, נאָר צו געדענקען די אַרבעטסטעג. ער אַרבעט פון ליכטיק ביז פינצטער. די אַרבעטסטעג פאַרדינט ער זיך לויט די נאָרמעס — מאַכט ער צוויי נאָרמעס — איז צוויי אַרבעטסטעג. האָט ער נישט דעם מינימום אַרבעטסטעג, איז ער אויסערן קאָלעקטיוו, ווערט ער אַנערקענט ווי אַ פּוילער, און אָך און וויי צו אים. דער קאָלכאָזניק האָט אין דער בוכהאַלטעריע אַ קרעדיט און אַ דעביט. ער נעמט פּראָדוקטן אויף חשבון, ברויט אויף חשבון. דער קאָלכאָז שטעלט צו דעם מעשׂר פון די תּבואה — „גאָספּאָדסטאָווקע" צו ערשט פון ווייץ, דערנאָך פון קאָרן, מען וועגט אָפּ וויפל ס'איז נאָך גע־בליבן אין שפּייכלער, די בוכהאַלטעריע רעכנט אויס דעם סך־הכּל פון די אַרבעטסטעג, און מען שטעלט פעסט וויפל ס'פאַלט אויס פאַר אַן אַרבעטס־טאָג. איז ווידער אין דער מערכה דאָס מזל: אַ גערעטעניש, צי אַ בראַך — און דער קאָלכאָזניק בלייבט אַ בעל־חוב דעם קאָלכאָז. מעשׂר דער רעגירונג קומט אויך פון מילך, אייער, פּוטער, פלייש, פעל. דעם מעשׂר קאָן מען איבערוואַרפן אויף צו צאָלן מיט תּבואה. האָט נישט דער קאָלכאָזניק קיין עודף אין חשבון, איז ער ממשיך צו נוצן קרעדיט. מיט זיין עודף אין ברויט קאָן דער קאָלכאָזניק אַרויספאָרן אויפן מאַרק אין ראַיאָן, צי אין טשקאַלאָוו, און פאַרקויפן און קויפן פאַר זיך אַ פּאָר שיך, אַ מלבוש, וואָס איז אים נויטיק, אָבער דאָס איז אַ זעלטנקייט. ס'צושטעלן דעם מעשׂר דער רעגירונג מוז אויסגעפירט ווערן, און דעם קאָלכאָזניק בלייבט אָפּט צו עסן ברויט פון פּלעוועס. ער עלטערט זיך מיטן העמד אויפן לייב. זומער גייט ער באָרוועס, ווינטער אין לאַפּטשעס פון שטרוי...

די אָקסן טשלאָפּען, טשלאָפּען, שלעפּערן איין, און דיעד בריגאַדיר ווערט נישט מיד אויפצוקלערן אָלעקן דעם מהות פון קאָלכאָז:

אַ קאָלכאָז־משפּחה האָט אַן אינווענטאַר: אַ מילך־קו, אַ צענדליק הינער.

דאָס קעלבל פון דער קו גיט ער פאַר מעשר, וואָס ער איז שולדיק אין פלייש, פעל. די כאַטקע איז לכתחילה געבויט מיט אַ שטאַל פאַר דער קו. די בהמה גייט אויף פּאַשע צוגלייך מיט דער קאָלכאָז־סטאַדע.

אַ קאָלכאָז־משפּחה האָט רעכט אויך צו פלעגן זיך אַ ירקות־גערטל, דער קאָלכאָזניק פאַרזייט דאָרט קאַרטאָפל, ירקות, נישט קיין נאַשעריי. עס טרעפט אַז אויך אין קאַרטאָפל איז נישט קיין געהויבן גערעטעניש, מוז דער קאָלכאָזניק אָנקומען צום קאָלכאָז־שפּייכלער און פאַרגרעסערט זיין חוב.

דער שליאַך ציט זיך אַלץ אויף אַ שאַרפער שפּוע. די אָקסן דרייען זיך אין די יאַרמעס. האָנזעלן העלפט שוין נישט ס׳רופן „צאָפּ־צעבע!" ער שמייסט זיי שוין מיט אַ דיקער צווייג.

— ביי אייך, אין פּאָלשאַ, אַרבעט דער פּויער אין זיין פעלד אויך מיט אָקסן? — פרעגט דיעד סוואָסלאָוו. ער שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער ענטפערט זיך אַליין — אַוודאי ניין.

— מען אַרבעט אויך מיט אָקסן — זאָגט אַלעק.

דיעד סוואָסלאָוו באַשטייט נישט:

— אָבער דערהויפּט אַרבעטן מאַשינען! — רופט ער אויס אין אָפּ־ווענדונג.

— מאַשינען מוז מען קויפן. זיי קאָסטן שיינע געלטער, און אָקסן — וואָקסן. נישט יעדער פּויער האָט גענוג געלט צו קויפן מאַשינען.

— דער קאָלכאָז אַרבעט אויך מיט מאַשינען. די טעכנישע וואַרשטאַטן לייַען אויס דעם קאָלכאָז טראַקטאָרס, אַ קאָמביין און דער קאָלכאָז צאָלט אָפּ מיט ברויט, אַלץ פאַר ברויט... מען לעבט צוליב ברויט און פאַר ברויט... ברויט... ברויט... די מלחמה האָט צוגענומען די גוטע כּלים. וואַרשטאַטן רעמאָנטירן אויס מאַשינען קאַליקעס. אַ רעמאָנטירטער קאָמביין, כּל־זמן ער איז נישט אין לויף, מיינט מען, אַז ער איז עפּעס, ברענגט מען אים אין פעלד, שטייט אַ צאַצקע — נישט עס נעמט און נישט עס גיט... אַ רעמאָנ־טירטער טראַקטאָר בלאָזט פון זיך דעם רויך און שטייט. אַז איך פלעג אַרויס אין פעלד מיט אַ זאַק זריעה אָנגעהאָנגען אויף די לענדן און מיט די הענט געוואָרפן די קערנער איבער די בייטן, האָב איך אָפּגעטאָן עפּעס.

היינט שלעפּט דער טראַקטאָר די זריעה־מאַשין און ס׳איז קוק מיך אָן און ריר מיך נישט אָן, ער זייט נישט.

— איז דאָך בעסער זאָלסט טאָן, ווי אַ מאָל, און ס׳זאָל דאָך עפּעס אַרויסקומען?

— מען טאָר נישט צוריקגיין צום אַלטן סיסטעם, פאַרשוועכן דעם פּראָגרעס... ס׳יונגוואַרג האָט מיך שוין געלערנט אַלע נייע באַגריפן.

— פאַר דעם איינפירן די קאָלעקטיוויזאַציע איז דעם פויער בעסער געווען?

— מען דאַרף נישט רעדן וואָס געווען. דער אמת איז נישט געווונטשן. אַז מען דאַרף בויען אַ נייע געזעלשאַפט מיט אָוועקרייסן פון אַלטן, איז עס פון אַ פּרינציפּ, און נישט פון גענייטקייט.

— מיט וואָס?

— פון גוטן רייסט מען אָוועק. פון שלעכטן דאַרף מען נישט אָוועקרייסן...

— און דו, דיעד, וואָס האָט זיך געלערנט און ווייסט דאָס, האַלטסטו זיך ווי דו פאַרשטייסט?

— דאָס וועל איך נישט זאָגן.

— הלמאי נישט?

דיעד סוואָסלאָוו שווייגט. עטלעכע מאָל קערט ער זיך מיטן פּנים צו אַלעקן, כדי צו זען, צי ער וווּנדערט זיך אויף זיין שווייגן, אָבער אַלעק מיינט נישט, אַז דיעד סוואָסלאָוו שווייגט מיט כּוונה. ער האַלט דעם איבער־רייס פאַר אַ פאַרטראַכטן זיך, און ער מאָנט נישט קיין ענטפער אויף זיין פרעגן.

— איר זענט נישט קיין פּאָליאַקן — זאָגט דיעד סוואָסלאָוו.

— מיר זענען יידן.

— פאַרשטאַנען.

— געווען דאָ פּאָליאַקן, געהערט — זאָגט אַלעק.

— פּאָליאַקן, ווי איר.

— פאַר וואָס אָוועק?

— איוואָן איז זיי נישט געפעלן.

דאָס מאָל בלייבט אַלעק אין שווייגן.

דיעד סוואָסלאָוו שטעלט זיך אויף די פיס. ער לייגט די האַנטפלאַך איבערן שטערן, כדי צו פאַרשטעלן פאַר זיך די ברייטע זונשיין. ער קוקט זיך איין אין תבואה־פעלד:

— שיין! שיין אויפגעגאַנגען — רעדט ער — דער אַגראָנאָם זאָל נאָר נישט איבערשאַצן די גערעטעניש, איז צו האָפן אויף ברויט פאַר די אַר־בעטסטעג — דער אַגראָנאָם איז אָבער זיך נישט טועה אויף וויניקער...

דיעד סוואָסלאָוו זעצט זיך.

— און אַז דער אַגראָנאָם האָט דאָך איבערגעשאַצט? — פרעגט אַלעק.

— נישט אויפן חשבון פון דער רעגירונג. ס׳צושטעלן דעם מעשר גייט תמיד לויטן אַגראָנאָמס שאַצן.

— נישט צו רעכענען זיך מיט דער ווירקלעכקייט?

— אַזאַ איז שוין דער גורל פון קאָלכאָזניק.

דיעד סוואָסלאָוו לענט זיך אָן מיט די פּלייצעס אין דער לייטער:

— מען דערציילט: אין אַ צירק גייט דער קלאָון אַרויס אויף דער אַרענע, ער דרייט זיך אַרום, פּאַטשט זיך, רייבט זיך דעם שטערן. ער איז אין אַ גרויסער דאגה: זיין ווירטשאַפט הינקט אים. ער אַרבעט פון פינצ־טער ביז פינצטער, אַרבעט, אַרבעט — און דערגייט נישט צו קיין טאָלק. ער איז הינטערשטעליק. קומט אַרויס אַ צווייטער קלאָון, זיין חבר. ער זעט אים אין דער גרויסער זאָרג, פרעגט ער אים וואָס עס מאַטערט אים? דערציילט ער. ער דאַרף אַן עצה, ער ווייסט נישט ווי אַזוי זיך צו העלפן, ווי אַזוי צו פאַרקלענערן די הוצאות. זאָל ער קויפן אַ פערד — האָט ער נישט צו געבן אים קיין האָבער. זאָל ער זיך קויפן אַן אייזל — איז עס אַ פויל באַשעפעניש און פּאַשען אים מוז מען. זאָל ער קויפן אַן אָקס — מוז ער אים אָנשטאָפּן דעם בויך, ווי קאָן ער געבן עסן דעם אָקס, אַז פאַר זיך האָט ער קנאַפּ? גייען דיביידע קלאָונען אַרום און אַרום דער אַרענע, טראַכטן, טראַכטן. מיט אַ מאָל שטעלט זיך אָפּ דער חבר, ער קלאַפּט יענעם אין פּלייצע — ער האָט אַן עצה: כדי צו האָבן דעם אַרבעטס־כוח און נישט מוזן אים פּאַשען, דאַרף ער זיך קויפן אַ קאָלכאָזניק...

און דיעד סוואָסלאָוו באַצט אויס מיט אַ הויך לאַכן. ער כאַפּט אַרום האַנזעלן, דעם יינגל, כדי צו מוטיקן אים — ער זאָל נישט באַדויערן זיין גורל... און ער הייסט אים אַראָפּשפּרינגען, כדי צו פאַרהאַלטן די אָקסן, נאָך פאַרן צושפּאַנען צו דער זיעמליאַנקע, ווו ס׳איז דער בריגאַדע־פּונקט.

## בריגאַדע־מענטשן

די זעמליאַנקע אין פעלד, איז אַ גרוב, עטלעכע טרעפּלעך טיף. זי האָט אַ שפּיץ פון ערד, וואָס איז שוין באַוואָקסן מיט גראָז. אין גרוב זענען איינגעאָרדנט נאַרעס פון ברעטער. דאָ איז די אַכסניה פאַר די בריגאַדע־מענטשן אויף ביינאַכט.

אין דער זעמליאַנקע געפינט זיך אויך די קיך — אַ טשוגון אויף אַ דרייפוס. איידער עס צעפלאַקערט זיך דאָס פייער, איז דערוויייל אַ געדיכ־טער רויך.

אין דער זיעמלאַנקע איז פאַראַן אָרט אויך פאַר אָלעקן און משהן, אָבער זיי ווילן נישט זיין אין דער זיעמליאַנקע. זיי שטעלן זיך אויף אַ געצעלט — פיר שטעקנס פאַרדעקט מיט צעטרענטע זעק.

אָלעק איז אַ קאָניוך, פאַר נאַכט־צו האָט ער צו פאַרלייגן פּעטלעס אויף די פערדפיס. ער דאַרף צוהיטן די פערד זאָלן נישט אַוועקהאָפּסלען אין ברויטפעלד. ער ווייסט שוין ווי אַזוי אָנצונעמען אַ פערד ביים פוס און דאָס פערדל זאָל אים נישט דורסן. ער נעמט זיך אָן מיט מוט נישט צו ווייזן קיין פחד. אויב ער וויל עסן ווייצנברויט, מוז ער זיך גובר זיין און ווייזן, אַז ער איז מסוגל צו זיין אַ קאָניוך.

דיעד סוואָסלאָוו גיט אים צו פאַרשטיין:

— אין צוויי פאַלן העלפט זיך נישט דער פויער: אין צווייפלען און אין איבערשאַצן.ביידע ברענגען אים דורכפאַל. ער, אָלעק דאַרף זיך באַ־הערשן אין צווייפל, פאַרמעסטן זיך מיט אַלעמען. האַלט ער זיך נישט אין דעם פּרינציפּ, פאַרביטערט ער זיך די צייט. קאָן ער גובר זיין — קויפט ער זיך די וועלט — זאָגט דער בריגאַדיר, רעדנדיק אים אין פּנים אַריין.

און ביי נאַכט דערקלערט ער אים — די חיה איז פילבאַר. זי דערשנאַפּט די שלעכטע כוונה, ווי די גוטע. אַ שמיד שלאָגט אָן פּאַדקאָוועס דעם פערד, קלאַפּט אים אַריין טשוועקעס, און ס׳פערד לאָזט זיך, מחמת מיט די פּאַד־קאָוועס איז אים גוט אין לויפן. ביסטו גוט צו דער חיה, איז זי רויִק. קומסטו צו דער חיה מיט פּחד — דערפילט זי דאָס און ווערט שלעכט. מיט גוטן מוט העלפסטו זיך, דאָס נעם דיר אין זינען אַריין צו געדענקען. ס׳איז נישט קיין שווערע אַרבעט. אַ מאָל פלעגט דאָס טאָן די קעכין.

*

אַגניס, די קעכין, אַ בלאָנדהאָריקע, נידעריק־ווּקסיקע און מיט אַ קליין ווייסהויטיק פּנים, איז ענלעך צום ברודער, דער פּרעדסעדאַטעל פון קאָל־כאָז. אירע אויגן זענען בלאָע און ברייט צעעפנטע. מיט איר שמאָלן נעזל האָט זי אַ שאַרפן חוש־הריח. איר קליינע פיגור איז ברייט אין די לענדן. זי איז נישט קיין שיינע, אָבער אויך נישט מיאוס. זי איז נאָר אַ בעלת־מום: איין פיסל קירצער. מיט דעם זכות איז זי די קעכין ביי דער בריגאַדע. זי האָט צוויי קינדער, און די יאַסלע איז אין דער היישניט־צייט נישט טעטיק, האַלט זי זיי לעבן זיך אין דער זיעמליאַנקע. דער מאַנצפּאַרשוין האָט זיך געטויגט צו איר. לעצטנס לאָזט זי זיך שוין נישט... ווי זי דערפילט דעם ריח פון זיין שוויס, פאַלט זי אַריין אין אַ צאָרן און איז אים נישט לייטזע־ליק... זי קען שוין דעם ריח פון אַלעקס און משהס הויט. ער איז אין איר טעם. אַז אַלעק און משה זענען נישט אין זייער געצעלט, שלייכט זי זיך אַריין ווי צום אויסמעסטן, צי ס׳איז דאָ אָרט פאַר דריי.

*

אָוונט־צו. אין האָריזאָנט איז פאַרצויגן אַ ברייטער פיאָלעט־פּאַס און ווי געזיימט מיט רויט און שוואַרץ — דער לעצטער טאָגשיין. שטיל אין פעלד, אָפּגעהאַקט דער רויש פון די טראַקטאָרס, פאַרשטילט דאָס זשומען פון די לאַבאַגרעיקעס און דאָס הירזשען פון די פערד.

די ערשטע קומט פון פעלד די לאַבאָגרעיקע־פירערין פעדאָראַ, אַ מויד אין די יאָרן. זי איז ברייטאַקסלדיק. אין אירע קליינע, שפּיציקע אויגן איז פאַראַן אַ סך ברען פון קנאה. אין איר ברייט פּנים מיט די הויכע קינבאַקן ליגט אַ פאַרביסענע עקשנות און רעזיגנירטקייט. מיט אַרויסשטויסן די אונטערשטע ליפּ איבער דער אויבערשטער ווייזט זי איר חוזק און ביטול צו די מיידן, וואָס שפּילן זיך מיט די יינגלעך. נאָך מער צעשפּרייט זי איר נאָז באַמערקנדיק ווי די סקירדעווערינס און טראַקטאָריסטינס קוקן זיך אײַן אין אַלעקן און משהן, ווי צום צוקלויבן זיך מיט ווענען צו שלאָפן.

צווישן דער גרופּע סקירדעווערינס איז דאָ אַ מאָסקווערין אַן עוואַ־קויִרטע, מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ. זי איז חנעוודיק־שיין. חוץ אַ סך רעדן קאָן זי אַ סך לאַכן. איר שטים איז אַ קלינגעוודיקע אין עטלעכע טענער. זי איז די איינציקע צווישן די קאָלכאָז־טעכטער, וואָס קאָרמינירט זיך די ליפּן. אַ שוואַרצהאָריקע איז זי און אירע גרויסע שוואַרצע אויגן זענען גוט איינ־גערעמט אין איר רונדיק פּנים. דער שפּילעוודיקער חן גלאַנצט איר פון פולן מויל ווייס־בלישטשענדיקע ציינער. זי איז שוין עטלעכע חדשים אין קאָלכאָז, דאָך האַלט זי זיך נאָך אין די גרויסשטאָטישע מאַניערן: שמירט זיך דאָס פּנים מיט אַ ספּעציעלן קרעם, די הענט — אויך מיט אַ ספּעציעלן קרעם. זי האַלט נאָך אַלץ גוט־געפּלעגט די לאַנגע מאַניקירטע נעגל. זי ווייסט, אַז אירע פּלייצעס רייצן, און זי קומט אָנגעטאָן אין אַ סאַראַפאַן מיטן טיפן אויסשניט אויך אין פעלד. כאָטש אין קאָלכאָז זענען נישטאָ פּאַר איר קיין מאַנסלייט זי זאָל זיי רייצן, דאָך קליידט זי זיך אַזוי, מחמת זי האָט ליב צו פילן זיך ווי אין איר מאָסקווע.

נאָך אַן עוואַקויִרטע איז פאַראַן צווישן די סקירדעווערינס — אַ לעניג־גראַדערין. זי באַשטייט מ׳זאָל זי רופן בלויז — נאַדיאַ. זי איז עלטער פון מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ. זי איז מיט אַ טעכטערל. זי קאָן זיך נישט פאַרמעסטן מיט מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ. זי איז ברייט. אירע ברוינע אויגן — נישט זיי רעדן און נישט זיי זענען אין גלייכווילט. די באַקן אירע זענען אַ ביסל אַראָפּגעלאָזט, אָבער נישט צוליב די יאָרן, נאָר פון צער און פאַרבענקט־קייט. זי איז נישט ווייניקער שטאָלץ מיט איר לענינגראַד, ווי מאַריאַ ניקאָ־לאַיעוונאַ מיט איר מאָסקווע. דאָס געפינען זיך אין קאָלכאָז איז ביי איר ווי

זיין אין אַ שטייג. אויך אין רעדן איז זי דער היפּוך פון מאַריאַ ניקאַלאַ־יעוונאַ. נאַדיאַ איז אַ פּלאַפּלערין. וויפל זי רעדט, האַלט זי זיך נישט אויס־גערעדט. זי קומט צו דער אַרבעט אין פעלד אָנגעטאָן אין אַ קלייד, וואָס איז שוין לאַנג נישט אין דער מאָדע. די נעגל זענען ביי איר אָפּגעשוירן, כאָטש זי איז פון פאַך אַ מאַניקורזשיסטקע. נישט ווייניקער ווי מאַריאַ ניקאַלאַיעוונאַן ציט זי צו באַרירונג מיט אַ מאַנצביל. ביידע ווייכן אָפּ פון פעדאָראַ, קרימען זיך אויף אירע באַמערקונגען. ביידע זאָגן זיי צו איר:

— ווער עס קאָן נישט פאַרטראָגן דעם טעם און וויל אים נישט — דער שניידט זיך אָפּ די יאָרן...

פעדאָראַ ווערט אָבער נישט געפּלעפּט. זי האָט אַ הנאה וואָס מען מוז איר ענטפערן און ס׳טרייבט איר אין אַמביציע נאָך שאַרפער זיך צו קריי־מען אויף דער פירונג סיי פון די מיידן סקירדעווערינס סיי פון די טראַק־טאָריסטינס.

פון אַלע מיידן איז צום מערסטן אָנגרייפעריש צו פעדאָראַן עמאַ, די טראַקטאָריסטין. זי באַנוגנט זיך נישט מיט רעדן פּרעכע רייד, אַז ס׳זאָל פעדאָראַן פאַרגיין אונטער דער זיבעטער ריפּ. זי מאַכט העוויות מיט די הענט, שטעקט אַרויס די צונג אויף ביטול. עמאַ איז יונג און האָט שוין דערפאַרונג אין סעקסאַפּיל אויף צו געבן אָנווייזונגען. זי איז הויך און ברייט אין די לענדן, געזונט זיך צו פאַרמעסטן מיטן טעכניקער פון די טעכנישע וואַרשטאַטן, וואָס מיטן אַקסל רירט ער אַ טראַקטאָר פון אָרט. אירע בלאָנדע האָר זענען ווי פלאַקס, און אויגן האָט זי גרויסע. זי האָט ברייטע מענער־הענט. אין אירע אַרבעטער־קליידער, אין קאָמבינזאָן און אין בערעט, איז מען זיך טועה אין איר מין, נאָר די שטימע אירע איז דין און פּישטשענ־דיק. זי איז געניט צו פירן דעם טראַקטאָר, נאָר נישט צו רעמאָנטירן אים. אַז זי וויל זיך אַ שפּיל טאָן מיטן טעכניקער פון די וואַרשטאַטן, מאַכט זי אַ קרומען דריי מיטן טראַקטאָר — און שוין איז זי זיכער: דער טעכניקער איז שוין אין וועג...

*

די פערד זענען שוין ביי די קאַריטעס. דער אָוונט איז פאַרפלייצט מיט פינצטערניש. ס׳איז די צייט צו פאַרגלייכן די פּעטלעס אויף די פערדפיס.

אַלעק באַקוקט די פּעטלעס, ווי אַזוי צו עפענען און ווי אַזוי צו פאַרשליסן. זיי זענען נישט קיין קאָמפּליצירטע מכשירים. ער פּרוּווט זיי אויס אויף דער אייגענער האַנט, דאָך שטעלט ער זיך נישט פאָר צי דאָס קאָן אים גע־לונגען צו טאָן אויף די פערדפיס. צי קאָן טאַקע אַ פערד שטיין געדולדיק און זיך לאָזן פענטען? משה זאָגט, אַז ער וויל שטיין לעבן אים און ער באַהערשט זיך, כּדי נישט צו לאַכן. אַלעק נעמט זיך אָן מיט מוט און אויפן ערשטן פייער נעמט ער דעם פוס פון קלענסטן פערד. דער שד איז נישט אַזוי שרעקלעך ווי מען מאָלט זיך, זאָגט ער זיך, מען דאַרף זיין פאָרזיכ־טיק, געבן דעם פערד דאָס געפיל, אַז מען מיינט נישט אים קיין שלעכטס צו טאָן. ער גלעט אים: „איך מיין נישט אָפּצורייסן דיך פון דער קאָריטע. איך קאָן דיר צושיטן נאָך אַ ביסל האָבער, נאָר שטייף־אָן דיינע פיס" — און ער וווּנדערט זיך, אַלעק, וואָס עס געלונגט אים. עס בלייבט אים בלויז צו וואַכן, אַז אַ פערד, אַ מזיק זאָל, חלילה, זיך נישט אָן עצה געבן און אַריינהאָפּסלען אין ברויטפעלד.

*

משה איז שוין אין געצעלט. אַלעק זעצט זיךביים אַריינגאַנג אין דער זיעמליאַנקע. די מיידן, די ייִנגלעך, זענען אויף די נאַרעס. יעדע מויד האַלט נעבן זיך אַ ייִנגל. עמאַ האַלט האַנזלען. ער איז דרייסטער פון די אַנדערע, און עמאַ, וואָס איז שוין אַ דערפאַרענע אין דעם שפּילן זיך, שרייט דאָך, ער זאָל נישט קריכן ווו זי וויל נישט. עמאַליאַ, די צווייטע טראַקטאָריסטין, האַלט נעבן זיך דעם ייִנגל פּיקל. ער איז נאָך אַ שעמעוודיקער, לערנט אים עמאַליאַ ווו צו האַלטן די האַנט. קריכט ער אַראָפּ נידעריקער, שעלט זי אים מיט ווינסטע קללות.

אַלעק איז שוין מיד פון צו קוקן אין דער פּוסטקייט פון דעם אַרום. די וויִעס זענען אים שווער. די אויגן בעטן זיך דעם שלאָף. ער שלייכט זיך אַריין אין געצעלט. ער איז פאַרטראָגן אין אַנמאַכט און איז נאָכגיביק דעם שלאָף.

אין דער זיעמליאַנקע איז שטיל, נאָר אַגניס, די קעכין און דער יונג פּאַול שלייכן נאָך אַרום. ס'גייט אָן צווישן זיי אַ קאַץ און מויז־געיעג. מיט

איין מאָל פּויזט אַגניס אַריין אין געצעלט. זי רעדט: — זי וויל זיך נישט לאָזן פון פּאָולן. זי וויל שוין נישט מער קיין ממזרים...

מיטן גראָען אויף טאָג שרייט האַנזעל אַריין אין געצעלט צו אַלעקן:

— דער שוואַרצער אָגער איז נישט ביי דער קאַריטע, אַוודאי אין ברויט־פּעלד! כאַפּט זיך אַלעק אויף, לויפט, קוקט און זוכט, צי איז עס נישט אַ לצנות פון דעם האַנזעלן, כדי אים איבערצושרעקן? דער שוואַרצער אָגער איז נישטאָ. פּעדראָ שטייט לעבן דער לאַבאָגרעיקע און האָט נישט דעם אָגער איינצושפּאַנען צו דער אַרבעט. אים איז ביטער, אַלעקן, ער איז אומבאַהילפיק. האַנזעל עצהט אים:

— כאַפּ זיך אַרויף אויף דער ווייסער קאָבילע, לויף אין פּעלד און זוך דעם אָגער.

ביי האַנזלען איז רייטן אויף אַ פּערד — אַ שפּילכל, אָבער ביי אַלעקן איז רייטן אויף אַ פּערד אַ זאַך, וואָס ער האָט מורא איינצושטעלן. ער שטעלט זיך נישט פאַר, אַז ער איז מסוגל דאָס צו טאָן, אַפילו מיט האַנ־זעלס הילף. ער זעט, אַז פּעדראָ איז אומרויִק. די ציג רוקט זיך און זי רעדט אין געבייזער — זי וועט שוין נישט מאַכן די נאַרמע. ווייסן ווייסט אַלעק, אַז דיעד סוואָסלאַוו וויל דערכאַפּן די פאַרשפּעטיקונג אין דעם היי־שניט, און ווי גוט ער זאָל זיין צו אים, איז דער פאַל פון איינשלאָפן און גורם זיין, אַז דער אָגער זאָל אַריין אין ברויטפּעלד — נישט צום פאַרגעבן. פאַרטראַכט זיך אַלעק: צי איז נישט גלייכער צו כאַפּן די רפואה פאַר דער מכה און אַוועק פון קאַלכאָז? סיי ווי איז אים נישט צום האַרץ דאָס זיין מיט די דייטשן. אָבער פון דעסטוועגן, פאַר וואָס נישט פּרוּוון צו רייטן אויף אַ פּערד? אפשר איז ווידער נישט דער שד אַזוי שרעקלעך ווי ער מאָלט זיך אים. און אַמביציע האָט דאָך אויך אַ באַדייטונג. ער קוקט צו האַנזלען, צום פּערד. די ווייסע קאָבילע איז אַ קליין־געוווקסיקע, אַפילו ווען מ׳פאַלט אַראָפּ, איז נישט קיין סכנה. און האַנזעל זאָגט, אַז עס איז אַ רויִק פּערד, גייט אַלעק צו און כאַפּט זיך אָן אין פּערדס קאַרק. ער ציט זיך אַרויף, פאַרוואַרפט די פיס, ווי עס פּירט זיך אַ רייטער. ער קוקט דערביי צו האַנזלען, צי ער לאַכט נישט. ער טראַכט צו רופן האַנזלען אַ טרייב טאָן, אָבער ער האַלט זיך אָפּ. ער דערמאָנט זיך וואָס רייטער טוען, ווי זיי

האַלטן די קעלזשע־לייטשלעך און טוען מיט די פּיס אַ קוועטש, אַ שטאַרגע אין פּערדס בויך. ער טוט אַזוי — און היידאַ! די קאָבילע לויפט. ער זיצט נישט אויף קיין זאָטל, נאָר אויפן רוקן, וואָס איז האַרט, און די זון בלענדט די אויגן, שווער צו קוקן אין הוילן פעלד, בייגט ער זיך אַראָפּ און רעדט צום פערד: טייערער תכשיט מיינער. ביסט געדולדיקער פון דיין האַר. זיי אַ כוואַט, טראָג מיך צום שוואַרצן אָגער. כ׳באַשטיי צו טרייבן פון דיר די פליגן. איך האַלט פון דיר. דו ביסט דאָך נישט סתם אַ שקאַפּע. זייַ סטאַטעטשנע. אַ שטיקל ברויט האָב איך פאַר דיר. שליידער מיך נישט אַראָפּ.

מיט אַ מאָל הערט ער אַ פייפן. אַלעק גלייכט זיך אויס. דיעד סוואָסלאָוו לויפט אַן רייטנדיק אויפן שוואַרצן אָגער. ווי געניט דיעד סוואָסלאָוו איז אין רייטן אויף אַ פערד, דאָך האַלט ער זיך פעסט אין די לייצן און ער סאָפּעט ווי בייגעקומען עפּעס אַ געיעג. ער פוצט זיך די וואָנצעס:

— דער אָגער איז די נאַכט געווען אין שטאַל — זאָגט דיעד צו באַ־רויִקן אַלעקן — עמעצער האָט דעם אָגער אַרויסגעפירט אויפן שליאַך צום קאַלכאָז און אַז אַ פערד פילט די שטאַל, לויפט ער ווי אַ פייל פון בויגן. דיעד איז חושד, אַז דאָס איז האַנזעלס אַרבעט. און ער יאָגט דעם אָגער צו צו פעדאָראַ, ווו זי שטייט לעבן דער לאַבאָגרעיקע און ער וואַרט ביז אַלעק קומט צו. ער האָט אים אָנצוווייזן אויף אַן אַנדער אַרבעט.

## גריגאָרי דער פּרעדסעדאַטעל

מיט אַ זיסן ריח פֿון פֿריש־געשניטענעם היי איז פֿול דער פֿרימאָרגן אין פֿעלד. דער פֿעלד־שטח איז פֿאַרפּלייצט מיט אַ גערויש פֿון די צווײ טראַקטאָרס און די עטלעכע לאַבאָגרעיקעס. דער גערויש האַלט אָן ווי אַ ברויזן פֿון אַ וואַסערפֿאַל.

משה איז אין דער גרופּע סקירדעווערס. ער איז שוין געניט אין דער אַרבעט נאָך פֿון זיין מיט דער בריגאַדע אין סאָווכאָז ביי דער בורטע. ער האַלט גוט דעם גאָפּל. ער נעמט אָן שפּאָרע הויפֿנס געשניטענעם היי און דערלאַנגט דאָס האַנזלען, וואָס שטייט אויפֿן שפּיץ פֿון סטויג און צע־לייגט די דערלאַנגטע קופּע, כּדי ס׳זאָל זיין אָרט אויף נאָך און נאָך, דער סטויג זאָל זיין הויך, און וואָס העכער. אויף וויפֿל משה איז געניט און איינ־געאיבט אין דעם דערלאַנגען, טרעפֿט, אַז ס׳געלונגט אים נישט אָנצונעמען אויפֿן גאָפּל אַן אָנזעעוודיקע קופּע היי. נישט צו יעדער מינוט דינט אים דער כּוח אין איין מאָס, אָבער האַנזעל מיינט, אַז משה טוט דאָס מיט כּוונה, צעשרייט ער זיך און רופֿט משהן:

— סימולאַנט!

לאָזט זיך נישט משה פֿון האַנזלען. ער רופֿט אים צו באַווייזן וואָס ער קאָן. ער וויל זיך וועטן מיט אים, ווער עס וועט לאַכן פֿון יענעמס אַרבעט.

האַנזעל זעט איין, אַז משה חוזקט, שיבט ער זיך אַראָפּ פֿון סטויג. ער וויל נישט מער. זאָל ווער אַנדערש טאָן זיין אַרבעט. קיין איינע פֿון די מיידן סקירדעווערינס כאַפּט זיך נישט אָן אין האַנזעלס פֿאַרשלאָג.

משה וויל נישט די מחלוקת און איז מוותר אויף זיין כּבֿוד. ער גייט צו צו האַנזלען, גלעט אים איבערן קעפּל. ער בעט איבער זיין כּבֿוד, ער לויפֿט זען אַלעקן.

אַלעק איז שוין מער נישט קאַניוך. ער איז ביי אַ נייער אַרבעט. ער שליפֿט קאַסעס צו די לאַבאָגרעיקעס. צי ער קען, צי נישט ווייסט ער נישט. ער אַרבעט. ס'איז נישט קאָמפּליצירט. דער שלייפשטיין איז אַן אַ מעכאַניזם, איינגעריכט אויף אַ פּרימיטיוון צוזאַמענשטעל, לויטן שׂכל פֿון דיעד סוואָסלאָוו: אַ קעסטל אויף פֿיר דרענגלעך. דער רונדער שטיין מיט אַ שטאַבקע אין מיטן. די צוויי עקן פֿון דער שטאַבקע זענען די אַקסן, וואָס ליגן אויף די קעסטל־ווענטלעך. אַ העלפֿט פֿון דעם שטיין איז אין קעסטל, ווו ס'איז פֿאַראַן אַ ביסל וואַסער. איין עק פֿון דער שטאַבקע איז אויסגעבויגן און זי איז די קאַרבע. צו דער קאַרבע איז צוגעטשעפּעט אַ לעדערנער רימען. דער צווייטער עק פֿון רימען איז אַנגעבונדן אין אַ ברעטל, דאָס איז דער טריט, אויף וועלכן אַלעק האַלט דעם פֿוס. אַז ער שפּאַרט דאָס ברעטל אַראָפּ — דרייט זיך דער שלייפשטיין און ער פֿירט קאַסע־מעסערלעך איבער דעם שלייפשטיין, שאַרפֿט זיי אין די שיפּוע־קאַנטן. צי ס'איז ווי ס'דאַרף צו זיין — ווייסט ער נישט. ער איז זיך משער אַז יאָ — לויט דיעד סוואָסלאָווס שמייכל הינטער די וואָנצעס, ווי ער וואָלט זאָגן: — ביסט דער מענטש אויפֿן ריכטיקן אָרט.

אויך משה זאָגט:

— ס'איז אַן אַרבעט, האַלט זיך. זיי זאָגן צו אַ שטיקל פּוטער צום ברויט, האַלט זיך...

*

די נאַכטפֿינצטערניש אין פֿעלד טראָגט מיט זיך טיפֿע אימה. אַלע מיידן זענען שוין אין דער זיעמליאַנקע, ליגן אויף די נאַרעס און יעדע האַלט לעבן זיך אַ יינגל.

משה וויל נאָך נישט שלאָפֿן, זיצט ער מיט אַלעקן אויף אַ טרעפּל צום אַריינגאַנג אין דער זיעמליאַנקע. לעצטנס וויל משה וואָס ווייניקער ליגן, סיי ווי נעמט אים נישט באַלד דער שלאָף און אין ליגן קומען אים שווערע טראַכטענישן. עס דערוועקט זיך אין אים דער עבר — ווער איז ער געווען און וואָס ער האָט געקאָנט זיין. אָפֿט כאַפּט אים אָן אַ חשק זיך אויסצופּאַטשן. ער ווייסט נישט, צי ער איז גערעכט מיט זיין ווילן, אָדער אומ־

גערעכט מיטן ווידערווילן. אפשט פאַלט ער אַריין אין אַפּאַטיע. ער מיינט, אַז ער האָט פאַרשפּעטיקט צו לעבן. מיט זיינע 28 יאָר האָט ער שוין אַריבערגעשפּאַנט אַ גרויסן טייל פון דער מעגלעכקייט צו געניסן פון לעבן. מיט פּעסעלען, די מאַניקורזשיסטקע, האָט ער שוין געהאַט אָפּגערעדט אָנצו־הייבן אַ משפּחה־לעבן, איז אויסגעבראָכן די מלחמה. ער איז אַנטלאָפן און אָפּגעשניטן זיך די יאָרן. אָפט קומט אים פּעסעלע אין דמיון און עמעצער טייטלט אים אין די אויגן: משה, האָסט פאַרשפּעטיקט! איז דען נישט אַזוי? — פרעגט ער אַלעקן און נעמט ס'פּנים אין די הענט.

— דו ביסט נישט איינער — זאָגט אַלעק אים צו מוטיקן.

מיט דער שפּעטער שעה איז שוין שטיל אין דער זיעמליאַנקע. אַלעק גייט אַריין אין געצעלט. משה בלייבט דאָך זיצן.

אַגניס, די קעכין, איז דאָך נאָכגיביק דעם יונג פּאַול. ער שטייט נישט אָפּ. ער פירט זי אַרויס פון דער זיעמליאַנקע טיף אין פעלד אַריין.

*

אַלעק, אַז ער לייגט זיך, שלאָפט ער באַלד איין און איז ווי פאַרכאַפּט אין אַ טיפן שלאָף. דאָס מאָל האַלט אים אַ וויכוח צווישן דיעד סוואָסלאָוו און אַגניס, דער קעכין — דיעד סוואָסלאָוו וויל זי זאָל באַשטיין, אַז אַלעק זאָל פירן די עווידענץ פון די פּראָדוקטן, וואָס זי קריגט פאַר דער קיך. אַגניס זעט נישט אין דעם איר טובה: דער סקלאַד פאַרשרייבט, צו וואָס צוויי מאָל?

— קאָנטראָל פאַר ביידע — דערקלערט דיעד סוואָסלאָוו.

— אַלע יאָרן איז גוט געווען ווי ס'איז, וואָס היינט?...

— ס'דאַרף זיין...

— איז זאָל זיין פּאַול דער אוטשאַטשיק, נישט אַלעק דער...

און עס דאַכט זיך אים, אַלעקן, אַז אין פאַרכלינעטן רעדן זאָגט זי — „דער יעוורעיטשיק".

— פּאַול איז שוין מאָביליזירט און אַלעק איז אויפן אָרט — זאָגט דיעד סוואָסלאָוו, און גיט צו — אַזוי וויל דער פּרעדסעדאַטעל.

— ס׳קאָן נישט זיין! — ברוגזט זיך אַגניס.
דיעד סוואָסלאָוו זאָגט איר צו צו ברענגען דעם פּרעדסעדאַטעל.

✶

אין פרימאָרגן וועקט משה אַלעקן און פרעגט אים וואָס ער וואָרטשעט. אַלעק איז אין אַ שווערן געמיט. עס האַלט אים נאָך דער שטילער פאַר־כלינעטער שעפּטש אַגניס צום דיעד סוואָסלאָוו — „יעוורעיטשיק״. איוואַנס זאָגן, אַז די וואָלגאַ־דייטשן זענען נישט די רייכס־דייטשן, איז פאַנטאַזיע. ער באַדויערט וואָס ער האָט זיך נאָכגעגעבן דעם רייץ פון ווייצנברויט. עס פאַלט אים איין צו נעמען דעם וועג. ער זאָגט דאָס משהן.

משה, דערהערט דעם אויספיר פון וויכּוח צווישן אַגניס און דיעד סוואָסלאָוו, כאַפּט ער זיין קלימעקל, ער דערלאַנגט אַלעקן דעם שינעל און ער איז שוין גרייט צו גיין, אָבער מיט אַ מאָל רוקט ער זיך צוריק, וואַרפט אַוועק דאָס קלימעקל:

— ניין! — אויף צעפּיקעניש איר, בלייבן מיר! — רופט ער אויס — און דו זיי איבער איר דער אוטשאָטשיק — רעדט משה ווי אין געבייזער. אַ שוים קומט אים אויף די ליפּן. אויף זיינע מאָגערע באַקן שלאָגט זיך אַרויס אַ ראָזעווודיקייט. ער רייסט אַרויס דעם שינעל פון אַלעקס הענט.

אַלעק שטייט נאָך אין צעטומלעניש. ער ווישט זיך מיט די הענט די ליסינע און ער גיט נאָך משהן צו בלייבן.

נאָך פאַר מיטאָג פאָרט אָן פאַר דער זיעמליאַנקע דער פּרעדסעדאַטעל אין אַ קויש־וועגעלע. אַלעק ווייסט, אַז אויף דעם פאַרלאַנג פון דיעד סוואָס־לאָוו איז ער דאָ, אָבער אָן דעם דיעד סוואָסלאָוו. אַלעק איז זיכער, אַז ער גייט שוין אַראָפּ צו די קעכין אַגניס אין דער זיעמליאַנקע, אָבער ניין, ער גייט גאָר אין פעלד צו די טראַקטאָריסטינס און די לאַבאָגרעיקע־פּירע־רינס. דער שניט איז אים בילכער.

ס׳איז דאָס ערשטע מאָל ווי אַלעק זעט אים און ער באַוויזט דאָך צו זען זיין לאַנג פּנים, זיינע גראָע אויגן און רויטלעכע וויִעס. מיטלוווקסיק איז ער, אין שטיוועלעך מיט האַלבע כאַלעווקעס. איז פלינק אין טאָן. אַלעק ווייסט, אַז ער האָט צוויי נעמען: גריגאָרי און טאָמאַס. ער האָט נישט ליב

דעם צווייטן נאָמען. ער איז אַ טאַטע פון פיר טעכטער. ער וויל נישט זיין אַנדערש פון די אַנדערע מיטגלידער אין קאָלעקטיוו. פאַרמאָגט אויך נישט מער ווי איין קו אין זייןווירטשאַפט און די טעכטער אַרבעטן ביים היי־שניט, נאָר בערטאַ זיין ווייב קומט נישט אין דער בריגאַדע, כאָטש זי איז נאָך יונג, אָבער זי איז אַ שוואַכע אויף די פיס און ער לאָזט זי נישט אָן אַרבעט. זי מוז דאָך פאַרדינען זיך די 150 אַרבעטסטעג — באַקט זי דאָס ברויט פאַר דער בריגאַדע. פון דיעד סוואָסלאַוו ווייסט אַלעק, אַז גריגאָרי האַלט צוויי פויסטן ערד אין אַ סלאָי, אַ זכר פון זיין פעלד. אַז ער פילט אַ דרוק אין אָטעם, עפנט ער דעם סלאָי און ציט אין זיך איין דעם ריח. ער האָט נישט קיין אילוזיע צוריקצוקערן זיך צו דער פאַרלאָזטער ווירט־שאַפט, אָבער ער איז נאָך נישט אַנטוויינט פון בענקשאַפט. דיעד סוואָסלאַוו ווייסט, אַז גריגאָרי האָט בעתן אַראָפּגיין פון זיין פעלד זיך אָנגעהאָנגען אויף דער ברוסט ס׳בילד לענין, אויף דער פלייצע — דאָס בילד סטאַלין און נישט געכאַפּט קיין קלעפּ. אין סעלסאָוויעט ווייסט מען, אַז ער איז געטריי דעם רעזשים, טרויט מען אים צו פירן די קאָלכאָז־ווירטשאַפט און צוהיטן דאָס צושטעלן דעם מעשׂר — די „גאָספּאָדסטאַווקע״.

פון פעלד רייסן זיך קולות און דראָונגען:

— די נאַרמע, בליאַדי! טראָגט זיך, אָדער ציט אויס די קאָפּיטעס!...

אַזוי שרייט פעדאָראַ צו די פערד און פאַרענטפערט זיך פאַר גריגאָרין:

— רייסט דעם האַלדז, שלעפּסט מיט דאָס האַרץ. העלף זיך, אַז דו רעדטסט צו אַ תחת!...

גריגאָרי קומט צוריק פון פעלד און לאַכט. ער שטעלט זיך צו צו אַלעקן:

— דאָס ערשטע מאָל, אַז דו שלייפסט קאָסעס?

— יאָ, דאָס ערשטע מאָל.

— ביי לאַנדווירטשאַפט נישט געאַרבעט?

— ניין.

— דו ביסט אַנטלאָפן פון פוילן שוין אין קריג?

— נאָכן אַריינמאַרש פון די דייטשן.

— און אַז דו ביסט איצט מיט דייטשן, ווייסטו?

— יאָ, כ׳ווייס — וואָלגאַ־דייטשן.

— די נאַציס זענען שלעכטע דייטשן, זאָגט מען.

— שרייבן דען נישט די צייטונגען?

— מען שרייבט, און מען זאָגט, אַז נישט אַלץ...

— די נאַציס זענען גרויזאַמע דייטשן.

— אַזוי קומט עס אַרויס אין צייטונג.

— אַזוי איז עס אין דערווירקלעכקייט.

— שווער צו גלויבן, אַז דאָס איז אמת.

— דער נאָמען באַרבאַרן איז גאָר נישט לגבי די גרויזאַמקייטן פון זייערע מעשׂים.

— די נאַציס זענען דאָך נישט דאָס גאַנצע פאָלק.

אָלעק וויל שוין איבעררייסן ס׳רעדן מיט גריגאָרין. אים איז שוין קלאָר, אַז ער וויל זיך האַלטן אין זיין שטאַם. ער זעט אין אין זיינע אויגן אַ פונק פון גאַווה מיט זיין געהערן צום דייטשישן פאָלק. און ער איז צו־פרידן, אָלעק, וואָס אַגניס, די קעכין, קומט צו און זי וויל רעדן מיטן פרעד־סעדאַטעל, איר ברודער. אַזוי איז במילא געוואָרן אויס שמועס צווישן אָלעקן און גריגאָרין.

דאָס מאָל שטייט זי פאַרן ברודער אָן שטעקן, כאָטש זי איז גוט קרום אין שטיין. זי רעדט באַלד אַרויס דעם עיקר פונעם ענין: איר איז נישט קלאָר דער זין פון שטעלן אָן אוטשאָטשיק פאַר די קיך־פּראָדוקטן. צוויי מאָל פירן איין רעכענונג, אין סקלאַד און ביי דער קיך, קאָן ברענגען צו אומפינקטלעכקייט.

— רעכענונג איז אָרדענונג — זאָגט גריגאָרי און שמייכלט.

— דומהייט! — רופט אויס אַגניס און בלאָזט אָן איר גוידער.

— אָרדענונג מיינט נישט דיר שלעכט צו טאָן.

— שוין קיין מאָל וועל איך זיך נישט דערשלאָגן צו אַ סאַראַפאַן און צו שיכלעך פאַר די קינדער אויף ווינטער.

— דו ביסט אין קאָלעקטיוו, ווי עס איז פאַר אַלע, אַזוי אויך פאַר דיר און דיינע קינדער.

— פאָול וויל פאָרן מיט מיר זיך רעגיסטרירן אין „זאַגס״.

— דו ביסט שוין פול מיט אים ?... — פרעגט גריגאָרי און צעשפּרייט די ליפּן אין אַ שמייכל.

— ער איז אָנגעצויגן, דער פּאָול, באַשטייט ער צו רעגיסטרירן.

— פּאָול איז שוין מאָביליזירט. ער וועט דיך אָנפילן און...

— דאָס מיין איך. ער זאָל זיין אַ טאַטע.

גריגאָרי, דער פּרעדסעדאַטעל, אַגניס ברודער, איז צופרידן וואָס זי וויל נישט מער קיין ממזרים. ער זאָגט איר נישט אָפּ איר ביטע און ער זאָגט איר נישט צו נאָכצוקומען, נאָר מיט ווינקען פון די אויגן און איינציִען די ליפּן אין אַ שנאָבל זעט זי, אַז זי האָט געפּועלט, און פון צופרידנקייט האַלט זי מיט די הענט זיך אונטער די בריסטן און האָפּסלט אַוועק.

דער פּרעדסעדאַטעל, ווו ער וואָלט זיך דערמאָנט אין עפּעס, קערט זיך צוריק צו אַלעקן:

— זענען די נאַצי־דייטשן טאַקע ווילדע טייוואָנים ? מען רעדט אין סעלסאָוויעט, אַז די נאַצי־דייטשן פּייניקן, שיסן אומשולדיקע בירגער, ברענען הייזער, כאַפּן מענטשן פון די גאַסן. ווי די דייטשישע אַרמיי דערנענטערט זיך צו אַ שטאָט, אַנטלויפן די איינוווינער. אויף די וועגן ציִען מחנות פּליטים, ווער ס׳האָט עפּעס אַ וועגעלע, לייגט אויף דעם אַרויף אַ קישן, אַן איבערבעט. טייל מאָל הערט ער, אַז נישט אַלץ איז ווי מען שילדערט, אַז די גרויל־שילדערונגען זענען גרויל־פּראָפּאַגאַנדע, נישט אַזוי ?

אַלעק קוקט דעם פּרעדסעדאַטעל אין פּנים. לויט זיין ציִען דעם אָטעם איז ער נישט זיכער, צי גריגאָרי גלייבט נישט די ווערסיע וועגן גרויל־פּראָפּאַגאַנדע. און אַלעק פאַרטראַכט זיך : צי איז נישט גריגאָרי פון יענע בירגער, וואָס דערוואַרטן דעם אַריינמאַרש פון די נאַצי־דייטשן ? פאַראַן קאָלכאָזניקעס, וואָס מיינען, אַז די נאַצי־דייטשן קאָנען זיי צוריקשטעלן אויף זייער ערד, און זיי וועלן ווערן אויס קנעכט אין דעם קאָלכאָז־קאָלעקטיוו. אַלעק לייגט אַוועק די קאָסע. ער גלעטיקט זיך דאָס ביסל האָר איבער דער ליסינע, נעמט זיך אָן מיט דרייסטקייט און פרעגט :

— טאָוואַרישטש פּרעדסעדאַטעל ! ווען די נאַצי־דייטשן האַלטן ביי אַריינמאַרשירן דאָ אין קאָלכאָז, צי וואָלטן די קאָלכאָזניקעס געבליבן אויפן אָרט ?...

— דאָס איז נישט אין מײנע באַגריפן! — וואַרפט גריגאָרי אָפּ, ער פאַרבײסט די ליפּן, פּויסט אָן די הענט און שפּרײזט אַוועק צו דעם קויש־וועגעלע. ער כאַפּט זיך פלינק אַרויף און פאָרט אַרויס אויפן שליאַך, כּדי אַנטקעגן צו פאָרן דעם אַגראָנאָם, וואָס האָט שוין געדאַרפט דאָ זײן.

# איוואַנאָוואַ דער אַגראָנאָם

אויף אַ צווייִרעדער־בריטשקע, איינגעשפּאַנט מיט אַ געל פערד, פאָרט אָן פאַר דער זיעמליאַנקע איוואַנאָוואַ, דער אַגראָנאָם. באַלד פאָרט אָן גריגאָרי דער פּרעדסעדאַטעל. ער שפּרינגט צו און מיט ביידע הענט העלפט ער איר אויסשטייגן. איוואַנאָוואַ קומט נישט אומגעריכט און דאָך זענען ביי גריגאָרין צעשפּילט אַלע חושים. די קליינע אויגן זיינע ווייסן נישט אויף וואָס פריִער צו קוקן. די שפּיץ נאָז איז אים ראָזאָווע. ער איז צעשטריט, און דאָס האָט גאָרנישט צום ענין פון דער געזעטעניש. די געשטאַלט איוואַנאָוואַ, איר ליכטיק פּנים, אירע פולע אַקסלען, אירע סאַמעט־שוואַרצע אויגן, אירע פולכנע הענט — ברענגען אים אין גרויס אימפּעט. ער איז נישט קאָרעקט אין זיין רוסיש רעדן, איז ער אין זיין ווענדן זיך צו איר אויסגערעכנט אויף יעדן וואָרט, כאָטש טייל מאָל מאַכט ער ספּעציעל אַ פעלער, כדי צו זען זי אַ לאַכנדיקע.

איוואַנאָוואַ זעט אויס יינגער ווי אויף אירע יאָרן. איר לענגלעך ליכטיק פּנים שפּרודלט מיט חן און ווייבלעכקייט. אירע שוואַרצע אויגן זענען פול מיט בענקשאַפט. זי איז אין דעם געביט ערשט דאָס צווייטע יאָר. זי פירט אַליין אָן מיטן פערד. דער קאָלכאָז איז ווייט פון ראַיאָן און אין וועג טרעפט זי אָפט וועלף, האָט זי אויף דער בריטשקע אַ ביקס. זי איז אחריותדיק אין איר פּראָפעסיע. זי וואַרט נישט, אַז גריגאָרי זאָל זי פירן אין ברויט־פעלד. זי גייט און גריגאָרי מוז איר נאָכגיין. זי באַשטימט ווען אָנצוהויבן דעם שניט. זי שטעלט פעסט די צאָל ברויט פון אַ העקטאַר. זי קומט צוריק פון פעלד מיט אַ בינטל תבואה־זאַנגען. זי זעצט זיך לעבן טיש, שרייבט עפּעס אין נאָטיץ־העפטל. גריגאָרי און דיעד סוואָסלאָוו גייען אין

קאָוועגעס־פעלד. גריגאָרי ווייסט, אַז אָן צו גערעגענען זיך מיט אים פאַר־לאָזט נישט איוואַנאָווע דעם קאָלכאָז. ער האָט איר צו געבן אַ טייגל פּוטער, אָבער ער איילט זיך נישט.

איוואַנאָוואַ ווייסט שוין, אַז יידן פון פוילן אַרבעטן דאָ. אַגניס, די קעכין, ווייזט איר אָן אויף אָלעקן און זי קומט צו אים מיט אַ פראַגע:

— געפעלט דיר די אַרבעט?

— ווער ס'אַרבעט נישט — דער עסט נישט... — ענטפערט אָלעק.

— זייער פיין דיין געדענקען.

— דער אמת...

— געפעלט דיר די אַרבעט ביי לאַנדווירטשאַפט? דאָס ענדערן די פּראָפעסיע איז אָפּט צום גוטן — האַלט די איוואַנאָוואַ זיך נישט אָפּ פון רעדן.

— איך בין תמיד געווען אַ שלייפער — זאָגט אָלעק מיט איראָניע.

— מיינסטו נישט צו בלייבן דאָ?

— דאַרף איך זיין אויפריכטיק?

— איך בין נישט אויסן דיך צו פאַרשן.

— זאָג איך: ניין!

איוואַנאָוואַ שווייגט, האַלט פאַרשפּאַרט די ליפּן. זי קוקט זיך אַרום, צי קומט נישט אָן דער פרעדסעדאַטעל, אָבער זי קערט זיך דאָך נישט אַוועקצוגיין.

אָלעק קוקט זיך איין אין דער איוואַנאָוואַ, אין איר שמאָל מויל, אין די שוואַרצע אויגן, וואָס ביי איר, אַ בלאָנדהאָריקע און ווייסהויטיקע, שפּריצן זיי מיט שאַרפן קאָנטראַסט. אין אויגנבליק קומט אים אַ געדאַנק: אפשר האָט איוואַנאָוואַ געהערט אין סעלסאָוויעט עפּעס אַ פּלאַן פאַר די פּוילישע בירגער, דערפאַר רעדט זי וועגן זיין צוקונפט. ער פרעגט פון וואַנען זי קומט דאָ אַהער אין דעם העק, אַז זי איז דאָ ערשט צוויי יאָר?

איוואַנאָוואַ איז אַ לענינגראַדערין. איר טאַטע — אַ ייד, איז לעצטנס נישט אין גאַנצן געזונט. ווי ער וועט זיך פילן גוט, קומט זי אַהער און נעמט אים צום טאַטן. ער לייענט ביכער פון יידישע שרייבער. זי קען לעמבערג פון יאָר 1940.

אַלעק דערהערט, אַז יידיש בלוט ריזלט אין איר, ווייל ער איר צוטיילן כּבוד, און פרעגט, צי זי האָט נישט פּאַראיבל אויף זיינע לאַקאַנישע ענטפערס.

— ניין — זאָגט זי — קיין פּאַראיבל — זי פאַרשטייט אים, ווייזט זי זי אים מיט אַ לייכטן באַוועגן מיטן קאָפּ. זי גייט צו צו איר בריטשקע, נעמט אַרויס פון איר בייטל צוויי סענדוויטשן, פון איינעם גיט זי אַ ביס. זי גייט צו צו אַלעקן און לייגט אים פאַר ער זאָל נעמען דעם צווייטן סענדוויטש.

אַלעק קאָן איר נישט אָפּזאָגן. ער נעמט דעם סענדוויטש און דאַנקט. איוואַנאָווא ווייזט אים ווידער מיט אַ קאָפּ־באַוועגונג, אַז זי פאַרשטייט אים. אַלעקן פליסט אָן אין האַרץ אַ וואַרעמקייט. ער ווייסט שוין, אַז איר טאַטע איז אַ ייד און ער בעט זי דערציילן וועגן זיך. ער פאַרשטייט אויך, אַז די מאַמע איז אַ רוסין.

די מאַמע לעבט נישט. דער טאַטע איז אַ געוועזענער מאַטראָס. דורך אַן אומגליקלעכן פאַל אַן אָנערקענטער אינוואַליד. ער האָט פאַרדינסטן אין דער פּאַרטיי־אַרבעט, איז ער אַ געהילף־„זאַוו" אין אַ בריקנבוי־פאַבריק. זי איז איינאיינציקע. איז יאָרן געווען מיט דער באַבען. מיטן זיידן איז עפּעס געשען און דער פּאַפּאַ וועט אים דערציילן. דער פּאַפּאַ איז איינער אַליין. איר מאַן איז אינזשעניר, מאָבּיליזירט. ער איז אין לענינגראַד. דער פּאַפּאַ איז דאָ־הי צוליב איר.

— דיר געפעלט נישט ראַטן־פאַרבאַנד, פאַר וואָס? — פרעגט איוואַ־נאָוואַ.

— איך האָב דאָס נישט געזאָגט.

— דו מיינסט דאָך נישט צו בלייבן דאָ.

— איך האָב אַ היים, אַ פרוי און אַ קינד.

— ביסטו אַזוי שטאַרק אויסגעבענקט?

— איז בענקשאַפט פרעמד פאַר אייך?

— פרעמד נישט, נאָר די צייט פרעמדט אָפּ.

— אייער פּאַפּאַ באַשטייט צו זיין איינער אַליין, איז דאָס נישט די בענקשאַפט?

— ניין! ער האַלט זיך שולדיק און באַשטראָפּט זיך.

— ער באַרעכטיקט זיך זיין אָפּגעשיידקייט?

— איך פרעג נישט. איך פאַרשטיי בלויז אַזוי און פרעג ביי זיך: ווו איז ער געווען יענע נאַכט, ווען די מאַמאַ איז געלאָפן אים זוכן און דער שטורעמ־ווינט האָט געהוידערט די שיף?

גריגאָרי דער פרעדסעדאַטעל און דיעד סוואָסלאָוו זענען שוין געקומען צוריק פון קאַוועניעס־פעלד. איוואַנאָוואַ קערט זיך צו די אָנגעקומענע. גרי־גאָרי גייט צו צום וועגעלע. ער נעמט אַ פּעקעלע איינגעוויקלט אין לייוונט — ס׳איז אַ שפּאָר טייגל פּוטער — די מתנה פאַר דער אַגראָנאָמין. ער גייט צו צו דער בריטשקע, ווו די איוואַנאָוואַ זיצט גרייט צום אָפּפאָרן און ער לייגט די מתנה אַריין אין איר גרויסן האַנטטאַש. זי דאַנקט אים, נעמט די לייצעס אַ טרייב צו טאָן דעם פערד. ווי אין דערמאָנען זיך וויכטיקס, שטעלט זי זיך אַ ווײַלע און רופט צו אַלעקן:

— איך וועל דיך פירן צום פּאַפּאַ!

# מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ

געענדיקט דער היישניט. אַ יום־טוב אין קאָלכאָז. אַ יום־טוב אָן אַרבעט. אין סקלאַד איז שוין דאָ וואָדקאַ, עכטע, צוגעטיילט דורך דעם אַפּראָוויזאַציע־אָפּטייל פון ראַיאָן. דער יום־טוב איז באַשטעטיקט דורך דעם סעל־סאָוויעט.

אויף דער יום־טוב־צייט איז די בריגאַדע געקומען אין דער קאָלכאָז־באַזע. די זיעמליאַנקע אין פעלד — אַ פוסטער גרוב. אויך אַלעק און משה געפינען זיך אין דער באַזע, כדי צו באַטייליקן זיך אין יום־טוב. אין פעלד איז שטיל, אָבער אין דער קאָלכאָז־ווירטשאַפט איז גאָר מער רעש. די פערד זענען אין שטאַל. אַלעק העלפט דער כאַזאַיקע, וואָס האָט די אויפזיכט איבער דער שטאַל, צו דערלאַנגען פאַר די פערד אָבריק. כדי נישט צו פירן די פערד צום ברונעם, גרייטן זיי אָן קאַנען מיט וואַסער. די בהמות זענען אויפן פאַשעפעלד. ס׳אַרבעט אָבער די צענטריפוגע און ביי איר זענען באַשעפטיקט אַ גרויסע טייל פון די כאַזאַיקעס; טייל ביים דורכלאָזן די מילך, טייל ביי אויסקלאַפּן פּוטער. משה איז מיט די כאַזאַיקעס. ער ברענגט זיי צו די קאַנען, טראָגט אַוועק די קאַנען. ס׳איז נאָך נישט אויסגערופן די שעה פון דער פייערונג, טוען כאַזאַיקעס אין זייער ווירטשאַפט: רוימען, וואַשן, רייניקן די קושטאַלן, צעהענגען די אויסגעוואַשענע סאַראָפאַנען.

די זון שטייט שוין הויך. די כאַטקעס זענען ווי איבערגעצויגן אין געלב־לעכקייט. די דריי יינגלעך: האַנזעל, פּיקל און לעאָן שפּרינגען אַרום ווי צעבריקעטע לאַשעקלעך. זיי זענען שוין אָנגעטאָן אין יום־טוב־בגדים און אין העמדער פון זייערע טאַטעס. די העמדער זענען ברייט און לאַנג, איז כדי צו קירצן זיי, וויקלען זיך די יינגלעך אַרום אין די גאַרטלען מיט לייצעס פון

פערדשטאַל און זיי זענען אויס ווי אין קיטלען, עלעהיי כאָר־יינגלעך פון אַ צערקווע בעת אַ פּראָצעסיע. זיי זענען נישט אָפּגערעדט וואָס צו טאָן, שטיפן זיי סתם — זיי שרייען, רופן, נישט אַלע דריי מיט איין אויסרוף, נאָר וואָס יעדן פון זיי פאַלט איין. האַנזעל רופט: — „משה, נאַדאָ ראַבאָטאַט באָלשע!" ער וואַרפט מיט די הענט, זשעסטיקולירט ווי אין רעגירן מיט די סקירדע־ווערס. האַנזעל האָט נאָך נישט פאַרגעסן זיין קידער־ווידער מיט משהן ביים סטויג היי.

האַנזעל איז נידעריקער ווי פּיקל, און לעאָן איז דער העכסטער פון זיי ביידע. האַנזעל איז ענלעך צו זיין מאַמען מיט דער ברייט פון פּנים, קאַנטי־קער קין און גראָע אויגן. מיטן בלאָנדהאָריקן קעפּל איז ער דעם טאַטנס. די מאַמע דערמאָנט אים אין טאַטן נאָר ווען זי רופט אים „בלאָנד־טאַטע־קעפּל!" האַנזעל האָט קרומע פיסלעך און אַ הויך בייכל, ווי ער וואָלט האָבן די ענגלישע קרענק. צוליב דעם שעלט זיך די מאַמע זיינע, וואָס זי האָט אים געבוירן. האַנזעל אַליין קוועלט פון זיך. ער איז פלינק און געשיקט, אַז פּיקל, וואָס איז אָן חסרונות, קאָן זיך דאָך צו אים נישט גלייכן.

פּיקל איז פון אַ מאַמען אַ דייטשקע. אין דייטש איז דער באַטייט פון וואָרט פּיקל — פאַרונקל, פּאָקן. אַז די מאַמע האָט אים געבוירן, איז ער איר געווען ווי אַ מכה אונטערן אָרעם, האָט זי אים געגעבן דעם נאָמען פּיקל. זי האָט נאָך היינט אַ פּנימל פון אַ לאַלקע, אָבער שוין שטאַרק צע־וואַקסן אין דער ברייט. דאָך האַלט זי דעם יאַט ווי אַ טייערן אוצר און אַז זי וויל דאָך זיך אָנטאָן נחת־רוח — רופט זי אים ממזר. פּיקל איז אין די זעלבע יאָרן ווי האַנזעל, אָבער דאָך העכער. ער האָט אַ קאָפּ געדיכט־שוואַרצע האָר, שטייפע ווי דער פּאַנצער ביי אַ יעזש. ער האָט קליינע שוואַרצע אויגן און זיין רונדיק פּנים פאַרמאָגט די טעמפּקייט פון אַ סאָווע. נישט ער לאַכט, נישט ער איז ברוגז. ער איז נישט פלינק ביי דער אַרבעט, ווי ער וואָלט געהאַט צוויי לינקע הענט, אָבער שטאַרק איז ער ווי אַן אייזל. ער געפינט נישט קיין אופן ווי צו קונדסן, ער וויל אָבער דאָך זיך ווייזן ווי אַ קונדס, שפּרינגט ער נאָך האַנזלען. די מאַמע קוועלט פון זיין שטיפעריי. זי ווייסט אַפילו, אַז ער רייסט זיך צו די מיידן. אויך פון דעם שעפּט זי נחת. זי זאָגט: אַז ער קאָן שוין — זאָל ער...

אויב פיקל איז ערשט לעצטנס געוואָרן ביי די מיידן אַ מאַנצפּאַרשוין, האָט לעאָן שוין אַ סך פריִער זיך דערהויבן צו דער מדרגה.

לעאָן איז בלויז מיט צוויי יאָר עלטער פון פיקל און האַנזלען. ער איז קליינקעפּלדיק מיט אַן אויסגעצויגן פּנים ווי אַ באָק און אַ שיקלדיקער. קיין מאָל איז קיינער נישט זיכער צי ער קוקט אים אין פּנים. אויף זיינע באַקן ליגט אַ תמעוואַטע אומעטיקייט. מיט דעם אויסזען איז ער ענלעך צו דער מאַמען. זינט די ענקאַוועדע האָט פאַרבעטן איר ניקיטאַן, האַלט זי פאַרביסן די ליפּן — אַ רענדל אַ וואָרט. לעאָן ווייסט יאָ ווו זיין טאַטע איז און ער קען אַפילו דעם פּאַראַגראַף. לעאָן האָט אַ פּאָר לאַנגע הענט און לאַנגע פיס, דינע ווי ביי אַ באָטשאַן. קיין שיך האָט ער נישט, אַפילו נישט קיין שטרוילאַפּטשעס. ס'איז זומער און ער גייט אַרום אין זאָקן מיט לאַטעס. ביי עמאַליאַ די טראַקטאַריסטין איז ער אַ דערוואַקסענער זכר, און ווייל ער איז תמעוואַטע האָט זי אין דער זיעמליאַנקע די חזקה אים צו האָבן לעבן זיך. ביים סקירדעווען איז נישטאָ אַ גלייכן צו אים. האַנזעל האַלט זיך ווי אַ הערשער איבער פיקלען און לעאָנען, אויף זיין אויפהייבן אַ פינגער שפּרינגען זיי איינער איבערן אַנדערן, קוקן אַריין אין די פענצטער צום דיעד סוואָסלאָוו, ווי ער איז בודק דעם קאָפּ האָר דער כאָזאַיקע זיינער. דורך פאַרשידענע הוועיות פרעגן זיי, צי ער וועט מאַכן די נאַרמע...

דיעד סוואָסלאָוו איז דווקא אַן אָנהענגער פון טרייבן לצנות. ער רופט זיי אַריינצוגיין אים העלפן. האַנזעל וויל בעסער בלייבן אין דרויסן.

דיעד סוואָסלאָוו קומט אַרויס צו די יינגלעך. ער האָט פאַר זיי אַ שפּיל און זיי וועלן דערביי נאָך פאַרדינען אַ האַלבן אַרבעטסטאָג. ער האָט צו קוילענען אַ חזיר. יעדע כאָזאַיקע קאָן באַקומען סאַלע און מאַכן אַ זשאַרקאָיע (געפּרעגלעכץ) פון קאַרטאָפל. ס'איז יום־טוב היינט. ער לייגט זיי פאָר אַ געוועט: איין קלאַפּ מיט דער האַק — און דער חזיר ליגט. חוץ דעם האַלבן אַרבעטסטאָג גיט ער צו אַ טעלערל בלוט פון חזיר. די יינגלעך זענען נאָך נישט געפּרווט געוואָרן מיט אַזאַ אַרבעט, נאָר אַז דיעד סוואָסלאָוו זאָגט, זענען זיי אָנגעצויגן צו זען אַזאַ געשעעניש. דיעד סוואָסלאָוו גייט אַריין אין שטאַל, קלויבט אויס אַ פעטן חזיר און יאָגט

אים אַרויס צו די ייִנגלעך אויפֿן גראָזיקן פּלעצל. דער דיעד ברענגט אַרויס אַ האַק און אַ שיסל אויפֿן בלוט. ער ווייזט זיי אָן ווו, אין וועלכן אָרט פֿון קאָפּ אַראָפּצולאָזן דעם קלאַפּ. דער ערשטער כאַפּט לעאָן די האַק. דער חזיר שטייט נישט אויף איין אָרט, דרייט ער זיך אַרום, כּדי צו פֿאַרנאַרן דעם חזיר. ער טרעפֿט נישט און וואַרפֿט אַוועק די האַק — ער וויל נישט מער. שפּרינגט צו פּיקל און כאַפּט די האַק. ער האַלט זי הינטערן רוקן, שפּאַנט געלאַסן, ווי בלויז אויף פֿאַרבייגיין און כהרף־עין ציט ער אויס די האַנט מיט דער האַק און טוט אַ זעץ אין חזירס קאָפּ. דער חזיר קוויטשעט און לייגט זיך, פֿאַלט האַנזעל צו מיטן מעסער. ער שעכט אויף דער אָנווייזונג פֿון דיעד סוואָסלאָוו. אין דעם קומט צו מאַריאַ ניקאָלאַיעווונאַ — זי דאַרף די ייִנגלעך צום איינאַיבן זיי אין טאַנצן.

✶

מאַריאַ ניקאָלאַיעווונאַ, אַן עוואַקויִרטע פֿון מאָסקווע, ציילט שוין באַלד אַ האַלב שאָק מיט יאָרן. זי איז אַ פּולייַביקע, אָבער נישט צעגאָסן, אַ שוואַרצהאָריקע מיט גרויסע שוואַרצע אויגן און אַ שיין מויל בלישטשענדיקע ציין. אַ געוועזענע פּאָסט־באַאַמטע — איז זי נאָך אַלץ די גרויסשטאָטישע, האַלט נאָך אין קאַרמינירן די ליפּן, צושמירן די ברעמען אין האַלבע לבנהס. זי מאַניקירט די נעגל, אַרבעט אין הענטשקעס. צום יום־טובֿ איז זי אָנגעטאָן אין אַ רויט קלייד מיט אַ טיפֿן דעקאָלט און אַ ברייט־אָפֿענער פּלייצע. זי האָט דאָ אַלץ, וואָס אין מאָסקווע, חוץ דאָס ברייטע בעט און דעם רויטאַרמייער.

גריגאָרין דעם פּרעדסעדאַטעל איז מאַריאַ גרויס אין די אויגן. איר הויכער בוזעם צעשטרייט אים. ער מאַכט זיך נישט פּעסט שטיין אויף די פֿיס, כּדי אָנצולענען זיך אין איר. מאַריאַ קען זיך אויף אַזעלכע טריקן. פּלוצלינג דערמאָנט זי זיך אין עפּעס וויכטיקס און זי לויפֿט אַוועק, כּדי זיך צו באַרויִקן און גריגאָרין אָפּצוקילן...

מאַריאַ קאָן אָנפֿירן מיט טענץ און ווייסט ווי איינצושטעלן די קאַל־כאָז־טעכטער צום טאַנצן. אין דערוואַרטן אויף דעם צוזאַמענקומען פֿון די קאָלכאָז־טעכטער מאַכט זי דערווייל רעפּעטיציע מיט זיך אַליין. ביי יעדן

טריט ברומט זי זיך צו אַ מעלאָדיע, מאַכט אַ קרייז אויף איין פוס, ביי וועלכן טאַקט זיך אָנצובייגן. זי ווייסט אַפילו, אַז ווי זי זאָל נישט טאָן, קאָן קיינער פון די קאָלכאָז־טעכטער איר נישט זאָגן אַנדערש. זי וויל דאָך זיין טריי צו זיך און אַ באַהאַוונטע אין די אויגן פון נאַדיאַ קיסילאָוו, וואָס איז אויך אַ גרויסשטאָטישע.

*

נאַדיאַ קיסילאָוו איז אַ לענינגראַדערין, אויך אַן עוואַקויִרטע. זי איז מיטלוווקסיק, ברייט אין געבוי. אירע בעקלעך זענען איינגעפאַלן, דאָך פאַרצויגן מיט ראַזעווודיקייט און אירע בלאָע אויגן זענען ברייט צעעפנט. זי ווייסט, אַז איר שטערן איז אַן פאַלבן, קעמט זי זיך די האָר, כּדי דער שטערן זאָל זיין פריי. איר דאגה איז וואָס צוליב דעם אויסמאָגערן זיך פון די בעקלעך, זענען פאַרשוווּנדן אירע חן־גריבלעך. זי איז אַ געוועזענע מאַניקורזשיסטקע אין אַ פריזיר־אַרטעל, ווייסט זי וואָס פאַראַ שמירעכצן עס טויגן צו פלעגן די הויט, סיי פון פּנים, סיי פון די הענט, דערפאַר האָט איר פּנים דעם גלאַנץ פון אַ פרישן עפּל. הגם זי איז שוין עטלעכע חדשים עוואַקויִרט, האַלט זי, אַז אָט, אָט איז דער שׂונא אָפּגעשטופּט פון לענינגראַד און זי איז צוריק אויף איר שטעלע. ווי מאַריאַ ניקאָלאַיעווּנאַ טוט זי אַן אויך ביי דער אַרבעט אין פעלד הענטשקעס מיט אָפּגעשניטענע שפּיצן פאַר די פינגער, און הגם עס באַשווערט איר דאָס אַרבעטן, וויל זי דאָך דערגרייכן די נאָרמע און נישט זיין הינטערשטעליק אין די אַרבעטסטעג.

נאַדיאַ איז אַ פרוי מיט ניין מאָס רייד. זי האָט ליב רעדן. איר הויפּ־רעדן וויקלט זיך אַרום איר ליבע מיט ביאָמקען — אַ ייד, וואָס אָלעק איז אים דער פּראָטאָטיפּ, סיי אין וווּקס, סיי מיטן שטיקל פּליך. אָלעק שפּילט נישט אויף קיין באַלאַלייקע, שיפּט זיך נישט מיט איר אויף דער נעוואַ און רופט זי נישט „סאָלנישקאַ״. די בענקשאַפט איז איר האַרב, זי איז אָבער אַ שטאַרקער כאַראַקטער און קאָן אויסטראָגן נסיונות.

נאַדיאַ האָט ליב צו ווייזן זיך אין טאַנצן. ווי זי דערזעט מאַריאַן מאַכן פּראָבע מיט די ייִנגלעך, שטייט זי צו צו העלפן מאַריאַ. זי שטעלט זיך

אויף אַן איבערגעקערטער באַליע און די ייִנגלעך מאַכן רונדעס אַרום איר ווען זי שטייט מיט אַן אַרויפגעשאַרצטער ספּודניצע און דעקט אָפּ אירע שיינע פיס ביז די קניִען, עלעהיי אַ באַלעטניצע אין אַן עקסטאַזיקן ווירוואַר.

טאַטיאַנאַ די לערערקע איז נישט מסכּים אויף צו ברענגען דעם נומער אין דעם פייערונג־פּראָגראַם — „זי זעט נישט אין דעם קיין עסטעטיק”. מאַריאַ האַלט דווקא יאָ פון איינשליסן דעם נומער:

— דאָס איז אַ סקעטש מיט סאַטירע — זאָגט זי.

# טאַטיאַנאַ און פעדאָראַ

טאַטיאַנאַ און פעדאָראַ האָבן זיך נישט ליב. טאַטיאַנאַ זעט זיך ווי די געניטע אין הלכות עטיק. זי, די געבילדעטע, האַלט פון איר וואָרט און איר איינזען. ווער ס׳איז נישט איינשטימיק מיט איר מיינונג — איגנאָרירט זי אים. זינט דעם היישניט פירט נישט טאַטיאַנאַ די שול, דאָך ליגט אַ מידקייט איר אין די אויגן. איר געשטופלט פנים — בלאַס, ווי פון אַנעמיע. נאָך בולטער ווערט די בלאַסקייט, ווען זי קאַרמינירט זיך אָן די ליפּן מיטן רויטן שטיפט. זי איז אָן איינזאַמע. שוין ביי די דרייסיק, און קיין איוואַן, אָדער קאָסטיאַ קלעפּט זיך נישט אין איר. זי איז נישט אָפּשטויסנדיק, אַפילו גוטמוטיק, לאָזט זיך אַרומכאַפּן פון אַ טראַקטאָריסט, אויך שפּילן זיך אין יאַגעניש מיט אים, אָבער אויף מער וואָרנט זי: „נישט וואַגן!״ זי האָט אַ צעלאָזענע צונג, אָבער נישט סתם אויף שיטן געפּעפּערטע רייד. זי האַלט, אַז אַ פרעך וואָרט אָן אַ צוזאַמענהאַנג איז ווי אַ פאַרפוילטער צאָן אין מויל. זי האָט נישט ליב דעם ביטערן טראָפּן, אָבער אָנצוגיין ווי אַ בגילופינדיקע — וויל זי. אין בגילופינדיקייט איז מעגלעך צו זיין נישט קרעמפּירט פון קאָנוועגאַנסן און בושה. זי איז אַ פּשוטע, אָפנהאַרציקע, און אַליין וויקלט זי זיך אין קאָמפּליצירטקייטן, אין איר האַס מיט פעדאָראַן.

פעדאָראַ אַלעקסעיעוונאַ — אין איר ברייט פנים מיט די הויכע קינבאַקן ליגט אַ פאַרביסענע עקשנות, און הגם זי האָט נאָך אַ פול מויל ציין, איז דאָך איר מויל איינגעפאַלן. אָפּט קומט איר שמייכל אויס ווי אַ געגעץ; און זי איז, חלילה, נישט קיין קריפּל: אירע גראָע אויגן האָבן נאָך אַ וואַרעמען גלאַנץ אַ שטיף צו טאָן און זי איז נישט משלים מיט איר פאַרזעסנ־

קייט. דיעד סוואָסלאָוו, וואָס האָט ליב צו איראָניזירן, רופט זי „די יונגע פעדאָראַ", קרימט זי זיך נישט אויף דעם שפּאָס. עס געפעלט איר אַפילו די איראָניע, זי נעמט אויף דעם רוף מיט אַ קאָפּ־באַוועגונג פון צופרידנ־קייט.

פעדאָראַ אַלעקסעיעווּנאַ וויל נישט דעם טאַטנס נאָמען, נישט זיין יחוס. אַ שיכּור און זיך געכאַפּט אַפּצוטאָן מעשׂה לוט. דאָס ווייסן אַלע אין דאָרף. זי ווייסט נישט ס'יאָר פון איר געבוירן. וויפל מאָל די מאַמע ברענגט איר דאַטעס, שטימט קיין מאָל נישט די לעצטע צו דער ערשטער. ווי עס זאָל נישט זיין, קומט זי אויס קעגן טאַטיאַנאַ אַ פאַרשפּעטיקטע, אָפּגעשטאַ־נענע. זי קען קוים לייענען און דאָך איז זי געניט דרייסט זיך קעגנצו־שטעלן טאַטיאַנען די לערערקע און איר וויסן. זי טראָגט אַ האַס אויף טאַטיאַנען פאַר וואָס זי רעדט נישט אָפּ ראָזיטאַן, אַז זי זאָל נישט חתונה האָבן מיט איוואַנען, דעם הינקענדיקן. זי שרייט — „ראָזיטאַ איז אַ יונג קעלבל און האָט זיך געלאָזט פאַרנאַרן דורך אַ קאַליקע"...

טאַטיאַנאַ האַלט, אַז ראָזיטאַ פעלט נישט דורך. ראָזיטאַ איז טאַקע יונג, איר קליין פּנימל איז קינדיש. זי קען נישט מער ווי דאָס ביסל אַלטע מענטשן פון קאָלכאָז, דאָס לעבן דערווייטערט זיך שוין פון זיי. איוואַן איז געלערנט. נאָך דער מלחמה פאָרט ער צוריק אין זיין מאָסקווע. פאַר ראָזי־טאַן עפנט זיך אַ ברייטע וועלט, אַנדערע הימלען, אַן אַנדערע ליכט. וואָס, איוואַן איז אַ בעל־מום? — מיט יעדן געזונטן מענטש קאָן זיך טרעפן אַ פאַרפאַל און ער זאָל בלייבן אַ בעל־מום: גייט אַ געזונטער בחור אין דער אַרמיי און ער קומט צוריק אָן אַ האַנט, אָדער אָן אַ פוס — איז ער שוין אויס מענטש?

פעדאָראַ בלייבט אָבער נישט געפּלעפט:

— דאָך דאַרף מען זי אָפּהאַלטן.

*

ס'איז דאָס ערשטע מאָל ווי משה האַלט זיך לעבן טאַטיאַנאַ. ער קוקט זיך איין אין איר פּנים און מאַכט איר קאָמפּלימענטן. טאַטיאַנאַ כאַפּט זיך אָן אין דעם דערפאָלג און זי וויל מיט עפּעס אים מכבד זיין. פאַלט איר

איין חרטה צו האָבן וואָס זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר חלק וואָדקאָ לטובת איוואַנען. גייט זי מיט משהן צו דער סקלאַדניצע, נעמט איר פאַר־ציע וואָדקאָ און גיט אָפּ משהן. דאָס מאָל איז אויף אירע בלאַסע באַקן פאַרצויגן אַ ראַזעווודיקייט. זי וויל זיך ווייזן פאַר מאַריאָ ווי משה, דער מאַנצפאַרשוין, האַלט זיך אין איר. זי ווענדט זיך צו אים ווי אין ממשיך זיין אַ שמועס:

— די דייטשן דאָ זענען אַלע מיט געהאַקטע צינגער אין רוסיש. דו וועסט קומען צו מיר, וועל איך דיך לערנען רוסיש.

משה זעט, אַז מיט מאַכן איר אַ קאָמפּלימענט קויפט ער זיך די גאַנצע וועלט, פאַלט אים איין צו זאָגן, אַז אַחוץ וואָס זי איז אַ גוטמוטיקע, איז זי אויך סימפּאַטיש. טאַטיאַנאַ צעעפנט ברייט אירע בלאָע אויגן. זי האָט נאָך נישט דאָס פּאַסיקע וואָרט אים צו זאָגן. זי קוקט זיך אַרום, ווי אַנצוכאַפּן זיך אין עפּעס, דערזעט זי איר שילערין נינאַ, לאָזט זי שטיין משהן און גייט צו צו נינאַן, ווי יענע וואָלט איר פאַרשטעלט דעם וועג.

נינאַ איז הויכוווקסיק, איבערגעוואַקסן אירע 14 יאָר; זי איז שוין אַ רייפע פרוי מיט אַ הויכן בוזעם, אָבער אירע שוואַרצע האָר מיט אַ סאָ־מעטגלאַנץ האַלט זי געשוירן קינדיש, מיט אַ גריווע איבערן שטערן. תמיד זענען אירע בעקלעך רויט און אין די שוואַרצע נוסנאָויגן איז פאַראַן אַ גלאַנץ, ווי אַ פונק. זי איז אָנגעטאָן צום יום־טוב אין אַ נייעם סאַראַפאַן פון אַ געבלימטן שטאָף, נישט ניי איז דער שטאָף, אָבער טאַטיאַנאַ זעט זי ס׳ערשטע מאָל אין דעם סאַראַפאַן. זי באַטאַפּט דעם שטאָף, אָטעמט איין זיין ריח אויף אָפּצושאַצן ווי אַלט ער איז. ווי עס זאָל נישט זיין איז זי איבערראַשט פון זען נינאַן אין דעם נייעם סאַראַפאַן, וואָס ליגט אויף איר מיט שטאָטישן שיק. טאַטיאַנאַ ווייסט, אַז זי קאָן זיך נישט פאַרגלייכן צו נינאַן, סיי מיט די יאָרן און סיי מיט דער שיינקייט, אָבער דאָך איז זי מקנא... זי דערמאָנט זיך אין משהן. זי קוקט זיך אַרום, צי ער וואַרט נאָך אויף איר. משה איז מיט אַלעקן.

*

אַלעק איז ביים דיעד סוואָסלאָוו אין דער כאַטע. דיעד סוואָסלאָוו האָט ליב צו טרינקען מיט אַ פּאַרטנער. שוין די צווייטע פּוסע וואָדקאָ גיסט דיעד אָן פאַר אַלעקן. אַלעק איז נישט געוווינט צו טרינקען, אָבער אָפּזאָגן זיך פון כּיבוד קאָן ער נישט, נעמט ער אַ זופּ און נאָך אַ זופּ. ער פילט, אַז ער פאַלט, דאָך זאָגט ער נישט אָפּ סוואָסלאָוון. ערשט מיט משהס אַריינקומען כאַפּט ער זיך ווי שווער אים איז. ער גיט משהן איבער דאָס טרינקען די וואָדקאָ און ער ציט זיך אויס אויף דער באַנק. ער שלאָפט נישט, און פאַרשידענע בילדער שווימען אויף אין דמיון און זיי מישן זיך אויס אין אַ פּלאָנטער: דער סאַדיק ביים וואָקזאַל אין טאַשקענט, די אַטשערעד צום ביידל נאָך ברויט, די שול פול מיט פּליטים אין ביאַלי־סטאָק, די פּעק און קישנס, וואָס די פּליטים האָבן אַרום זיך, אין צווישן וויקלט זיך אַריין די קו־סטאַדע אין לאָגער ביים שוואַרצן טייכל. מיט אַ מאָל זעט ער זיך אַ גייענדיקן ביי די הייזער־ווענט אין וואַרשע. קוילן פליִען, שווישטשען אין דער לופט, דייטשישע אַעראָפּלאַנען שיטן פייער, אַ טאַטע לויפט מיט אַ קינד אויף דער האַנט, דאָס קינד איז פאַרוווּנדעט... און דאָ גיט זיך אַ מיש די פאַרשטאָט אייקינאָ. ער דערוואַרט די שיף און אַ שלאָקסרעגן פאַלט, די טראָפּנס זענען שווערע ווי שטיינער. אָט באַ־וויזט זיך אים בוימגאַרטן ביי חיימקען אין שטוב, און ווידער איז ער אין וואַרשע אין צירקל־הויף אויף לוביעצקעגאָ גאַס; אַ פּאָליציאַנט האָט אים געכאַפּט צו גראָבן אָקאָפּעס. עס שפּרינגט אים אין בליק גרינבערג, דער געוועזענער זייפזידער, אַ נאַקעטער איז ער, „באַאַרבעט" דורך די זשולי־קעס פון דער טייהאַלע ביים עוואַקאָפּונקט אין טאַשקענט, אַפילו דאָס היטל האָט ער נישט. און אָט ציט פאַרביי אַ לענטע פון וואַגאָנעס אין נע־ונד אויף די וועגן פון סאַראַטאָוו, קויבישאָוו, מחנות פּליטים ציִען פון די דערפער, קי און שאָף טרייבן זיי, ציִען, לויפן פון גיהנום, דער פראָנט דערנענ־טערט זיך צו די דערפער פון דער געגנט. אין דמיון קומט ווידער אַ צוג מיט וואַגאָנעס. ער כאַפּט זיך אַרויף אין לויף אויף אַ וואַגאָנשוועל. גראָ־זיקע פעלדער שיינען אויף. אין זיין בליק העלט זיך טאָגליכט...

ס'איז שטיל אין דיעד סוואָסלאָווס כאַטע. אַלעק עפנט די אויגן. נישטאָ דער דיעד. נישטאָ משה. אין שטעלעכל ביי דער כאַטע איז די קו

שוין דאָ צוריק פון דער פאַשע. אָלעק שפּרינגט אויף. ער גייט אַרויס פון דער כאַטע. אויפן שליאַך ציִען נאָך בהמות צוריק פון פאַשעפעלד. פאַר דער כאַטע ווו די קאַנטאָר שטייט אַ לאַנגער טיש. טאַטיאַנאַ פאַרציט איבער דעם טיש אַ רויט געוואַנט. זי צעשטעלט גלעזער, טעצעלעך. טאַ־טיאַנאַ דערציילט פעדאָראַן, אַז ראָזיטאַ האָט פאַר איוואַנען אַ וויס העמד. אויף ראָזיטאַס ביטע גייט איוואַן אָן דעם שטעקן. ער איז גאַרנישט אַזאַ שווערער בעל־מום ווי עס האַלט פעדאָראַ. אויף ראָזיטאַס פאַרלאַנג טרינקט ער נישט פון דער וואָדקאַ, כּדי ער זאָל געדענקען נישט צו שלעפּן דעם קורצן פוס — „אָט וואָס אַ גוט מיידל קאָן אַלץ!...״

פעדאָראַ האַלט אָנגעבלאָזן איר גוידער:

— אויסשטריקן אַ זאָק קאָן זי נישט.

דער יום־טוב פון ענדיקן דעם היישניט ווערט ווי פּראָקלאַמירט מיט דעם צעטיילן די וואָדקאַ. די פייערונג פון ענדיקן דעם היישניט הייבט זיך אָן מיטן טועם זיין פון דער וואָדקאַ. טייל כאַזאַיקעס האָבן נאָך צו ביס־לעך אין די פלעשלעך און זיי וואַרטן צו טרינקען צוזאַמען מיטן פרעד־סעדאַטעל, און צוליב דעם גרייט טאַטיאַנאַ דעם טיש. דער פרעדסעדאַטעל אַליין איז נאָך נישט גרייט צו פאַרנעמען זיין אָרט ביים טיש. די פיר טעכטער זיינע זענען שוין יאָ אין די בגדי־חג. די קליידער זענען ענג אויף זיי, מחמת זיי וואַקסן מיט די יאָרן, און די קליידער קאָן מען נישט לענגער און נישט ברייטער מאַכן, מוזן זיי גוט זיין ווי זיי זענען. מאַריאַ ניקאָלאַיעווּנאַ באַשטייט נישט, אַז דעם פרעדסעדאַטעלס טעכטער זאָלן זיך נישט אָנזען מיט עפּעס אַ ספּעציעלן שלייער. זיי זענען פיר בלאָנדהאָריקע קעפּלעך און ווייסהויטיקע לענגלעכע פּנימער מיט טיפע חן־גריבלעך אין די בעקלעך און מיט לאַנגע העלדזלעך, פאַלט איר איין בולט צו מאַכן זייערע העלדזלעך, נעמט זי די טאַשמעס, מיט וועלכע זיי האָבן פאַרבונדן די האָר, און בינדט זיי אַרום אויף זייערע העלדזלעך. פון די עקן קניפּט זי אויס שלייפלעך, און כּדי די האָר זאָלן אויך זיין באַשלייערט, שטרייפט זי זיי אויס מיט בלימלעך זיי זאָלן ליגן ביז די שלייפן. מאַריאַ האָט ליב צו זיין צווישן פרויען, וואָס זענען געפּוצט אין בונטע פאַרבן. זי דערזעט די טראַקטאָריסטינס עמאַ און עמאַליאַ אין גראַנאַטענע סאַראַ־

פאַנען אָן באַפּוצונג, פאַלט זי צו זיי צו, אַז זיי זאָלן זיך אַרומגאַרטלען מיט פאַסקעס. איי זיי האָבן נישט — זאָלן זיי אַרומבינדן זיך מיט די רויטע סטענגעס פון דער פאָן און אָנקניפּן אַ סך געלע קערנרויזלעך. דער אייג־פאַל געפעלט זיי און די ייִנגלעך העלפן זיי צו אויסשלייערן זיך אין דעם.

אויך טאַטיאַנאַ איז איבערגעגעבן דעם אויספּוצן די יונגע מיידלעך אויף דער פייערונג. נינאַן שפּילעט זי בלויז אויס אַ ביסל טיפער דעם דעקאָלט. ראַזיטאַן, די כּלה, בינדט זי אויס אַ קרענצל בלימלעך און טוט איר דאָס אָן אויפן קאָפּ ווי אַ קרוינדל. זי ווייזט זיך מיט ראַזיטאַן פאַר פעדאָראַן, זי זאָל זאָגן צי זי זעט נישט אויס פּרעכטיק?

פעדאָראַ בלאָזט אָן איר גוידער. זי זאָגט עפּעס אַ גלייכווערטל, וואָס מיינט מער־ווייניקער: יונג און שיין, דאַרף מיט אַ מאַן אַ קאַליקע אין בעט צו גיין...

אַנדערש פון מאַריאַן און טאַטיאַנאַן איז נאַדיאַ, די לענינגראַדערין. זי מישט זיך נישט אין קיינעמס אויסזען. זי איז אָנגעטאָן אין אַ ברוינער קאַרבירטער ספּודניצע, אין אַ געל בלוזקעלע פון קרעפּדעשין־שטאָף, מיט אַ ווייס שטייף קעלנערל הויך אַרום האַלדז. זי גייט נישט, נאָר זי שוועבט; אַ ביסעלע צוגעשמירט אונטער די אויגן, ווי מיט אַ זייטיקן קוק פון גאווה: לענינגראַד איז אַ גרויסע שטאָט...

✶

אָן אַן אָנזאָג וועגן זיין קומען פאַלט גריגאָרי דער פּרעדסעדאַטעל צו צום טיש, וואָס איז איבערגעדעקט מיטן רויטן געוואַנט־טישטעך. ער איז שוין אַ ביסל אָנגעוואָרעמט פון אַ טרונק וואָדקאַ. ער איז אָבער גע־ווינט צום ביטערן טראָפּן, האַלט ער נאָך דעם קאָפּ אַרויפגעריסן, מען זאָל מיינען, אַז ער באַוואונדערט וואָס עס טוט זיך צווישן די מיידן אין זייער גרייטן זיך צום טאַנצן. ער איז אָנגעטאָן אין אַ העמדל מיט אַ שטייף קעלנערל ענג צום האַלדז. מיט דער מערכה פון זיין נעט געקליידט האָט ער גרויס אָנזען אין סעלסאָוויעט. ער ווייסט, אַז ווערן אויס פּרעדסעדאַ־טעל איז ווי אַ פינטל טאָן מיטן אויג. ער ווייסט מיט וואָס צו זיין וויכטיק אין סעלסאָוויעט — „גאָספּאָדסטאָווקע" — אויספירן דעם פּלאַן. ער רעכנט

נישט, צי דעם קאָלכאָזניק וועט עפּעס בלייבן פון דער גערעטעניש פאַר זיינע אַרבעטסטעג. דער עיקר — אָפּגעבן דעם מעשר דער מאַכט. ער איז געגוג קלוג צו געווינען זיך צוטרוי פון די מיטגלידער אין קאָלכאָז: זיין לעבל ברויט איז נישט גרעסער פון אַ צווייטנס; דעם טיטל־נאָמען — פּרעדסעדאַטעל — איז נאָר פאַר דעם סעלסאָוויעט, אין קאָלכאָז איז ער — גריגאָרי. איצט טראָגן די כאָזאַיקעס זיך אַרום מיט פלעשלעך וואָדקאַ, נאָר אַ דאַנק זיין באַריכטן אין סעלסאָוויעט וועגן דער דערגרייכונג פון פריִען ענדיקן דעם היישניט. אין אַנדערע קאָלכאָזן ווייסט מען נאָך נישט צי זיי דערנענטערן זיך צום פאַרענדיקן. אויב עמעצער אין קאָלכאָז ווייסט עס נישט, האָט ער אַ ווייב בערטאַ — און זי טראָגט עס שוין צו אַלעמען.

גריגאָרין ליגט איצט נישט אין זינען זיין בערטאַ, וואָס איז שוין אַן אויסגענוצטע און קוים זי האַלט זיך אויף די געשוואָלענע פיס. מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ זוכט ער, כדי נאָך איין מאָל אַ גלעט צו טאָן אירע פולע פלייצעס. ער פילט נאָך דעם טעם פון איר וואַרעמקייט. דאָס בלוט טוט אים שנעל אַ ריזל...

מאַריאַ איז מיט טאַטיאַנאַ אין איר שטוב. פעדאָראַ, ווילנדיק מפייס זיין טאַטיאַנאַ, צוריק ווערן חברטעס, האָט אין אַרומכאַפּן זי און צודריקן זיך צו איר, צעריסן טאַטיאַנען די שלייקעס פון סאַראַפאַן, העלפט איר מאַריאַ צוצונייען צוריק די שלייקעס. חוץ דעם איילט זיך נישט מאַריאַ צום צוזעצן זיך לעבן טיש, ווו גריגאָרי. זי ווייסט, אַז בויקאַ איז נאָך נישטאָ צוריק מיט די שעפּסן פון דער פּאַשע, און אָן בויקאַ וויל נישט גריגאָרי אָנהייבן די פייערונג.

# נאָך געסט — יידן

דאָס בערגל, וואָס פירט אַרויס פון קאָלכאָז „1טער מאַי״ אין סטעפּ צום ראַיאָן, איז נאָך באַדעקט מיט גאָלד־זונשיין. די קאָלכאָז־כאַטקעס איןביידע זייטן שליאַך זעען דאָס מאָל אויס ווי פריש אָפּגעשווענקטע מיט אַן אַש־קאָליר. אין די כאַטקעס איז איצט קיינער נישטאָ. אַלע כאָזאַיקעס זיצן אַרום טיש, ווו דער פּרעדסעדאַטעל. ער האָט צו רעדן און האַלט זיך אָפּ ווייל בויקאָ איז נאָך נישטאָ. פאַר אַלעמען איז קלאָר דאָס אָפּהאַלטן זיך פון בויקאָ אַנטיילצונעמען אין דער פייערונג. דאָס זיצן פון פּרעדסע־דאַטעל און די כאָזאַיקעס אַרום טיש איז דערווייל נישט אַן אינהאַלט. דיעד סוואָסלאָוו אינפאָרמירט וועגן דער וויטערדיקער אַרבעט, אַז נאָך פאַרן אָנהייבן דעם ברויטשניט, איז דאָ צו מאַכן דעם קיזאַק. ער רעדט און די כאָזאַיקעס הערן אָן אינטערעס. פאַראַן דאָ וואָדקאָ אויסער זייערע ראַציעס, איז אַ שאָד צו איבערלאָזן — און זיי טרינקען. כאָזאַיקעס ברענ־גען צו בעקנס געפּרעגלטע קאַרטאָפל אויף חזיר־שמאַלץ. אויסגעלײדיקט אין בעקן, ברענגט אַן אַנדערע צו אַ פרישן, נאָר וואָס פון פייער אַראָפּ. מאַריאַ לאָזט גריגאָרין גלעטן איר די פּלייצעס. זי לאַכט מיט אַ פול מויל. זי וויל שוין איינשטעלן די קאָלכאָז־טעכטער אין די טענץ, אָבער דער פּרעדסעדאַטעל האַלט איר נאָך אָפּ פון גיין. ער ווייזט איר אָן אויף בינאַן, בויקאָס טאָכטער, זי זאָל זען, צי דער טאַטע אירער איז שוין אין וועג.

בינאַ לויפט אַרויס אויפן שליאַך. זי קערט זיך באַלד צוריק און מיט אַ קאָפּ־באַוועגונג ווייזט זי מאַריאַן, אַז זי זעט אים נישט.

עמאַליאַ די טראַקטאָריסטין שפּאַנט אַרום מיט דער באַלאַלייקע. זי זיפּט די סטרונעס איין מאָל לייכט, אַ צווייט מאָל שטאַרקער, ווי איינצו־

איבן זיך די טאַקטן. איוואַן האַלט לעבן זיך ראַזיטאַ און שפּילט אויף אַ מויל־האַרמאָניקע. ער נעמט איין מאָל אַ ניגון און הערט אויף, נעמט ווידער אַ ניגון און האַקט אָפּ.

גריגאָרי דער פּרעדסעדאַטעל, אַן צו זאָגן פּאָר וואָס, רייסט זיך אַוועק פון טיש. דיעד סוואָסלאָוו ווייסט, אַז גריגאָרי איז צעטראָגן צוליבן אויפ־האַלטן זיך פון בויקאָ מיט קומען צו דער פייערונג. ער ווייסט אויך, אַז גריגאָרי גרייט זיך אין זיין רעדע צו מאַכן בויקאָן אַ פאָרוווּרף, וואָס קאָן האָבן אַן אָפּקלאַנג אין סעלסאָוויעט. דיעד סוואָסלאָוו וויל אויסמיידן די אומאָנגענעמלעכקייט. ער באַמיט זיך, אַז גריגאָרי זאָל צוריק זיין לעבן טיש, און ווייל ער האָט מורא, אַז גריגאָרי זאָל נישט פאַרשווייגן דעם זילזול פון בויקאָ, כאַפּט ער זיך אָנצושיכּורן גריגאָרין, פאַרגיסן אים די רעיונות, און שטעלט אים צו אַ פריש פלעשל וואָדקאָ. ער שטייט הינטער די פּלייצעס און מונטערט אים, מוטיקט אים ער זאָל נישט אָפּשטיין. ער איז אים אויך געטריי און איז משפּיע אויף מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ, אַז זי זאָל נישט אַראָפּוואַרפן גריגאָריס האַנט פון אירע פּלייצעס...

*

אָלעק און משה זענען אָפּגעזונדערט פון די זיצנדיקע לעבן טיש מיט גריגאָרין. דריי יידישע יונגעלייט, אויך באַפרייטע פון די לאַגערן, מיט אויסגעטריקנטע, דאַרע פּנימער און שפּיציקע גאַרגל־קנעפּ, זענען זייערע געסט. פון אַ קאָלכאָז קומען זיי. שוין דאָס צווייטע יאָר איז דאָרט אַ בראָך אין גערעטעניש. עס זעט זיך נישט פאָר, אַז היי־יאָר זאָל זיין בע־סער. אָלעק זאָגט זיי, אַז דאָ עסט מען ווייצנברויט. די דריי קוקן זיך איבער אין שטוינונג. הגם זיי זאָגן נישט אַרויס זייער ווילן צו בלייבן דאָ, אָבער אָלעק דרינגט, אַז דאָס ברויט רעדט צו זיי. ער איז זיכער, אַז דיעד סוואָסלאָוו וועט זיך אָנכאַפּן אין זיי. ער טראַכט צי דאַרף ער זיי זאָגן, אַז די קאָלכאָזניקעס דאָ זענען דייטשן? צוויי פון די דריי זענען פון איין שטאָט אין פּוילן,ביידע מיטלוווקסיקע, שוואַרצהאָריקע. איינער רופט זיך סעוועק, דער צווייטער איציק. סעוועקס פּנים איז לענגער און קנאָכיקער. איציק איז ברייטאָקסלדיק און האָט געדיכטע, הויכע ברעמען.

דער דריטער הייסט אַבוש, שטאַמט פון גאַליציע, אַ בלאָנדהאָריקער, ברייטביינערדיקער און פון אונטער זיין הויכן שטערן זעען זיך קוים אַרויס קליינע גראָע אויגן טיף איינגעפּאַסטע אין קאָפּשיידל. אים פעלן עטלעכע ציינער פון פאָרנט. אין לאַגער איז ער געכאַפּט געוואָרן פון דער ציגנאַ־קרענק. צופעליק האָט ער אויפן טאָלטשאָק אין קערמינע, אין וועג צו דער אַנדערס־אַרמיי, אָנגעטראָפן זיך אויף איציקן און סעוועקן. זיי דרייַ זענען אין העמדלעך פון טיף־גרינעם קאָליר. ס׳הייסט ביי זיי אַ „קוואַרטאַלניק״ — צו טראָגן אָן צו וואַשן איין מאָל אין דריי חדשים. אַבוש איז געגאַרטלט מיט אַ לעדערנעם מיליטערישן פּאַסעק.

ביים טיש, ווו ס׳זיצן די כאַזאַיקעס מיטן פּרעדסעדאַטעל און דיעד סוואָסלאָוו, איז שטיל. זיי דערוואַרטן נאָך אַלץ בויקאָס קומען. דיעד סוואָס־לאָוו וויל אָנהאַלטן אָן אָפּיציעלע צערעמאָניע, בעט ער די כאַזאַיקעס, זיי זאָלן נישט כאַפּן די געפּרעגלטע קאַרטאָפל פון בעקן, נאָר וואַרטן אויף זיין צוטיילן. אָלעק און משה זעען, אַז דיעד סוואָסלאָוו איז שטאַרק פאַר־טאָן און קאָן נישט צוקומען צו זיי, גייען זיי צו צום טיש, כדי צו נעמען ביסלעך פון געפּרעגלעכץ, פאַלט זיי איין, פאַר איין וועגס, זאָגן דעם דיעד, אַז די דריי ווילן אַרבעט, און סעוועק, איציק מיט אַבושן זאָלן דערווייל טועם זיין פון דעם געפּרעגלעכץ, פּילן דעם יום־טוב.

דיעד סוואָסלאָוו, ווי ער הערט פון אָלעקן אַז זיינע דריי חברים ווילן אַרבעט, שיט ער אים אָן אַ טעלער מיט געפּרעגלטע קאַרטאָפל. ער ווישט זיך די וואָנצעס מיטביידע הענט, ווי אויסצוציִען זיי. ער רייסט זיך אַרויס פון קרענצל כאַזאַיקעס און גייט מיט אָלעקן. ווי ער קומט צו צו די דריי, קוקט ער זיך אַפילו נישט איין אין זיי. ער כאַפּט זיי היימישלעך אַרום, עלעהיי זיינע אייגענע, און פון גרויס פרייד הענגט ער זיך אָן אויף איציק און סעוועקס אַקסלען. ער פרעגט איין מאָל און נאָך איין מאָל — „שוין געגעסן ? הונגעריק ?״

אַ וואָגן מיט צוויי פערד פאָרט אָן צו דער קאָנטאָר־כאַטקע און דיעד סוואָסלאָוו לויפט זען — ווער האָט פלוצלינג אַריינגעבאַצט אין יום־טוב ?

מער ווי סעוועק און איציק, איז אַבוש ווי בגילופין פון דיעד סוואָס־לאָווס אויפנעמען זיי. זיי אַלע צווייפלען שוין נישט, אַז זיי בלייבן דאָ אַרבעטן.

פאַלט אַלעקן איין אויסצופרווון זייער רעאַגירן ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז די קאַלכאָזניקעס זענען דייטשן:

— 18 משפחות זענען דאָ אין קאַלכאָז. 3/4 פון זיי זענען דייטשן.

נאָך מער ווי סעוועק און איציק דריגעט אָפּ אַבוש, ווי אַפּגעצוואָגן מיט קאַלטס.

— איך בלייב נישט! — זאָגט ער מיט אַ ציטער אין קול און דרייט זיך אויף איין פוס.

— מיר גייען מיט אַבושן — זאָגט איציק שוין אויך פאַר סעוועקן און גיט צו — צו די ווונדן נאָך נעמען אַ דייטשישן פלאַסטער? ניין!

אַלעק געדענקט, אַז נאָר צוליב נאָכגעבן משהס איינרעדן איז ער דאָ, און ער וויל נישט משפּיע זיין אויף אַבושן צו בלייבן.

משה שטייט און לאַכט זיי אין די אויגן. ער האַלט זיך ביי זיינס — די וואָלגאַ־דייטשן זענען נישט קיין היטלער־דייטשן. ער וויל משפּיע זיין זיי זאָלן בלייבן. ער זאָגט:

— מוותר זיין פון עסן ווייצנברויט מיט פוטער איז נישט פאַרלירן אַ קנעפּל...

אַבוש ציט זיך איין אין די אַקסלען. ער ווייזט אָבער נישט אַרויס קיין אַנטשלאָסנקייט.

*

מיטן אַנפאָרן פון דעם וואָגן ווערט אַ צעמישעניש צווישן די כאַזאַי־קעס. זיי רייסן זיך אַוועק פון טיש, פאַלן צו צום וואָגן. זיי מיינען, אַז עפּעס זעלטנס איז צוגעשיקט געוואָרן פון סעלסאָוויעט צו דער פייערונג. דער פורמאַן שטופּט זיך דורך דעם געזעמל כאַזאַיקעס צום פּרעדסעדאַ־טעל. אויפן וואָגן זיצט אַ פּאָרל, אַ פרוי און אַ מאַן. די כאַזאַיקעס ברויזן אַרויס מיט אַ געלעכטער און ווי אין אַ מהומה לויפן זיי צוריק צום טיש. גריגאָרי איז מיטן שליח, דעם פורמאַן, אין קאַנטאָר. דער פורמאַן גיט איבער גריגאָרין די אָנווייזונג פון סעלסאָוויעט איינצוגלידערן דאָס פּאָרל אין קאַלכאָז. זיי זענען עלטערע מענטשן. דיעד סוואָסלאָוו האַלט, אַז עלטערע מענטשן זענען דעם קאַלכאָז אַ לאַסט, אָבער גריגאָרי קאָן

נישט אָפּוואַרפֿן די אָנווייזונג פֿון סעלסאָוויעט. ער קומט אַרויס פֿון קאַנ־טאָר און ווענדט זיך צו די ייִנגלעך: האַנזעל און פּיקלען, זיי זאָלן העלפֿן דעם פּאָרל אויסשטייגן און אַריינפֿירן צו בויקאָ אין דער כאַטע.

אַלעק איז נייגעריק צו וויסן ווער דאָס פּאָרל איז. ער גייט צו און באַקענט זיך מיט זיי. דאָס זענען עלטערע מענטשן, עוואַקויִרטע. ער, סאַלאָמאָן דאַווידאָוויטש און זי, סאָניאַ סאַלאָמאָנאָוואַ. ער איז אַ ביסל איינ־געבויגן אין דער פּלייצע, די אויגן טיף איינגעפֿאַלן מיט טרערן־קיישעלעך. אַ קלימפּערלע גראָע האָר ליגט אים צוגעפּלאַטשט אויפֿן שפּיץ קאָפּ. די באַקן הענגען ביי אים ווי זעקעלעך. סאָניאַ, זיין ווייב, איז קליינוווקסיק, מיט אַ קליין פּנימל. זי וואַרפֿט מיט די אויגן, ווי מיט איין מאָל אויפֿצו־נעמען אַלץ וואָס אַרום. זיי האָבן פֿאַרדינסטן אַז דער סעלסאָוויעט זאָל זיי איינאָרדענען: זייערע צוויי זין זענען אויפֿן לענינגראַדער פֿראָנט. דער ייִד שעפּטשעט עפּעס אַ תּפֿילה פֿאַרן געזונט פֿון די קינדער. ער געדענקט נישט אַלע ווערטער, נעמט ער אַרויס פֿון וועסטל־קעשענע אַ שטיקל פּאַ־פּיר, קוקט אַריין און שעפּטשעט די תּפֿילה אויף ס׳ניי פֿון אָנהייב, דערביי כאַפּט ער אַ בליק צו זיין סאָניען, וואָס גייט שנעלער און פֿריִער פֿאַר אים, צי זי הערט זיך נישט איין אין זיין מורמלען. ער וויל נישט, אַז סאָניע זאָל דערקענען, ווי זיין האַרץ צאַפּלט פֿאַרן לעבן פֿון די קינדער, וואָס זענען אין פֿייער און אין סכּנה. ער זעט זי איז מונטער, שפּאַנט ער צו, כּדי צו זיין לעבן איר און איר בטחון זאָל אויך זיין אים אַ טרייסט. ער קוקט זיך איין אין אירע קליינע אויגן, וואָס זעען אים אויס ברייט צעעפֿנט, פֿול מיט זיכערקייט און האָפֿענונג. ער זאָגט איר, אַז די פֿאַרפֿלאַכטענע צעפּ־לעך אירע אַרומגעלייגט אַרום שטערן זעען אויס ווי אַ שנירל קרעלן.

— איך האָב פֿאַרגעפּילט, אַז דאָ איז אַ יום־טוב — זאָגט סאָניע און פֿאַררייסט איר קעפּל.

— ס׳זאָל אונדז נאָר נישט פֿאַרשטערט ווערן — ענטפֿערט סאַלאָמאָן און שפּרייזט דער ערשטער אַריין אין בויקאָס כאַטע.

# בויקאָ טאַנצט

בויקאָ, וואָס ווייסט, אַז גריגאָרי וואַרט אויף זיין אַנטייל אין דער פּייערונג, זעט אין דעם אַריינשיקן צו אים דאָס פּאָרל איינצוקוואַרטירן אין זיין כאַטע, ווי אַ דרוק אויף אים — שוין צו קומען. אים ווילט זיך אַ שפּיי טאָן גריגאָרין פאַר דער נאָז, ווייזן אים, אַז ער, בויקאָ, איז נישט דאָס נעבעכל צו בעטן זיך, ער זאָל דאָס פּאָרל איינקוואַרטירן ווו אַנדערש. ער טוט אָן דאָס העמד אין פּאַסן, וואָס איז לאַנג אויף זיין שלאַנקן גוף און ער זעט אויס אין דעם ווי אַ פּאָפּ אין אַ קיטל. ער גייט אַרויס פון דער כאַטע און בלייבט שטיין, ווי זיך דערמאָנט אין עפּעס: נישט כדאי צו ברוגזן זיך. זיין גלייכגילט קען ערשט רעכט גריגאָרין אַ דריי טאָן אין די געדערעם. שפּאַנט ער, בויקאָ. טראָט ביי טראָט, ווי צו מעסטן און ציילן זיי, אויף להכעיס גריגאָרין, וואָס וויל ער זאָל זיך איילן.

בויקאָ איז הויכוווקסיק און הגם ער איז עלטער פון דיעד סוואָסלאָוו, איז ער דאָך נישט געבויגן אין דער פּלייצע ווי דער דיעד. ער האַלט זיך גלייך, שטייף. זיינע האָר זענען שוין גראָ און ציִען זיך אין ווייס, איז עס אויך ביי אים אַ גאווה. וואָכנטאָג טראָגט ער אַ קאָמבינזאָן ווי די טראַקטאָריסטן און שטרוילאַפּטשעס. די שיך שאַנעוועט ער, זיי זאָלן זיין אין אַ גוטן צושטאַנד צו האַרבסט צו. בעתן טרייבן די שעפּעלעך אין פעלד אויף דער פּאַשע, האַלט ער אַ לאַנגן שטעקן און ער זעט אויס ווי אַן אַפּאָסטאָל. זיין האָזן־פּנים האָט קנייטשן נאָר ביי די שלייפן, זיינע באַקן זענען נאָך מיט אַ ראָזעווער פאַרב. אין שפּיץ פון זיין קאַרטאָפל־נאָז שפּראָצן עטלעכע הערעלעך. אַז ער דערמאָנט דעם נאָמען לעניך, שטייפן זיך אים אָן די הערעלעך ווי דרעטלעך. ער האַלט, אַז לעניך איז דער גורם אין זיין מצב,

וועלכן ער פֿאַרשעלט. די היינטיקע פּייערונג האַלט ער פֿאַר אַ בלאָף. דאָס פֿאַרענדיקן דעם היישגיט איז נישט אין איבערשטייגן די צייט, נאָר פּשוט — פֿאַרענדיקט, נישטאָ מער קיין שטח. זיי פֿייערן אַ בלאָף — שטופּט אים צו לאַכן. דאָס גיין לאַנגזאַם איז מיט אויסרעכענונג: ער זאָל וואָס לענגער הנאה האָבן פֿון לאַכן...

אַלעק איז היימיש מיט בויקאָ. ווי נאָר בויקאָ טרייבט אַריין די שעפּסן אין דער שטאַל אַריין, גייט ער נישט צו זיך אין דער כאַטע, נאָר אין פֿעלד צו דער בריגאַדע. ער וואַרפֿט בלויז אַ בליק אַריין אין דער זיעמ־ליאַנקע, אַ סמאַטשקע מיט די ליפּן, ווי באַשטעטיקט אַ געדאַנק — און גייט גלייך צו צו אַלעקן, וואָס שטייט ביים שלייפֿן די קאָסעס צו די לאַבאַ־גרעיקעס. ער קוקט זיך איין ווי אַלעק אַרבעט און פֿרעגט:

— אַזאַ אַרבעט האָסטו געטאָן אין פּאָלשאַ?

— ניין. — ענטפֿערט אַלעק קורץ.

— דאָרט זענען נישטאָ קיין קאָלכאָזן. די פּאָליאַקן איז נישט אַריינ־צונאַרן אין זאַק...

— דער שטייגער ווירטשאַפֿט איז פֿאַראַן נאָר דאָ — זאָגט אַלעק.

— דאָרט האָט איר נישט געהאַט קיין לענין...

— נאָר דער ראַטן־פֿאַרבאַנד האָט געהאַט די זכיה — זאָגט אַלעק.

— אַ זכיה, זאָגסט דו? אַ בראָך! אַ קאַטאַסטראָפֿע! — ברומט בויקאָ און קערט זיך אָפּ צום גיין.

אַלעק איז זיכער: בויקאָ איז שוין איבערצייגט, אַז ער האָט נישט אין אים קיין פּאַרטנער אין זיין מיינונג און ער איז אים שוין זיינע פּטור, אָבער בויקאָ גייט דאָך נישט אַוועק:

— אין פּאָלשאַ אַרבעט נישט דער פּויער מיט אָקסן — זאָגט בויקאָ ווי איבערצייגט.

— מען אַרבעט מיט אָקסן און אויך מיט מאַשינען.

— דו שפּאַסט נישט?

— איך זאָג ווי עס איז דער אמת.

— קאָלכאָז איז נישט קיין געלונגענער אויפֿטו אין דער ווירטשאַפֿט — שטייט בויקאָ צו.

— הלמאי נישט?

— אַלץ גייט קאַפּויער דער אויסרעכענונג.

— איך קען זיך נישט אויף דעם.

— זאָג איך דיר... דער פּלאַן איז אַן אויסגעבלאָזן איי.

— איך זע אַז די ווירטשאַפט פּראָספּערירט, בויט זיך.

— פּראָספּערירט נישט ווי דו מיינסט, זי עקסיסטירט און נישט מער.

— דו ביסט דאָך נישט פאַרשקלאַפט ווי אַמאָל.

— מיט וואָס נישט?

— היינט אַרבעט די מאַשין, דער טראַקטאָר, דער קאָמביין.

— אויך אַ בראָך. אַרום דעם טראַקטאָר איז מער אַרבעט ווי אָן אים. ביי אייך צייט איז געלט. דאָ איז צייט — אַ פּרעסמאַשין. כל־זמן ס'איז ליכטיק — שטיי נישט אָפּ!

— דער קאָלכאָז גיט דאָך דעם מיטגליד זיין חלק, נישט אַזוי?

— דער קאָלכאָז איז אַלעמענס און קיינעמס נישט. מען אַרבעט פאַר מאָסקווע. די „גאָספּאָדסטאַוועק" שוימט אָפּ דאָס פעטע און צום צוטיילן בלייבט פּסולת. גאָרנישט איז דיין. דער מעשר איז מפלומרשט אַ חלק, אָבער בעצם — אין גאַנצן. דיעד סוואָסלאָוו האָט אַ גוט וואָרט — „קאָל־כאָזניק, קוויק זיך און שטיק זיך"...

— וואָס מער אַרבעטסטעג איז דאָך דער חלק גרעסער, נישט אַזוי?

— דער ביטערער טעם בלייבט תמיד פון אויבן...

אַלעק איז געוואַגט:

— טאָוואַרישטש בויקאָ! אַז דער קאָלכאָז גיט דיר נישט וואָס דו דאַרפסט, פאַר וואָס פאַרלאַנגסטו נישט קיין אַנדער אַרבעט?

בויקאָס אויגן שווימען, ווי אין אַ וואַסער. ער פאַרבייסט די ליפּן און שפּאַנט אַוועק, כדי אַלעק זאָל נישט זען אים אַ געקרענקטן.

איצט זעט ער אים גיין צו דער פייערונג פון פאַרענדיקן דעם היישניט.

✶

בויקאָ איז שוין דאָ. לכבוד דער געשעעניש טרינקט דער דיעד מיט אים פון פלעשל. אויך גריגאָרי דערלאַנגט אים אַ גלאָז וואָדקאָ און בויקאָ

קאָן נישט אָפּזאָגן. אַזוי ווי ער איז צווישן די כאַזאַיקעס, שטופּט זיך יעדע מיט אים אָנקלאָפּן איר גלאָז וואָדקאַ אין בויקאָס גלאָז און טרינקט וויפל עס לאָזט זיך. ס'איז אויך רעשיק צווישן די קאָלכאָז־מיידלעך, גרייטע צום טאַנצן. מאַרגאַ, ראַזיטאַס מאַמע, שרייט, אַז דער טאַנץ זאָל זיך פירן אַרום איר טאָכטער. פעדאָראַ — אַרום אָלגאַ, טאַטיאַנאַ — אַרום בערטאַ, אָדער אַרום נאַדיאַ.

פלוצלינג רייסט זיך אָפּ די ברייט־גופיקע סאָפּיאַ מיט אימפּעט. ווי פון אַ ווינט אָנגעיאָגט פאַלט זי אַריין צווישן די טענצערינס. זי שטייט די הענט פאַרלייגט אויף די לענדן און שרייט אויס אַ ליד. זי קען נישט זינגען, קוויטשעט זי און שטייט נישט אָפּ. די כאַזאַיקעס, אין אירע יאָרן: פאַני, אָלגאַ, יעפּימאָווא, דערלאָזן נישט סאָפּיאַ זאָל בלייבן פאַרשעמט. פּאַטשן זיי מיט די הענט, העלפן סאָפּיאַן אויסשרייען דאָס ליד און מוטיקן זי מיט רופן — סאָפּיאַ! סאָפּיאַ! אָהאַ! אָהאַ!

מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ וויל דאָך נישט בלייבן אָן אָנזען, גיט זי נאָך די רופערייען פון כאַזאַיקעס. זי ווייזט אָן עמאַליען צו שפּילן אויף דער באַלאַלייקע, און די טענצערינס נעמען זיך פאַר די הענט, פאַרגייען זיך אין אַ רונדטאַנץ, מער מיט געשרייען ווי מיט זינגען. מאַריאַ וויל אָנהאַלטן מער סטאַטישקייט, אָבער זי גיט נאָך די ספּאָנטאַנישקייט, וואָס עס צע־וואַרעמט אויך בויקאָן.

ראַפּטעם טוט בויקאָ אַ וואָרף די פלאַש און ווי אַן אָנגערייצטער שפּרינגט ער צו צום רעדל טענצערינס. ער צערייסט די געשלאָסענע הענט פון נינאַ און נאַדיאַ. ער פאַלט צו צו סאָפּיאַ, כאַפּט זי אָן ווי עפּעס אַ שפּענדל און שטעלט זי אַרויס פון דעם עיגול. ער גיט זיך אַ קער אין צענטער און פאַרטראָגט זיך אין אַ קאָזאַטשאָק־טאַנץ. ער קניט און שטעלט זיך אויף איין פוס, דרייט זיך ווי אַ ווירבלווינט. ער וואַרפט זיך פון איין פוס אויף דעם צווייטן, איז פאַרטראָגן ווי אין אַ ווירוואַר און ווידער אויף איין פוס מיט אַ ווילדן אימפּעט. ער אָטעמט מיט אַן אָפן מויל און סאַפּעט. דער דיעד שטייט אין שרעק — בויקאָ זאָל נישט פאַלן, אָבער בויקאָ איז אין עקסטאַז, דער דיעד וואַגט נישט צוצוגיין און איינהאַלטן אים.

פלוצלינג — באַך! בויקאָ זיצט. אַ פּאָרע־אָטעם שפּאַרט אים פון מויל. דיעד סוואָסלאָוו פאַרברעכט די הענט — בויקאָ איז געענדיקט! רייסט זיך דיעד אַריין אין רעדל, כדי צו העלפן אים, אָבער ער לאָזט זיך נישט אָנ־רירן. ער שפּרינגט אויף, שטייט מיט אַן אַרויפגעריסענעם קאָפּ. די טענ־צערינס פּאַטשן אים בראַוואָ. בויקאָ פאַרנויגט זיך אַרטיסטיש און גייט. ער שפּאַנט אַרויס פון רעדל, ווי עס וואָלט עמעצער אים אַ יאָג טאָן. ער שפּרינגט אַרויס אויפן שליאַך צו זיין כאַטע. ער דערזעט אַלעקן, לייגט ער אַרויף אַ האַנט אויף אַלעקס אַקסל. אַלעק איז דערשראָקן פון בויקאָס האַסטיקן דרוק. ער וויל זיך באַפרייען, אָבער בויקאָ לאָזט אים נישט אָפּ. דיעד סוואָסלאָוו שרייט צו אַלעקן ער זאָל זיך האַלטן — „גיב אים אַן אָנשפּאַר!" בויקאָ האָט נאָך נישט קיין אָטעם צו רעדן און שפּאַנט. משה שפּרינגט צו, כדי צו העלפן אַלעקן. בויקאָ לייגט די צווייטע האַנט אויף משהס אַקסל און ער ציט זיי ביידע צו שפּאַנען מיט אים. נאָענט פאַר זיין כאַטע שטעלט ער זיך און מיטן פּנים צו אַלעקן פרעגט ער:

— דו מיינסט אַוודאי, אַז פרייד האָט מיך צעטראָגן?...

— גענוי ווי דו זאָגסט, טאָוואַרישטש בויקאָ!

— ביסטו אין טעות...

אַלעק און משה שווייגן. זיי לאָזן זיך פירן פון בויקאָן. ער ציט צו דער שוועל פון זיין כאַטע. ער זעצט זיך. ער ווייזט אַלעקן און משהן, אַז אויך זיי זאָלן זיך אַנידערזעצן.

— וואָס אַן אמת — זאָגט בויקאָ און דעכעט קוים — אַ ביסל צו פיל געזשלאָקעט פון דער וואָדקאָ דאָרטן. גריגאָרי וואָלט גערן מיר געזען ליגן אַן אויסגעצויגענער מיט די קאָפּיטעס. דער קאָפּ איז שווער... אַ קרענק אים דאָרט צו וויסן... סיי איוואַן ווי גריגאָרי, און סיי לעניין זייער „באַ־טיושקאַ". איך קאָן זיי נישט ווינטשן זיי זאָלן פוילן ווי לעניין, ווייל לעניין פוילט נישט, ער איז באַלזאַמירט. נאָר דאָס וואָס זיי ווילן זען אין מיר — זאָל איך זען אין זיי... איך פאַרגין זיי אַזאַ סוף ווי לענינס... דער טאַנץ איז מיר נישט געלונגען, איז אָבער זיי געלונגען צו זען מיר אַן אויסגע־צויגענעם... לעניין איז באַלזאַמירט און דער ריח פאַרטושט אַלעמען די

מוחות... איר שוויגט. אייערע האָבן אַ גוטע טבע — באַהערשן זיך אין שווייגן. דער קאָלכאָזניק האָט אַ פולן מאָגן מיט שווייגעניש...

אָלעק גיט משהן אַ שטאָרג אין עלנבויגן, צי ער פאַרשטייט בויקאָס באַצייכענונג „אייערע" — אַז ער מיינט אַ טשעפּע צו טאָן יידן. משה הוסט אָפּ, אָנצודייטן, אַז אויך ער האַלט אַזוי. אָלעק באַוועגט זיך אויפצושטעלן און גיין, אָבער בויקאָ לייגט ווידער אַרויף זיין האַנט אויף אָלעקס אַקסל. ער לאָזט אים נישט אַוועק. עס לויפט אָן נינאַ און די מוטער. זיי ווילן ער זאָל אַריינגיין אין דער כאַטע, נאָר בויקאָ לאָזט זיך נישט:

— אין דרויסן איז בעסער, דער קאָפּ לופטערט זיך שנעלער.

נינאַ און די מוטער לויפן צוריק צום געזעמל מיטן פּרעדסעדאַטעל און דיעד סוואָסלאָוו.

—ביידע קומט איר פון קאַטאָרגע־לאַגער, ווייס איך — זאָגט בויקאָ. ער וויל זיי ווייזן, אַז ער האָט דעם קאָפּ אויפן קאַרק.

— יאָ, געצוי ווי דו זאָגסט, טאָוואַרישטש בויקאָ.

— „באַטיושקאָ" סטאַלין האַלט, אַז אַלע מענטשן דאַרפן זיין אויף קאַטאָרגע. קאָלכאָז — אויך אַ לאַגער. וואָלט ער כאָטש געלעבט, דער לעניך, און געזען ווי גרויס די בראָך איז. אַ זעלטענער מענטש געווען, דער לעניך, און נעבעך צו קבורה נישט געקומען... קאָלכאָז — די מאָ־דערנע פּרעסמאַשין אויפן פויער. אַרבעט ביז דערשעפּונג, אָבער די „גאָס־פּאָדסטאַווקע" פּיר אויס. בויקאָס העמד עלטערט זיך מיט אים. קויפן אַ נייע יופּיצע — וואַרט אויף אַ גוט געראַטעניש, אויף אַ נס! דאָך זענען זיי די חכמים, און בויקאָ — דער דוראַק! ווען דאָס אַלץ קאָן פאַרברענט ווערן — ווייזט ער אָן אויף דער כאַטע זיינער און גייט אַריין.

אָלעק און משה גייען זיך זען מיט די דריי: סעוועק, איציק און אַבוש. דיעד סוואָסלאָוו איז מיט זיי. דיעד סוואָסלאָוו איז גוט געשטימט. זיי באַשטייען צו בלייבן אַרבעטן. ער האָט ווערטלעך אין גראַמען, וואָס איינס פון זיי איז אָלעקן לייכט צו פאַרשטיין — „דער טעם פון ביטערע טרערן, קרימט אויס די נאָז און פאַלדעוועט דעם שטערן". ער ווייסט, אַז בויקאָן איז שווער געווען „ראַזקאָלאַטשען"[1]. ער איז עטלעכע טעג געווען

[1] מאַכן פּאַר אויס קולאַק — בעת דער צוואַנגס־קאָלעקטיוויזאַציע.

איבערגעטאָן אין דער כאַזאַיקעס יופּיצע און איז געפּאַקט געוואָרן ליגנ־דיק אויף דער כאַזאַיקע...

דיעד רעדט, דערציילט און האַלט קאָפּ, אַז ער דאַרף זיך געפינען לעבן דעם פּרעדסעדאַטעל בעתן האַלטן די רעדע.

✶

הינטערן בערגל וויקלט זיך דער פלאַם פון זונפאַרגאַנג. די הינער ציִען שוין אויף דער גזשענדע. מאַריאַ ניקאַלאַיעווּנאַ, נאַדיאַ, די כאַזאַיקעס מיט זייערע טעכטער און יינגלעך זיצן אַרום טיש. זיי דערוואַרטן גריגאַ־ריס רעדע. עמאַליאַ ציפּט אויף די באַלאַלייקע־סטרונעס דעם ניגון פון „יאַ דרוגאַי טאַקאַי סטראַני ניע זנאַיו"... דיעד סוואָסלאַוו און איוואַן דינ־גען זיך מיט גריגאַרין, ער זאָל נישט רעדן וועגן דעם אָקערשט געקומע־נעם פּאַרל סאָלאָמאָן. ער אָבער קרימט זיך און איז נישט דעצידירט. ער שטעלט זיך אויף, קלאַפּט פּלאַש אין פּלאַש.

אַלע שווייגן.

— טאָוואַרישטשי! — ווענדט זיך גריגאַרי און רייבט זיך די הענט, די אויגן, כדי צו כאַפּן געדאַנק — טאָוואַרישטשי! די חברטע אַגראָנאָם איז פּאַר אָנהויבן דעם ברויטשניט. דער סעלסאָוויעט האַלט אין באַריכטן דעם חבר סטאַלין! — שרייט ער אויס, פּאַטשט זיך בראַוואָ.

איוואַן און די כאַזאַיקעס פּאַטשן בראַוואָ.

— אויספירן דעם פּלאַן און דאָס צושטעלן דעם מעשר, איז אונדזער קיום. — גריגאַרי שמייכלט און פּאַטשט זיך בראַוואָ.

דאָס מאָל בלייבט ער איינער אין דעם פּאַטשן.

— דער עיקר דערגרייכונג פון אונדזער קאָלכאָז — דער טעמפּאָ אין דער אַרבעט.

די קאָלכאָזניצעס אָטעמען שווער.

גריגאַרי וואַרפט מיט די הענט. ער האָט נאָך וואָס צו זאָגן:

— די מלחמה קאָן פאָדערן מער ברויט, פאַרגרעסערן די „גאָספאָד־סטאָווקע"!

אַ געדיכט מורמלען צווישן די כאַזאַיקעס.

דיעד סוואָסלאָוו כאַפּט אָן גריגאָרין פאַר דער האַנט ער זאָל זיך גישט פּאַטשן בראַוואָ.

אומגעריכט פאַלט בויקאָ צו צו גריגאָרין, נעמט אים אָן פאַר דער שפּיץ גאָמבע און רעדט אים אַריין אין פּנים:

— דו ווייסט, אַז די כאַטע מיינע איז קליין, קוים וואָס מען קאָן זיך באַוועגן, טיילסטו מיר נאָך צו אַ פּאַרפאַלק, פרעמדע. איך וויל זיי גישט ביי מיר, נעם דיר צו די בירגער סאַלאָמאָן! — רופט בויקאָ אויס, קערט זיך אום צו גריגאָרין מיט די פּלייצעס, רייסט אַרויף דעם קאָפּ און שפּאַנט אַוועק.

# קיזאַק־ציגל

די דריי — איציק, סעוועק און אַבוש — האָבן שוין געגעסן פון ווייצנברויט און וואַקלענישן בלייבן זיי אַרבעטן אין קאָלכאָז „ערשטער מאַי״, וואָס עס איז פאַר אָלעקן אַ דערמוטיקונג אין זיין האַלטן זיך צווישן די וואָלגע־דייטשן.

די זיעמליאַנקע אין פעלד איז פריי, אויך דער געצעלט אָלעקס און משהס איז גאַנץ, דאָך וויל אָלעק בלייבן נעכטיקן אין דער קאָלכאָז־באַזע. ער וויל נאָך רעדן מיטן פאָרל סאָלאָמאָן, צי זיי בלייבן ביי בויקאָ אין זיין כאַטע. עס איז נישטאָ צו קלויבן זיך אַ נאַכט־געלעגער, בלייבט צו שלאָפן אין קאַנטאָר.

דעם פּרעדסעדאַטעלס רוף אָנצוהייבן דעם ברויטשניט, איז דערווייל נאָר אַ ווונטש. דער קאָמביין, וואָס די טעכנישע וואַרשטאַטן דאַרפן אויס־לייען, איז נאָך נישט אויסרעמאָנטירט. דייעד סוואָסלאָוו איז צופרידן וואָס זיין מיינונג אָפּצולייגן דעם ברויטשניט איז אָנערקענט דורך דעם פּרעד־סעדאַטעל. ער האָט אַנדערע אַרבעט — ק י ז אַ ק.

און דייעד סוואָסלאָוו, אַז מען גיט אים געדערכט אין זיין דעה, גורט ער זיך אָן מיט מער מוט. אַפילו ווען ער קאָן זיך באַהעלפן מיט אַנדערע, נוצט ער זיין כוח. האָט ער באַשטימט מאַכן קיזאַק, לויפט ער אַרום איבערן קאָלכאָז, קלאַפּט אין אַלע פענצטער, וועקט, רופט די כאַזאַיקעס, די מיידן, די ייִנגלעך צו דער אַרבעט — מאַכן קיזאַק־ציגל.

קיזאַק־ציגל איז אַ צוזאַמענשטעל פון שטאַלמיסט מיט שטרוי. נישט קיין פרישע שטרוי. צו ערשט נעמט מען אַרויס שטאַלמיסט און מען צע־שפּרייט עס איבערן פּלעצל. דאָס איז די ערשטע שיכט. אויף אָט דעם

שיכט ווערט צעוואָרפן אַ שיכט שטרוי און דאָס ווערט ווידער געדעקט מיט שטאַלמיסט. דאַן קומען די יינגלעך רייטנדיק אויף פערד און לאַנגזאַם טרעטן די פערד איין די מאַסע, ביז דאָס איז שוין גוט דורכגעוואָרפן אין איין געמויזעכץ. אָבער מען דאַרף עס נאָך איינקנעטן, פירן די יינגלעך אַראָפּ די פערד, ס׳קומען די קאָלכאָזניקעס, און מיט באָרוועסע פיס טאָפּ־טשען זיי אין דעם געמויזעכץ עטלעכע צענדליק מאָל, ביז עס ווערט אַ מאַסע צום פרעסן און איז שוין ווערט דעם נאָמען — קיזאַק. עס ווערן אויסגעלייגט ציגל־פאָרמיקע רעמלעך און מען פילט זיי אָן מיט דער מאַסע. ביז די לעצטע רעמלעך ווערן אָנגעפילט, איז די מאַסע אין די ערשטע רעמלעך שוין אַ ביסל שטייף, נעמט מען אָוועק די רעמלעך און מען פילט זיי ווידער אָן מיט דער מאַסע. אַזוי חזרט זיך די אַרבעט איבער ביז זונפאַרגאַנג. אויף צו מאָרגנס ווערן די שטייפע קיזאַק־ציגל איינגעסדרט אין שטויסן צו טריקענען אונטער דער זון, און ווידער הייבט מען אָן מאַכן דעם קיזאַק אין אָנגענומענעם פּראָצעס. אויך אָלעק און די חברים אַרבעטן צו גלייך מיט די כאָזאַיקעס, אָבער זיי קאָנען נישט אויסהאַלטן ס׳טרעטן אין געמויזעכץ. דער שטרוי שטעכט זיי אין די פּיאַטעס, אַז די אויגן ווערן פול מיט טרערן. זיי ווילן דאָך נישט ווייזן זייער פּיין פאַר די כאָזאַיקעס, באַצווינגען זיי זיך נישט אָפּצושטיין, אָבער זייער טרעטן קומט אויס, ווי אויף הייסע קוילן. די קאָלכאָזניצעס לאַכן און האַלטן זיך פאַר די באָקעס. אָלעק רעדט זיך איבער מיט משהן און די חברים — נישט אָפּצושטיין און איבערשטייגן די כאָזאַיקעס אין זייער געלעכטער.

פלוצלינג שפרינגט אַבוש אָוועק — ער קאָן שוין נישט מער.

— פּראָקורקאַ! — דערקלערט ער זיך.

די פולפלײשיקע סאָפּיאַ, וואָס איז תמיד דרייסט צו זאָגן מיט דער צונג וואָס אויף דער לונג, פאַרדריסט אויף אבושס רויכערן. זי רופט אין איר דייטש:

— ווען אַלע מאַכן, איז גוט דעם פוילער צו לאַכן!...

אויף סאָפּיאַס אָנרופן אַבושן — פוילער, לויפט אָלעק, משה, איציק און סעוועק אָוועק פון טרעטן דעם קיזאַק. אויך זיי דערקלערן:

— פּראָקורקאַ!

סאָפּיאַ בלייבט דאָך נישט געפּלעפּט. זי צעשרייט זיך:

— צו קוקן איז אָנגענעמער ווי צו קניקן!...

קומט דיעד סוואָסלאָוו, דער בריגאַדיר:

— ווי געשיקט זיך „יופּניצעס" זאָלן זיין אויסהאַלטעוודיקער ווי מאַנצ־פאַרשווינען!

אַלעק און אַבוש הייבן אויף די פיס — זע, ביז בלוט צעשטאָכן!

דיעד סוואָסלאָוו ווישט זיך די וואָנצעס. ער ווייסט, אַז די פּאַליאַקן זענען עקשנים. די פיס זענען זיי מיאוס צעשטאָכן. ער קאָן נישט צווינגען זיי צו דער אַרבעט, מאָרגן בלייבט ער אָן אַ מאַנצפאַרשוין. ער גייט צו צו סאָפּיאַ. ער ווייזט איר אויף דער האַנט אַ צייכן — נאָך אַ האַלבן אַר־בעטסטאָג פאַר איר שווייגן.

ביז שפּעט אין אָוונט איז דיעד סוואָסלאָוו מיט אַלעקן און די חברים, כדי צו דערמוטיקן זיי. ער דערקלערט די נוצלעכקייט פון קיזאַק.

— די צאָל קיזאַק־בלאָקן ווערט צעטיילט לויט די אַרבעטסטעג. נישטאָ קיין „גאָספּאָדסטאָווקע" פון קיזאַק. ריינער ריווח. מיט קיזאַק־בלאָקן בויט מען אַ כאַטע. צו ברענגען ליים־ציגל, וואָלט דאָס ברויט פון גערעטעניש נישט געסטייעט. קיזאַק איז אויך אַ גוטער ברענשטאָף צום קאָכן, צום הייצן דעם קעסל אין באָד. ווי מיאוס ס'איז די אַרבעט ביי קיזאַק, זאָגט זיך דאָך קיין קאָלכאָז־מיטגליד נישט אָפּ, ווייל דאָס איז פאַר אים — אין גאַנצן פאַר אים...

צו דער מאָרגנדיקער אַרבעט ביים קיזאַק שטעלט ער שוין נישט אַלעקן און די חברים צום טאָפּטשען אין געמויזעכץ, נאָר צום אַרויספירן דאָס מיסט פון דער שטאַל און עס צעוואַרפן איבערן פּלעצל. ער האָט צוגעטראַכט אַן אויסרייד — נישט מחמת זיי טויגן נישט צו דער אַרבעט, נייערט די קאָלכאָזניצעס זענען נישט מסוגל צו דעם:

— „יופּניצעס" פאַרגיסן מער ווי זיי נעמען אויף — דערקלערט דער דיעד און ווישט זיך די וואָנצעס אין הנאה פון זיינע ווערטלעך. ער האָט נאָך וואָס צו זאָגן, אָבער ער שיט נישט אויס אַלץ אויף איין מאָל. ער גיט זיי נאָר אָנצוגעהערן, אַז ס'פּאַרפּאָלק סאָלאָמאָן איז מסכים צו אַרבעטן מיט זיי.

*

דאָס פּאָרפּאָלק סאָלאָמאָן אַרבעט, און דאָך גייט נאָך אָן אַ דינגעניש צווישן בויקאָ און איוואַנען. בויקאָ וויל נישט האַלטן דאָס פּאָרפּאָלק אין זיין כאַטע. איוואַן האַלט, אַז אַלע אָנגעשלאָסענע אין דער קאָלכאָז־ווירט־שאַפט האָבן רעכט אויף אַלעם וואָס ס׳געהערט דער ווירטשאַפט. צי דאָס פּאָרפּאָלק בלייבט ביי בויקאָן, צי נישט, איז גריגאָרין צו אַנטשיידן.

גריגאָרי, דער פּרעדסעדאַטעל, איז שוין דאָ צוריק פון סעלסאָוויעט — דאָס פּאָרפּאָלק בלייבט אין קאָלכאָז אָן קיין ענדערונג.

בויקאָ באַשטייט נישט. ער שאָקלט מיטן קאָפּ ווי צו זאָגן: — כ׳ווייס שוין וואָס כ׳דאַרף טאָן...

אין אָוונט זעצן זיך די יינגלעך אַוועק הינטערן פענצטער פון די סאָלאָמאָנס און זינגען. זיי קאָנען נישט זינגען, ריטשען זיי. אויך דאָס איז צו אומעטיק, נעמען זיי זיך וואַרפן מיט אַ באַלעם. איין מאָל פאַלט דער באַלעם אַריין דורכן פענצטער אויפן בעט פון דער פרוי סאָניע. מיינט סאָלאָמאָן אַז אַ צופאַל, נעמט ער דעם באַלעם און גיט אים צוריק האַנזלען. די יינגלעך פאַרפירן צווישן זיך אַ קריגעריי, אַ שפּאַרעניש — צי אַ באָק מוז זיין מיט אַ באָרד. זיי שטייגן זיך איבער איינער דעם אַנדערן מיט טומלען און זידלען זיך. כאַפּט זיך שוין סאָלאָמאָן, אַז זיי טוען דאָס מיט כוונה, בעט ער זיך ביי זיי — קינדער! נאָך פאַרן אויפשטיין פון דער זון איז די צייט פון אַרבעט, און איר לאָזט נישט שלאָפן, און פאַר אייך איז דאָך אויך צייט צו שלאָפן! אָבער זיי מאַכן זיך נישט הערן, שטייען נישט אָפּ און שרייען און רופן, און חוזקן איינער פון דעם אַנדערן מיט פרעכע ווערטער. סאָלאָמאָן שטייט אומבאַהאָלפן, ווי אַזוי דאָך אַוועקצוטרייבן די יינגלעך. ער נעמט די שעפּ מיט וואַסער און גיסט אַרויס דורכן פענצטער. די יינגלעך הייבן אויף אַ געוואַלד — זיי יאָמערן ווי קעץ. האַנזעל לויפט און קומט צוריק מיט דער מאַמען. די פולפליישיקע סאָפיאַ צעשרייט זיך מיט איר הייזעריקער שטים: „עלטערע מענטשן גיסן הייסע וואַסער אויף קינדער״! סאָלאָמאָן ווייזט, אַז ער האָט נישט קיין פייער אין אייוועלע. ער האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ ביסל קאַלט וואַסער און נישט אויף די קינדער,

נאָר זיי אָפּצושרעקן, זיי זאָלן אָפּשטיין. אויב די קינדער זענען איבער־געשראָקן, האָט ער חרטה און בעט זיי זאָלן אים מוחל זיין.

סאָפיאַ כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ, ברומט ווי אַ קו און לויפט אַ צעווילדע־וועטע איבערן שליאַך — אַלע קאָלכאָזניצעס זאָלן הערן.

קומט גריגאָרי, רופט געלאַסן די יינגלעך, טאַפּט זייערע קעפּלעך, די העמדלעך — אַלץ איז טרוקן, קיין שפּאַר נישט פון וואַסער, אָבער ער זאָגט נישט קיין וואָרט. ער גייט צו צו סאָפיאַ, ער גיט איר אַ פּליאַסק אין הינטן, אַז סאָפיאַ קוויטשעט, ווי אַן אָפּגעבריט חזיר.

דערהערט האַנזעל די מאַמע קוויטשעט, קומט ער צו לויפן, איז גרי־גאָרי אויך אים מכבד מיט אַ פּליאַסק אין הינטן און הייסט אים שטיל זיין. סאָפיאַ איז אַ ביסל פאַרשעמט, יאָגט זי איר האַנזלען צו גיין שלאָפן, און זי וויל ווייזן איר תקיפות קעגן דעם פּרעדסעדאַטעל. זי וואַרט ביז גריגאָ־רי גייט אַוועק, אַז ער איז שוין ווייט פון איר, שפּייט זי אויס אַ פול מויל שפּייעכץ, מיט אַ קלאַנג, אַז גריגאָרי זאָל הערן. איר בייז אויג קוקט נאָך צו דער כאַטע פון פאָרפּאָלק סאָלאָמאָן. עפּעס האָט זי פאַרטראַכט.

*

נאַדיאַ די לעבינגראַדערין האָט צוגעגרייט וואַרעניקעס געפילט מיט קאַרטאָפל און ריישעכץ. היינט איז איר געבוירן־טאָג. זי ברענגט אַ שפּאָר ביסל פאַר אַלעקן און משהן מיט די חברים, וואָס זענען געבליבן אויף נאַכטלעגער אין קאַנטאָר. זי וויל מען זאָל איר ווינטשן בקרוב צו זיין צוריק אין לעבינגראַד. מען מעג זיך קושן מיט איר, מיינען מיינט זי דער עיקר אַלעקן, וועלכער דערמאָנט זי אין ניאָמקען, אָבער צום קושן כאַפּן זיך אַלע. זי שטייט מיט פאַרמאַכטע אויגן. פון די קושן פאַלט דער ראָזע־ווער פּודער פון אירע מאָגערע בעקלעך און איר ברוסט הייבט זיך אין האַסטיקן עטעמען. ווי שמאַל עס איז די באַנק, מאַכן זיי דאָך אַן אָרט פאַר איר זיך צו זעצן.

— ווילסט זיין אין לעבינגראַד? — פרעגט זי אַלעקן.

— מיט דיר? אַפילו שוין — זאָגט אַלעק.

נאַדיאַן געפעלט אַלעקס שנעלע הסכמה. אין אירע מאַגערע בעקלעך טיפן זיך חן־גריבלעך:

— וועל איך הײַנט האָבן זיסע חלומות — זאָגט זי און גיט אַ ווונק צו אַלעקן צו באַגלייטן זי.

דאָס שטיפן פון האַנזלען הינטער סאַלאָמאָנס פענצטער לאָזט אַלעקן נישט שלאָפן. סאָפיאַ איז אַ דײַטשקע. ער איז נישט זיכער צי נישט פון די נאַצי־דײַטשן. האַנזעל פאַרמאָגט אירע אייגנשאַפטן. ער דערמאָנט זיך אין האַנזעלס רוגז צו משהן. ער איז אויך נישט זיכער צי די אַנדערע דײַטשקעס דאָ אין קאַלכאָז זענען נישט ווי סאָפיאַ. ער באַדויערט וואָס ער איז נישט מיט סאַלאָמאָנען. ער איז גרייט צוצולויפן זען צי סאַלאָמאָן און סאָניע זענען דאָ, צי זענען זיי נישט אין שרעק. אפשר דאַרפן זיי זײַן הילף.

אין מיטן נאַכט וועקט אויף אַלעקן אַ גערודער אין דרויסן. ער שפּרינגט אַרויס. אַ קרענצל כאַזאַיקעס רעדן זיך אויס די שרעק. דיעד סוואָסלאָוו, איוואַן, בויקאָ און דער פּרעדסעדאַטעל רעדן אויפגערעגט — בויקאָס כאַטע איז שיִער נישט פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ פייער. אַ גליִען־דיק שטיק קיזאַק פאַרוויקלט אין אַ ראָגאָזשע און פאַרלייגט מיט אַ קופּע שטרוי איז דאָרט אונטערגעלייגט געוואָרן. נישט אַנדערש, אַז דאָס האָט סאַלאָמאָן געטאָן. סאַלאָמאָן שווערט זיך ביי די קינדער — זיי זאָלן אַזוי געזונטע צוריקקומען פון פראָנט — אַז ער האָט כלל נישט גענוצט קיין פייער.

— איז ווער האָט געוואָלט אַ שריפה? — פרעגט איוואַן.

— אַלע יאָרן איז נישט געווען אַזאַ פאַל, נאָר איצט מיט סאַלאָמאָנס קומען — רעדט בויקאָ.

— זאָל גריגאָרי דאָס פאַרשטעלן אין סעלסאָוויעט — רופט זיך אָפּ דיעד סוואָסלאָוו

— און איך זאָג, אַז סאַלאָמאָן האָט דעם גליִענדיקן קיזאַק נישט אונ־טערגעלייגט! — רופט גריגאָרי אין אַ בייזן טאָן.

— נאָר ווער? — פרעגט איוואַן.

— דו האָסט דערפאַרונג, פאַרש! — וואַרפט גריגאָרי אים צו.

*

באַגינען, ס'זענען נאָך נישט אויסגעלאָשן די שטערן אין הימל, און שוין ווידער אַ גערודער אויפן הויף. אַ קריגעריי צווישן דיעד סוואָסלאָוו און איוואַנען. איוואַן וויל דורכויס נעמען דעם שוואַרצן אָגער צום פאָרן אין ראַיאָן מיטן פּאַרפּאַלק, סאַלאָמאָן און סאָניע. סוואָסלאָוו האַלט, אַז צו דער נסיעה זענען גענוג די אָקסן.

ווען אַלעק און די חברים דערהערן, אַז סאַלאָמאָן ווערט צוריקגע־שיקט אין ראַיאָן צום סעלסאָוויעט, באַשליסט אַלעק זיך קעגנצושטעלן דעם פאָרן. איוואַן זאָגט, אַז ער פרעגט נישט אַלעקס דעה. אַלעק און די חברים שטעלן זיך לעבן דער פור — זיי פאָרן מיט! — דערקלערט אַלעק.

איוואַן באַשטייט צו נעמען אויך אַלעקן. ער מוז אָבער האָבן אַ גרע־סערן וואָגן מיט צוויי פערד. הינקענדיק, אָן צו העלפן זיך מיטן שטעקן, טשלאָפּעט ער זיך צו צו דיעד סוואָסלאָוו און בעט אַ דערלויבעניש צו נעמען צוויי פערד. דיעד סוואָסלאָוו דערהערט וואָס איוואַן וויל, כאַפּט ער זיך פאַרן קאָפּ:

— דו ווייזסט זיי דעם וועג צו אַנטלויפן! די פּאַליאַקן וועלן נישט צוריקקומען! דו רייסט אַוועק פון קאָלכאָז דעם אַרבעטס־כּוח! — שרייט דער דיעד און שטופּט אים די געפּויסטע הענט אין פּנים. ער לויפט צום פּרעדסעדאַטעל און באַלד קומט ער צוריק מיט גריגאָרין צו דער פור, ווו ס'שטייען אַלעק און די חברים.

— וו'טשאָם דיעלאָ? — פרעגט ער.

— מיר ווילן זיין מיט סאַלאָמאָן אין סעלסאָוויעט — דערקלערט אַלעק אין נאָמען פון אַלע.

גריגאָרי קוקט דעם דיעד אין פּנים אַריין. דעם דיעדס אויגן רעדן — „נישט באַשטיין". גריגאָרי זאָגט נישט קיין וואָרט, ער קערט זיך אָפּ און גייט צו בויקאָ.

דער הימל איז שוין אָפּגעווישט פון נאַכט און בלאָ. צויטנדיקע וואָלקנס וואַלגערן זיך אין ווייטן האָריזאָנט. כאַזאַיקעס טראָגן קאַנען מילך צו דער צענטריפוגע־מאַשין. זיי ווייסן אין וואָס פאַר אַ שליחות איוואַן פאָרט און זיי ווינטשן אים הצלחה.

סאָלאָמאָן און סאָניע וואַרטן פאַר דער כאַטע. איוואַן דאַרף זיי אויפ־נעמען בעתן פאַרבייפאָרן. אַלעק און די חברים זעצן זיך אַריין אין וואָגן. איוואַן פירט שוין דאָס צווייטע פערד צום איינשפּאַנען. פון קאַנטאָר קומט אַרויס גריגאָרי און דיעד סוואָסלאָוו.ביידע קומען זיי צו צום וואָגן:

— קינדער! — ווענדט זיך גריגאָרי צו אַלעקן און די חברים — וואָס ווילט איר וויסן אין סעלסאָוויעט?

— גאָרנישט.

— איז צו וואָס פאָרן?

— סאָלאָמאָן האָט נישט אָנגעצונדן קיין פייער — דערקלערט אַלעק.

— בויקאָ שווערט, אַז ער האָט געזען.

אַלעק וויל נישט זאָגן, אַז ס׳איז אַ ליגן, אויסגעטראַכט.

— געזען, אַ קו איז געפלויגן איבערן דאַך — זאָגט ער.

מיט אַ מאָל דערהערט זיך אַ געשריי פון הינטער די כאַטקעס:

— זשדאַט! (וואַרטן).

ס׳באַווייזט זיך בויקאָ. ער לויפט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם און סאָפּעט. ער פאַלט צו צו גריגאָרין. ער הייבט די הענט ווי אין געבעט — „נישט פאָרן, נישט פאָרן!“ — ס׳איז אים אָקערשט קלאָר געוואָרן די ביינאַכטיקע געשעעניש: ער גייט טאָן אַ מענטשלעכע באַדערפעניש און עפּעס ווי אַ שפּרונג פון אַ קאַץ קומט אים פאַר די אויגן. די געשטאַלט איז האַנזעל. ער קומט אָקערשט פון פאַרשן דעם האַנזלען. ער לייקנט נישט. ער האָט אונ־טערגעלייגט דעם גליִענדיקן שטיק קיזאַק. סאָפיאַ, די מאַמע זיינע, האָט אים געשיקט. ער בעט אַלע צוגיין מיט אים און בעטן מחילה ביי דעם פאַרפאַלק סאָלאָמאָן און סאָניע...

אין געלאַסנקייט פאָרט אָן פאָרן קאַנטאָר אַ וועגעלע, וואָס מיט צוויי פערד איינגעשפּאַנט. אויפן וועגעלע זיצן צוויי פרויען מיט צוויי קינדער. ווידער מיט אַן אָנווייזונג פון סעלסאָוויעט אין ראַיאָן. קאָלכאָזניצעס קומען, רינגלען אַרום די געקומענע, ווי זיי וואָלטן פאַרשטעלט דעם וועג פון אויסשטייגן.

# אָלגאַ מאַטוועיעוונאַ

הויך און שלאַנק איז אָלגאַ, העל און ליכטיק איז איר פּנים, רויט־פלאַמיק איז איר קאָפּ האָר און די עקן זענען איינגעדרייט אין אַ קעקסל, וואָס ליגט איר אויפן קאַרק ווי אַ קנאָפּ. זי האָט בלאָע, ריינע אויגן און די ברעמען צוגעשמירט אין האַלבע בויגנס, ציִען זיך אַראָפּ ביי די שלייפן.

אָלגאַ מאַטוועיעוונאַ קומט פון לענינגראַד — אַן עוואַקויִרטע מיט צוויי פּיצלעך קינדער — אַ צווילינג, און איר מאַמע. זי איז פון פאַך אַ בוכהאַלטערין. זי האָט דאָ צו פירן די בוכהאַלטעריע־ביכער פון קאָלכאָז. זי איז נישט סתם אַ בירגערין, נאָר אַ פרוי פון אַן אָפיציר, אינזשעניר־מעכאַניקער אין דער טאַנקען־איינהייט. אַזוי איז געשריבן אין בריוו פון סעלסאָוויעט צום פּרעדסעדאַטעל גריגאָרי. די פּאָר שורות רעדן ווי אַ פאָדערונג אויף דרך־ארץ.

אָלגאַ מאַטוועיעוונאַ האָט נישט קיין גרויסן באַגאַזש — צוויי קוישלעך, נישט פון קיין גרויסן פאַרנעם. זי מוז נישט האָבן קיין גרויסע דירה, אָבער מיט צוויי קינדער און אַ מוטער — דאַרף זי מער ווי איין צימער. דער פּרעדסעדאַטעל קען אַלע כאַטקעס אין קאָלכאָז און ער געפינט נישט אַזאַ געראַמע אָרט. דאָך שיקט ער איוואַנען פרעגן ביי קאָלכאָזניצעס, צי קאָן ווער פון זיי אַריינעמען אָלגאַ מאַטוועיעוונאַ מיט דער משפּחה. קומט איוואַן צוריק — ער געפינט נישט. איז גריגאָרי זיך אַליין מטריח. ער איז אַזוי איבערגענומען מיט דעם ענין, אַז ער איז אַזש גרייט צו צעוואַרפן די טעכטער זיינע צווישן די קאָלכאָזניצעס און אָלגאַ מאַטוועיעוונאַ אַריינעמען צו זיך אין זיין כאַטע.

— דומהייט! — שרייט אים בערטאַ אין פּנים, און אין דער זייט, ווי צו זיך — געפאַלן אים אין אויג אַ פרישׁ ווייבל.

גריגאָרי וויל דאָך וויזן, אַז ער איז אַ פּרעדסעדאַטעל, באַשליסט ער — אַלעקן און די חברים אַרויסצונעמען פון קאָנטאַר און זיי איבערפירן אין דער זיעמליאַנקע, סיי ווי מוז מען אָנהייבן דעם ברויטשניט, און אויף זייער אָרט איינקוואַרטירן אַלגאַן מיט דער משפחה.

אַלגאַ מאַטוועיעווגאַ איז אַ באַשיידענע. זי איז אָריענטירט אין מצב און האָט נישט קיין גרויסע פּאָדערונגען. זי ווייסט, אַז איר זיין דאָ איז צייטווייליק און זי איז מסכּים אויף יעדן פּאָרשלאַג. גריגאָרי איז אָבער נאָך נישט זיכער, צי אַלעק און די חברים נעמען אָן זיין פּראָיעקט, און ער גיט דאָס איבער דעם דיעד סוואָסלאָוו דורכצופירן. מאַכט זיך גראָד — עס קומט אַ ידיעה פון די טעכנישע וואַרשטאַטן, אַז דער קאָמביין איז אין וועג צו די פעלדער פון קאָלכאָז. די בשורה העלפט סוואָסלאָוון איבער־צופירן אַלעקן און די חברים אין דער זיעמליאַנקע און ער דאַרף זיך נישט פאַרענטפערן אויף דער ענדערונג. ער רופט אַלע קאָלכאָזניצעס צום אָנהייבן דעם ברויטשניט.

אַלעק און די חברים פאָרן די ערשטע אַרויס אין פעלד. אויף דער נאַכט קומט דער גאַנצער צוזאַמענשטעל פון דער בריגאַדע: די טראַקטאָ־ריסטינס, די לאָבאָגרעיקע־פירערינס און אַגגיס די קעכין. די זיעמליאַנקע איז פול. די מיידן האָבן חזקה צו ליגן אויף די פּריטשעס. אַלעק און משה האָבן נאָך זייער געצעלט אין פעלד, נאָר פאַר די חברים איז נישטאָ קיין ווינקל. דיעד סוואָסלאָוו שרייט — עס מוז זיין אַן אָרט פאַר די דריי!

— פאַר די יינגלעך וואָלט געווען? — פרעגט ער.

— יאָ! — ענטפערן די מיידן.

פעדאָראַ זאָגט, אַז זי האָט נישט קיין מורא, זי קאָן ליגן צווישן קאַ־וואַלירן. נאָר איין אַבוש איז מסכּים. און ווי ער ציט זיך אויס אויפן געלע־גער, פאַלט ער אַריין אין אַ האַרטן שלאָף. ער כראָפּעט מיט אַן אָפן מויל, און ציט איין דאָס כראָפּען מיט דער נאָז. ער שפּילט אויף צוויי אינסטרו־מענטן. די מיידן קאָנען נישט שלאָפן און וויקלען זיך ווי די ווערעם. זיי ציִען זיך אַראָפּ פון די פּריטשעס, שלעפּן אַראָפּ פעדאָראַן — זיי שלאָפן נישט, זאָל אויך זי, פעדאָראַ, פילן דעם טעם — און זיי לויפן אַרויס פון דער זיעמליאַנקע. זיי שפּרינגען און שרייען, ווי אין עפּעס אַ שדים־טאַנץ.

אָלעק און משה וועקן זיך. זיי גייען אַרויס פון געצעלט. און זיי דערהערן די סיבה פאַר וואָס די מיידן זענען אין דרויסן, שלעפן זיי אַרויס סטוועקן און איציקן און גייען שלאָפן אין דער זיעמליאַנקע.

באַגינען, ווען אַגניס גרייט די געקעכצן, זאָגט זי, אַז פעדאָראַ כראָפּעט נישט ווייניקער ווי אַבוש, און אַבוש זאָגט, אַז צוליב פעדאָראַס כראָפּען איז ער נישט געשלאָפן, האָט ער געמאַכט זיך כראָפּען, אַז פעדאָראַ זאָל אַנטלויפן. די מיידן ווילן נישט פאַרשעמען פעדאָראַן און זיי שווייגן. די טראַקטאָריסטינס מיט די געהילפן צעלויפן זיך אין פעלד צו דער אַרבעט. די לאַבאָגרעיקע־פּירערינס וואַרטן אויף די יינגלעך, זיי זאָלן ברענגען די פערד. ווי נאָר ס׳קומען אָן די פערד, ווערן זיי איינגעשפּאַנט אין די לאַבאָ־גרעיקעס און די פּירערינס פאָרן אַרויס אין פעלד צום ברויטשניט. דיעד סוואָסלאָוו קומט מיט אַ כאַפּטע כאַזאַיקעס צו אַרבעטן ביים קאָמביין — און דאָס פעלד ווערט פאַרפלייצט פון רעש, זשומעריי און געשרייען.

די בוכהאַלטערשע אָלגאַ מאַטוועיעוונאַ איז שוין אינפאָרמירט וועגן דער אַרבעט פון דער בריגאַדע. זי האַלט אָבער, אַז זי מוז זיך באַקענען מיט דעם פערזענלעך: זי מוז זיין אין פעלד, זען די אַרבעט פון קאָמביין, פון די לאַבאָגרעיקעס.

ביי אָלגאַ איז געזאָגט און געטאָן. מאַרטאַ, די אויפזעערין אין שטאַל, שפּאַנט פאַר איר איין דעם שוואַרצן אָגער אין דער צווייעדער־בריטשקע. אין האַלטן לייצעס איז אָלגאַ געניט. זי מוז נישט האָבן קיין אַנטרייבער.

— דער אָגער איז אַ שד! — וואָרנט איר מאַרטאַ — בפרט אין הענט, וואָס ער קען נישט — דערקלערט זי איר.

ביי אָלגאַ מאַטוועיעוונאַ איז יעדער איינשטעל פאַרבונדן מיט עקשנות און סאַטיספאַקציע. אָבער וויפל זי זאָל נישט זיכער זיין אין פירן אַ פערד, איז זי איצט דאָך אין שרעק, בלויז פון הערן, אַז דער שוואַרצער אָגער איז אַ ווילדער שד. זי פאַרט און לאָזט אים לויפן אָן צו צוימען. ווען זי קומט צו צו דער זיעמליאַנקע האַלט זי איין דעם אָגער און לאַכט הויך, ווי זי וואָלט דערגרייכט אַ נצחון. אין דער זיעמליאַנקע איז בלויז איין אַגניס. זי איז פאַרטאָן ביי די טעפלעך און הערט נישט.

אַלעקביים שלייפשטיין הערט ס׳געלעכטער, אָבער ער שטעלט זיך נישט פאַר, אַז דאָס איז די בוכהאַלטערשע אָלגאַ. ער מיינט, אַז דאָס איז געקומען די אַגראָנאָמקע, כדי צו נעמען אים צו איר טאַטן. ער לייגט אַוועק די קאָסע אין מיטן שלייפן. און ווען ער דערנעענטערט זיך צו דער זיעמליאַנקע, דערהערט ער, אַז דאָס איז די שטים פון אָלגאַ. ער דערזעט די רויטפלאַמיקע האָר אירע. זי גייט אים אַנטקעגן. ער דערפילט עפּעס ווי אַ ציפּ אין האַרצן: צי נישט אַ ידיעה פאַר אים?

— ווער ביסטו? — פרעגט זי ביי אים און לאַכט.

אַלעקן איז אַ ווונדער איר פרעגן. זי זעט דאָך זיינע באַריכטן איבער דער קיך־ווירטשאַפט. ער איז באַרוישט פון דער הייטערקייט אין איר טאָן. ער זאָגט זיין ערשטן נאָמען.

— דער נאָמען סאַשאַ איז מיר מער צום האַרצן — זאָגט אָלגאַ ווי צו זיך און וואַרפט קאָקעטיש מיטן קאָפּ.

— כ׳באַשטיי צו רופן מיך סאַשאַ, אַבי צו זיין אייך צום האַרצן — זאָגט אַלעק דרייסט.

— דו כאַפּסט צו שנעל — זאָגט אָלגאַ און לאַכט.

— צו זיין צום האַרצן איז וויכטיק נישט צו פאַרשפּעטיקן.

— ווו איז דער „ראַבאָטשי נאַראָד״? — פרעגט אָלגאַ.

אַלעק פאַרשטייט איר הלצה „ראַבאָטשי נאַראָד״. צי וויל זי ער זאָל זי צופירן? — פרעגט ער.

— דו דאַרפסט אַרבעטן! — זאָגט זי און אירע אויגן לאַכן — איך קאָן גיין לויט דעם געוויש פון די טראַקטאָרס — דערקלערט זי אין ערנסט, אָבער זי איז דאָך מסכים ער זאָל זי צופירן. מיט אַ מאָל פרעגט זי:

— דו ביסט פון פוילן?

— יאָ, פון פוילן.

— געווען פאַרשיקט אין אַן אַרבעטסלאַגער?

— יאָ, געווען.

— די נייע וועלט דאָ איז דיר נישט געפעלן. ביסט געשטאַנען אין אָטשערעד נאָך צוקער און געקריגן פאַסטאַ צו שיך, אָדער דאָס אויך

נישט. זעסט, איך ווייס! — רופט זי אויס און אין האַלדז קייקלט זיך איר געלעכטער.

— ווער האָט דאָס אייך אַזוי גענוי אינפאָרמירט? — פרעגט אָלעק געלאַסן.

— סאַשקאַ, מיין שוואָגער. ער איז געווען אין די געביטן.

— אַ שוואָגער, אַ ייד?

— סאַשקאַ איז דער בעסטער מאַן צווישןביידע שוואָגערס מיינע. ער איז שיין און קלוג. ער איז דער ליבסטער אין אונדזער משפחה.

— אייער סאַשאַ איז „ריינער זייד", אַזוי צו זאָגן, נאָר דער אמת איז ווי אַ טייגל אין באַקאויוון — אַ מאָל שיבט מען עס אַרויס שוין צוגעברענט...

אָלגאַ מאַטוועיעוונאַ לאַכט מיט אַ פול מויל. און גייענדיק דערציילט זי וועגן איר שוואָגער סאַשאַ, ווי ערלעך ער איז צו איר שוועסטער וויעראַ. אַז דעם לוין גיט ער איבער וויעראַן און זי טיילט אים צו וויפל ער דאַרף אויף פּאַפּיראָסן. ער איז אַ פריילעכער. ער לערנט וויעראַן יידיש רעדן. אויך זי קען שוין זאָגן: איך האָב דיך ליב, קוש מיך שטאַרק. זיינע באַליבסטע שרייבער: גאָגאָל און שלום עליכם. זי קען צוויי לידער: „אויפן פּריפּעטשיק" און „הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן"...

פון פעלד דערטראָגן זיך געשרייען און רופערייען פון די לאַבאָגרעיקע־פּירערינס. זיי פאָרן צו דער זיעמליאַנקע. ס'איז מיטאָג־צייט און אויך אָלגאַ קערט זיך צוריק. זי וויל זיין לעבן טיש פריִער פון די לאַבאָגרעיקע־פּירערינס.

ביים טיש זיצט שוין דיעד סוואָסלאָוו. ער בעט אָלגאַ זאָל זיך זעצן לעבן אים. ער האָט דאגות — נישט צופרידן פון דעם קאָמביין און וויל אָלגאַס דעה, צי זאָל ער צופאָרן אין די וואַרשטאַטן? די לאַבאָגרעיקע־פּירערינס קומען צוזאַמען מיט די טראַקטאָריסטינס און די העלפערס אויפן קאָמביין, אַלע זענען זיי מיט פאַרשטויבטע, פאַרריסטע פּנימער. אַגניס, ווי שווער ס'איז איר מיטן קורצן פּיסל, שטייט נישט אָפּ אין געאיילעניש צו דערלאַנגען יעדערן אַ שיסעלע זופּ, אין דעם די 100 גראַם פלייש, און דאָס פּענעצל ברויט, כדי פון איר זייט זאָל זי זיי נישט זיין קיין שטער צו מאַכן

די נאָרמע... און וואָס מער נאָרמע, מער אַרבעטסטעג. אַלגאַן געפעלט זייער איילן זיך אָפּצוועסן און באַלד צוריקלויפן צו דער אַרבעט. זי וועט דאָס באַריכטן אין סעלסאָוויעט — זאָגט זי און איר ליכטיק פּנים שיינט אין לוסטיקייט. זי רעדט מיט איר שטאָטישער נאַדיאַ, וואָס אַרבעט אין הענ־טשקעס, אַז אויך דאָס ווייזט ווי געטריי זי איז צו דערגרייכן דערפאָלג אין דעם ברויטשניט.

צוריק פאָרט מיט אַלגאַן דער דיעד. ער נעמט די לייצעס. פאָרן מיט דעם אָגער, דעם שד, באַרג אַראָפּ, איז אַ סכנה און נישט פאַר אַלגאַן. דיעד סוואָסלאָוו רעדט צום גראָם: „דו ביסט צו שיין פון דער וועלט צו גיין"... אַלגאַ איז גערירט פון דיעדס אויפמערקזאַמקייט און זי כאַפּט אים אַרום, ווי אַ טאַטן. זי שטעלט זיך אין דער בריטשקע און רופט צו אַלעקן, אַז אין אָוונט האָט ער צו קומען צו איר:

—איך וויל וויסן דיין אמת!...

✶

דעם אָוונט גייט נישט אַלעק זיך זעען מיט אַלגאַ. ער איז מיד, אין געצעלט רוט ער. אָבער אין דמיון איז די געשטאַלט אַלגאַ מאַטוועיעוונאַ. איין מאָל זעט ער זי לאַכן, ווי נאָך אַ נצחון, אַ צווייט מאָל, קומט אים אויס איר געלעכטער, ווי סאַרקאַזם, אַ דריט מאָל גלאַנצט איר העל פּנים אין לוסטיקייט. פּלוצלינג טוישט זיך איר אויסזען און די פלאַכע באַקן ווערן ווי אָנגעפּילט פון גאווה און זלזול. עפּעס איז אים נישט קלאָר אַלגאַס פאַר־בעטן אים פאַרצוזעצן דעם שמועס וועגן טעות פון סאַשקאַ, איר שוואָ־גער. וואָס קאָן דער שמועס אים ברענגען? קאָן זי אים דערנענטערן דעם וועג צו זיין היים? ער זעט נישט קיין צוועק אין גיין צו אַלגאַן, אָבער זי איז אַזוי שיין און ליבלעך...

צי ער וויל יאָ, צי נישט — דער מאָרגן שטעלט אים ווידער ביי דעם שלייפשטיין. קיינער קוקט אים נישט נאָך אין זיין אַרבעט. ער האָט נישט קיין נאָרמע אויף אַן אַרבעטסטאָג, און דאָך וויל ער נישט זיין דער גורם פון אָפּשטעלן די לאַבאָגרעיקעס צוליבן פעלן פון אָנגעשאַרפטע קאָסעס.

אויך וויל ער נישט געבן איוואַנען אַ געלעגנהייט צוצוטשעפּען אים דאָס וואָרט „סאַבאָטאַזש".

*

ביים שלייפשטיין ליגן אַ סך קאָסעס צום אָנשלייפן. דער אָוונט איז נאָענט. אָלעק קלערט נישט אַראָפּצופאָרן אין דער קאָלכאָז־באַזע און זיך זען מיט אָלגאַ. ער וויל אָנשלייפן עטלעכע קאָסעס שוין צו דער מאָרגנדי־קער אַרבעט פאַר די לאַבאָגרעיקעס. אָבער דער דיעד וואָרט אויף אים מיט דער בריטשקע, אים מיטצונעמען, אויף אָלגאַס ווונטש נעמט ער אים.

אָלגאַ וווינט אין אַ האַלבן טייל פון דעם קאַנטאָר. די קינדער מיט איר מאַמען זענען איינקוואַרטירט ביי דער כאָזאַיקע מאַרטאַ, די אויפזעערין אין שטאַל. אָלגאַ איז דאָס מאָל נישט אין איר צימער. יעפימאָוואַ די נאַכט־וועכטערין ווייסט, אַז אָלגאַ איז ביי די קינדער. אָלעק איז זיך נאָך אַלץ נישט משער וועגן ציל פון זיין באַזוך. אָלגאַס צימער איז קליין. ער קוקט אויף דעם בעטל און עס דאַכט זיך אים, אַז עס האַלט נישט אויס אָלגאַס לענג. די צוויי שטולן מיט די לייסטלעך־אָנלענען — געזען ביים פּרעדסע־דאַטעל. דאָס ברעט־טישל, דאַכט זיך אים, איז פון עפּעס אַ לאָקשנברעט. אויפן טישל שטייט אַ שפּיגל אָן אַ רעמל, און אַ פאָטאָגראַפיע פון אַ מאַן אין אַן אָפיצירן־מונדיר מיט די צוויי קינדער, אין אַ רעמל פון ניקל. אָלעק איז זיך משער, אַז דער אָפיציר איז אָלגאַס מאַן און אפשר גאָר סאַשקאַ?...
ער זעט זיך אין שפּיגל, און גלייכט זיך די האָר איבער קאָפּשיידל, כדי קלענער צו מאַכן זיך דעם פליך. די עלעקטרישע באַרנע אויפן שטיקל שנור פון סופיט שלאָגט זיך אָפּ מיט אַ שאָטן אויף דער געקאַלכטער וואַנט, ווי עפּעס אַן אָנגעבלאָזענער פּענכער, און אים קומט אין דמיון פאָפאָוו דעם פאָליטרוקס פּנים. ער דערמאָנט זיך אין קאַטיאַ, די פאַרוואַל־טערין פון קאָמסאָמאָל־קלוב.

מיט אַ מאָל, ווי אָפּגעריסן זיך פון עמעצן מיט אַ געלעכטער, קומט אַריין אָלגאַ מאָטוועיעוונאַ. פאַר דער טיר איז נישטאָ קיין שוועל און באַלד מיטן עפענען די טיר איז מען אין צענטער פון צימער. אָלעק וויל זיך

אויפשטעלן צו באַגריסן זי. אָלגאַ לייגט אַרויף איר האַנט אויף זיין אַקסל, כדי אָפּצוהאַלטן אים פון אויפשטעלן זיך. אָלעק דרייט אָן דעם קאָפּ און פרעסט אָפּ אַ קוש אויף איר האַנט.

— דאָס איז סאַשקאַס אַ טריק — זאָגט זי און זעצט זיך, און רעדט ווי אין אַ המשך, אַז ער איז איר געהילף, די באַריכטן זיינע זענען צוזאַמענגעשטעלט פּאַכמעניש און זי וויל אים אָנווייזן ווי אַזוי ממשיך צו זיין.

אָלגאַ רעדט שנעל, אָבער דייטלעך. אָלעקן איז נישט שווער צו אָריענטירן זיך. ער קוקט איר אין מויל. זי האָט קליינע, דראָבנע ציינדלעך און זיי זענען אַלבאַסטער־קלאָר. ער פרעגט:

— האָט סאַשקאַ אייך געזאָגט, אַז אייערע ציינדלעך זענען ווי פּערל?

— יאָ, ער האָט געזאָגט, ווען ער האָט געוואָלט מיר אַ שטאָך טאָן, אַז איך האָב שעפּסענע ציינדלעך — רופט אָלגאַ אויס און פאַררייסט דעם קאָפּ.

— וואָס פאַרא מיספאַרשטענדעניש איז געווען צווישן דיר און איוואַנען? — פרעגט אָלגאַ.

— איך דערמאָן זיך נישט!

אָלגאַ מאַטוועיעוונאַ וויל זיך נישט פאַרפּלאָנטערן אין רכילות, ציט זי זיך צוריק און זאָגט:

— נישט איין מאָל מיינט מען מער ווי ס׳איז — האַלט אָלגאַ אָן איר זאַטן שמייכל. זי דערמאָנט, אַז מיט איר לוין און קאָסטיאַס האָב זיי דאָך נישט באַלאַנסירט די הוצאותן און די הצטרכותן. און כדי צו קויפן שיכלעך פאַר די קינדער, אָפט פאַרקויפט דאָס ברויט.

— אויך פאַר דער מלחמה?

— דאָס לאַנד האָט אַלץ וואָס דו דאַרפסט, נאָר די באַזאָרגונג הינקט. דאָס ציט זיך נאָך פון די ערשטע ווייען פון דער רעוואָלוציע: אַ שוסטער, אַ לאַטוטניק, אַ בעקער־געזעלן זענען געוואָרן קאָמיסאַרן. אויב אין אַ ראַיאָן איז פאַראַן אַ יונגער מענטש מיט בילדונג, איז שוין אַנדערש. כּל־זמן דער אַלטער שימל ווערט נישט אָפּגעווישט, מוז די אַפּראָוויזאַציע הינקען — רופט אויס אָלגאַ און זי עטעמט אָפּ שווער. זי האַלט איר האַנט אויף אָלעקס, כדי ער זאָל נישט אַריין איר אין רעדן. אָלעק פילט

דעם וואַרעמען שטראָם אין איר האַנט. ער זעט, אַז אָלגאַ לעבט מיטן ווירטשאַפט־פּראָבלעם, ער האַלט זיך אָפּ פון זאָגן עפּעס, כדי צו שווינען איר עמפּינדלעכקייט. איר ליכטיק פּנים איז שוין רויק.

— בענקען נאָך גוטס איז תמיד אַ מעלה — זאָגט אָלעק.

— אַ פּרווּ בענקט און אַ מאַן דענקט, איז נישט איינס.

— אמת און גערעכטיקייט דאַרפן זיך פּאָרן, און דאָך זענען זיי זיך ווייט...

— דער ריינער אמת טויג נישט, מען מוז אים צושלייערן.

— ווי עס האָט עס פאַר דיר דיין סאַשקאַ געמאַכט וועגן די פּליטים.

— דו ביסט אייפערזיכטיק! — צעלאַכט זיך אָלגאַ.

— לאַכן איז געזונט, זאָגט אונדזער שלום עליכם.

— יאָ, סאַשקאַ דערמאָנט עס אָפּט בעת מיין לאַכן. זיין באַליבטער שרייבער! — רופט זי אויס, און קלאַפּט זיך אין שטערן, זיך דערמאָנט: סאַשקאַ האָט פאַר איר געלייענט טוביה. איר געפעלט חוהס אַוועקגיין מיט כוועדקען. זי פאַרשטייט נישט די טראַגעדיע. סאַשקאַ איז שטאָלץ מיט וויעראַ, איר שוועסטער, און זיי זענען שטאָלץ מיט סאַשקאַן.

אָלגאַ דערהערט, אַז אַחוץ דער נאַכט־וועכטערין יעפימאָוואַ איז נאָך ווער דאָ, ווו ס׳שטייט די צענטריפוגע־מאַשין. זי הערט זיך איין אין קול:

— יאָ! גריגאָרי אונדזער פּרעדסעדאַטעל — זאָגט זי און אירע אויגן לאַכן — גריגאָרי ווייסט צו זאָגן: „דיין קאָסטיאַ איז נישט קיין נזיר...״

— ער מיינט, אַז אָלגאַ זאָל נישט אָפּשטיין...

— יאָ, איך זאָל שלאָפן מיט אים!...

אָלעק האָט נאָך צו פאַרגלייכן באַריכטן און עס ווייזט זיך אים, אַז ס׳איז שוין נאָך האַלבער נאַכט. ער וויל אַ קוק טאָן אויף אָלגאַס האַנט־זייגערל, אָבער זי פאַרשטעלט דעם זייגער מיט איר צווייטער האַנט.

— לערן מיך אַ ליד אין יידיש — זאָגט אָלגאַ — כ׳וועל דאָס זינגען פאַר סאַשקאַ צו זיין קומען. שטעלסט זיך פאָר ווי ער וועט פאַררייסן די אויגן?

העמערל, העמערל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער די טשוועקעס, שלאָג גיך!
ביז מאָרגן מוז פאַרטיק שוין זיין
דער גבירטעס טאָכטערלס שיך.

אָלגאַ שרייבט די ווערטער אין רוסישער טראַנסקריפּציע. זי האָט אַ גוטע שמיעה. זי פאָלגט נאָך דעם ניגון און האַלט אָן דעם טאָן אָן צו פאַרהאַקן זיך. עס גלאַנצן אירע אויגן. איר ליכטיק פּנים איז פול מיט פרייד. זי חזרט זיך איין דאָס ליד. דאָס האַרץ שפּרינגט אין איר.

— סאַשקאַ וועט מיך טראָגן אויף די הענט...

אָלעק ווייזט איר אָן אויף איר זייגערל...

— איצט, אַז ס'זינגט זיך מיר אַזוי לייכט, ווילסטו מיך לאָזן אַליין, ס'זאָל מיר אומעטיק זיין — זי בייגט זיך אָן, ציט אויס די האַנט צום קאָנטאַקט און לעשט אויס דאָס ליכט.

## חבר גרישאַ סאַכאַראָוויטש

דער קאָמביין אַרבעט נישט. אַ שיינע מאַשין, קאָן אָפּטאָן אַ סך, אָבער זי אַרבעט נישט. נישטאָ נאָך דער טעכניקער פון די מעכאַנישע וואַרשטאַטן, כּדי צו ברענגען די מאַשין אין באַוועגונג. דיעד סוואָסלאָוו וויל דאָך נישט מוותר זיין פון נוצן דעם קאָמביין. ער נעמט אין אַ קוישל צוויי טייגלעך פוטער, כאַפּט זיך אַרויף אויף דעם געלן פערד, וואָס איז אויסגעפּרוווט אין לויפן, און רייט אַוועק אין די מעכאַנישע וואַרשטאַטן. די פוטער, האַלט ער, קאָן אים זיין אַ הילף, אַז דער „זאַוו" פון די וואַרשטאַטן זאָל תּיכּף שיקן אַ טעכניקער צום פאַרריכטן דעם קאָמביין.

ווי אויף להכעיס דעם דיעד סוואָסלאָוו, וואָס שטעלט מער אויף דער אַרבעט פון די לאַבאָגרעיקעס אין דערפאָלג פון ברויטשניט, גייט גאָר אַלץ קאַפּויער: דווקא ביי פעדאַראַ, די אויסגעצייכנטע אַרבעטערין מיט דער לאַבאָגרעיקע, ברעכן זיך דאָס מאָל די קאָסעס, ווי זי וואָלט נישט שניידן תּבֿואה־זאַנגען, נאָר דראָט־פּלאָנטערס, און דווקא דאָס מאָל איז עפּעס אָלעק הינטערשטעליק מיט ליפערן אָנגעשאַרפטע קאָסעס. אויף וויפל ער יאָגט, באַווייזט ער דאָך נישט צו דערהאַלטן דעם געברויך, און הס מלהזכּיר אויפצוהאַלטן די לאַבאָגרעיקעס צוליבן פעלן פון אַן אָנגעשאַרפטער קאָסע.

די מעכאַנישע וואַרשטאַטן זענען נישט ווייט פון קאָלכאָז און דעם דיעד סוואָסלאָוו געלונגט, ווי עס זאָגט זיך — איינס, צוויי, די טייגלעך פוטער זענען נושא־חן ביים „זאַוו" פון די וואַרשטאַטן. ער גיט אים אַ טעכניקער און שוין איז דיעד דאָ מיט דעם טעכניקער ביים קאָמביין. ער האָט צו טרייסטן זיך און דעם פרעדסעדאַטעל — נישט נאָר דאָ איז דער קאָמביין אַ שבֿרי־כּלי. אָקערשט האָט מען אַריינגעשלעפּט פון אַ קאָל־

כאַז אַ קאַמביין, אַ צאַצקע, און אַ פּגר. ער האַלט זיך ביי דער דעה: די לאַבאַגרעיקעס, נישט דער קאַמביין! וואָס קלענער דער מעכאַניזם, אַלץ ווייניקער קאַפּדרייעניש.

פון פעלד לויפט אָן האַנזעל מיט אַ בשורה: דער קאַמביין אַרבעט! אין גריגאָריס מאַט־בלאָע אויגן שיינט אויף אַ גלאַנץ. ער ווינקט צום דיעד סוואָסלאָוו, ווי צו זאָגן: — „וואָס אַ מאַשין, איז דאָך נישט אַ טשע־רעפּאַכע...״ ער שפּרינגט צו צו דער בריטשקע, רופט דעם דיעד, און ביידע פאָרן אַרויס, כדי זיך צוצוקוקן ווי דער קאַמביין אַרבעט, אָבער זיי קערן זיך באַלד צוריק. איוואַן קומט אָן, ווי אָנגעטראָגן דורך אַ געוויסער. ער שפּרינגט אַראָפּ פון דעם צווייערדער־וועגעלע. אין איין האַנט האַלט ער דעם שטעקן, מיט וועלכן ער העלפט זיך אין גיין, אין דער צווייטער האַנט האַלט ער אַ פּאַפּיר, נישט קיין גרויס פּאַפּיר, און דאָך ציטערט עס אין זיין האַנט, ווי פון אַ ווינט. ער זאָגט דעם פּרעדסעדאַטעל, וואָס ער וויל, און ער גייט צו צו אַלעקן.

איוואַן, וואָס באַמיט זיך אָפּצודעקן די ציין, כדי אָנצוהאַלטן אַ שמייכל, וויל נישט דאָס מאָל זיך ווייזן אַ צופרידענער, נאָר אַ פאַרדאַגהטער. אַלעק דערקענט אין איוואַנס איינציקן דעם שטערן, אַז עפּעס אַ נייעס איז מיט אים, אָבער ער איז זיך נישט משער, אַז די נייעס זאָל פאַר איוואַנען זיין אַ דאַגה, ווייל ווי ער קען איוואַנען, ווייסט ער, אַז סיי ער שמייכלט, סיי ער דריקט אויס פאַרלעגנהייט, איז אַלץ אָן אָנשטעל, און ער האַלט זיך אָפּ פון פרעגן. ער וואַרט, אַז איוואַן זאָל זיך אָפּרוען פון גייען, כאַפּן אָטעם. אפשר דאַרף ער לייענען פון פּאַפּיר.

איוואַן קען שוין דעם אינהאַלט אָן צו לייענען:

— „אַלע פּוילישע, וואָס אין קאָלכאָז, דאַרפן זיך מעלדן ביי דער מיליץ אין ראַיאָן״.

איוואַן איז זיך משער, אַז דער באַזוך אין דער מיליץ איז נישט סתם אויף צו באַקענען זיך. איינקוקנדיק זיך אין אַלעקס שטוינען, באַרויקט ער זיין סאַטיספאַקציע.

דער רוף צו מעלדן זיך אין דער מיליץ פאַרטראָגט אַלעקן אין אַ שפּאָגל ניי מוח־מאַטערניש. עס גייט אים שוין נישט אָן וואָס איוואַן זעט

אים אַ צעטראָגענעם, און ער רופט אויס, ווי צו זיך — שוין ווידער ענקאַ־ווערע ?...

איוואַן קערט זיך אָפּ פון אָלעקן, אַ פריידיקער שמייכל איז צעגאָסן אויף זיין קליין פּנים.

אין דער צייט, וואָס איוואַן גיט איבער אָלעקן די ידיעה, מעדיטירן נאָך דיעד סוואָסלאָוו און פּרעדסעדאַטעל וועגן דער אויפפאָדערונג פון דער מיליץ. דיעד וויקלט זיך די וואָנצעס אין פאַרלעגנהייט: אַז דער קאָמביין אַרבעט שוין און האָט אַן אַרבעטס־כוח — שלעפּט זיי אַוועק די מיליץ. ער לייגט פאָר גריגאָרין ער זאָל צופּאַטשן אין ראַיאָן און אָפּהאַלטן די גזירה. גריגאָרי זעט נישט די מעגלעכקייט, ווייל אויך ער האָט נישט ליב די ענקאַווערע.

אָלעק קען שוין נישט דערשטיין ביים שלייפשטיין. ער פאַרנעמט זיך צו גיין אין פעלד און איבערגעבן די חברים די ידיעה, קומען די חברים אים אַנטקעגן. פון איוואַנען וויסן זיי שוין — די מיליץ רופט. אויך זיי זענען צעטומלט און נישט געקוקט, וואָס זייערע פּנימער זענען אויסגע־ריסט פון שווייס און שטויב, זענען זיי גרייט כאָטש שוין צו פאָרן אין ראַיאָן און וויסן וועגן וואָס עס גייט. אָבער היות ווי די נסיעה מוז דויערן אַ פולן טאָג, איז גלייכער צו וואַרטן ביז מאָרגן באַגינען.

קיינער פון זיי קאָן זיך נישט משער זיין דעם צוועק פון דער אויפ־פאָדערונג. דאָס איבערקלערן און דער אומרו נעמט ביי זיי אָפּ דעם כוח פון די הענט און זיי לייגן זיך נישט צו קיין אַרבעט.

— אַזוי איז געווען פאַר דער פאַרשיקונג: מעלדן זיך, איבעררעגיס־טרירן זיך און ווידער זיך מעלדן — דערמאָנט אָלעק.

— איינס איז קלאָר: די פיר אותיות האָבן אונדז אין זינען — זאָגט אַבוש.

*

ס'איז אַ העלער, ליכטיקער פרימאָרגן. דער הימל אָן אַ פיצל וואָלקן. האַנזעל שפּאַנט דעם שוואַרצן אָגער אין אַ לייטער־וואָגן. מיט דעם פערד

איז זיכער אַנצוקומען צו דער צייט. אַלעק און די חברים בעטן אויס דעם וואָגן מיט שטרוי. ס׳איז דאָך אַ נסיעה ביז אָוונט. זיי זעצן זיך אויס אין וואָגן, דיעד סוואָסלאַוו, דער פרעדסעדאַטעל און אויך אַלגאַ קומען צו, ווי זיך געזעגענען מיט זיי, אָבער ווינטשן דאָך — צו זען זיי וואָס פריִער.

האַנזעל האַלט די לייצעס, נאָר כדי דער שוואַרצער אָגער זאָל פילן אַז ער קאָן קריגן שמיץ. ער דאַרף נישט קערעווען דאָס פערד. ס׳איז דאָ נאָר איין סטעזשקע, און זי פירט אין ראַיאָן. די סטעזשקע איז די ברייט פון וואָגן, פון ביידע זייטן אייַנגעפּרעסט שנירן פון די רעדער, זענען זיי עלעהיי שינעס, דעם אָגער איז לייכט צו שלעפּן דעם וואָגן, האַלט ער זיך ווי אויף אַ פּאַס און טרעט נישט איבער די גרענעץ. האַנזעל לאָזט אים שפּאַנען פריי אין דעם ברייטן ליידיקן פעלד, וואָס איז נישט געאַקערט, און סנאָפּעס תבואה, איבערבלייבעכצן פון פאַראַיאָרן זענען פאַרוויאַנעט, פאַרפוילט. עס באַוויייזן זיך וועלף. זיי קוקן ווי אין ווונדערן זיך אויף דער דרייסטקייט פון אַ פרעמדער חיה צו קומען אין זייער תחום. האַנזעל וואַרפט אָן אַ שרעק — די וועלף קאָנען אַרויף אויפן וואָגן. דער אָגער קאָן זיך אַרויסרייסן פון די האַלאַבליעס. די וועלף האָבן אַ ווילדן כוח, און ער רופט, אַז אַלע זאָלן זיי שרייען, שטאַרק שרייען, און די וועלף וועלן אַנטלויפן. פון די געשרייען ווערט דער אָגער צעטומלט און ער לויפט אין ווילדקייט. די וועלף פאַרשווינדן.

— אונדזערע געשרייען האָבן זיי פאַריאָגט — זאָגט האַנזעל און רייבט זיך די הענט. ער איז צופרידן פון זיך.

אַ היפּש שטיק וועג איז באַרגיק. דער וואָגן פאַלט און הייבט זיך, פאַראַן אַ מורא — אָט־אָט צעפאַלט זיך דער וואָגן. די זון ציט זיך שוין אַוועק הינטער די בערג, אָבער האַנזעל איז דאָך זיכער, אַז נאָך פאַרן זונ־פאַרגאַנג דערגרייכט ער צום ראַיאָן.

אַלעק און די חברים באַרעכענען זיך, אַז זיי האָבן נישט צו וואָס זיך צו איילן. זיי זענען גלייכגילטיק און ווילן נישט דערמאָנען האַנזלען אין דער צייט, וואָס לויפט.

אַלעק איז דאָס ערשטע מאָל אין ראַיאָן. דער זומער־טאָג אין ראַיאָן איז אַ סך אַנדערש ווי אין קאָלכאָז. נישטאָ די פאַרפלייצנדיקע ליכטיקייט

ווי אין גרויסן פעלד־חלל. די שורות הייזקעס מיט די קאַכל־דעכער שטייען ווי אָנגעברוגזט און איינגעהילט אין גראָקייט. די גאַסן און הינטערגעס־לעך זענען ליידיק. נישטאָ קיין באַוועגונג. אַלץ זעט אויס ווי אָפּגערוימט. אַלעק און די חברים, גערופענע צו שטעלן זיך אין דער מיליץ, גייען אין אומעט און אין שרעק ווידער צו שטעלן זיך אין אויג פון ענקאַוועדע. אַלעקן ווילט זיך ס׳זאָל געשען מיט אים אַ פּאַרפּאַל אַבי פּטור ווערן פון דער מיליץ...

קומען אין דער מיליץ איז קיין מאָל נישט שפּעט, דאָרט הייבט זיך אָן די אַרבעט דווקא אין אָונט. און טרעפן צום הויז פון דער מיליץ, דאַרף מען לאַנג נישט זוכן. דאָס קליינע שילדל איז דאָס איינציקע אָנווייזנדיקע צווישן די שורות הייזקעס אין דער הויפּטגאַס. און וויפל אַלעק באַהערשט זיך נישט אַרויסצוווייזן קיין שרעק, זעט זיך דאָס דאָך אָן אַפילו אין זיין שווייגן. ווי זיי קומען צו די טרעפּ פון אַריינגאַנג אין מיליץ־הויז, ציט זיך יעדער פון זיי צוריק, כדי נישט צו זיין דער ערשטער.

דער אַריינגאַנג איז אָן אַ טיר, באַלד פון דער ערשטער שוועל איז דער קאָרידאָר. אַלעק פילט זיך ווי אַריינגעכאַפּט דורך עפּעס אַ מאַגישן אופן. משה און די דריי גייען אים דאָך נאָך. ער זעט נישט עמעצן צו פרעגן וווהין און צו וועמען ער האָט זיך צו מעלדן. זיינע טריט זענען שווערע, און ער מאַכט זיי נאָך שווערער — אויב ס׳איז ווער פאַראַן, זאָל ער זיי הערן.

— פּאָזשאַלויסטאַ! פּאָזשאַלויסטאַ! — הערט ער אַ רופן.

איז שוין אַלעקן קלאָר, אַז מען דערוואַרט אים, און ער גייט צו צום צימער, קלאַפּט אָן אין דער טיר און וואַרט.

— פּאָזשאַלויסטאַ! — ווידער דער רוף.

אַלעק עפנט לאַנגזאַם די טיר פון צימער און בלייבט שטיין. עמעצער זיצט ביי אַ ברייטן טיש. ער ווייזט אים מיט אַ האַנטבאַוועגונג צו פאַרמאַכן די טיר. אַ בלאָנדהאָריקער איז ער, דער באַאַמטער, איז אָן אַן אוניפאָרם, אָבער אויפן טיש ליגט אַ היטל, אַ מיליציאָנערן־היטל, אַ ברייטע דענקע מיט אַ בלאָען לאַמפּאַס. אַלעק מיינט, אַז נאָך עמעצער דאַרף

אַריינקומען, אָבער קיינער קומט נישט. דאָס היטל ווייזט, ווי ס׳זאָגט זיך — „דע לפני מי אתה עומד!"

דער מענטש ביים טיש ווייזט אים מיט אַ האַנטבאַוועגונג — ער זאָל זיך זעצן, און אַלעק זעצט זיך אויף דער איינציקער שטול אין דעם צימער. ער וואַרט. דער באַאַמטער קוקט אַריין אין אַ פּאַפּיר. אַלעק קוקט זיך איין אין דעם מענטשס פּנים: שמאָלע וואַנצעלעך, ווי צוויי קלאַפּקעלעך, זענען אין אַ דיסטאַנץ מיט דער נאָז, קליינע נוסאָויגן קוקן פון די שעלעכלעך ווי שפּילקעס. מיט אַ מאָל ווענדט זיך דער מענטש צו אים אין פּויליש. אַלעק גיט זיך אַ ציי איין אין די אַקסלען, ווי ער וואָלט געהערט אַ שאָס. אומדערוואַרט דאַרף ער רעדן מיט אַ פּאָליאַק, און לויטן אַקצענט באַנעמט ער, אַז דער איז אַ גאַליציאַנער. אַלעקן שווימט אָן דער געדאַנק — אַוועק־געזעצט אַ פּאָליאַק, כדי צו פירן אַ ברייטערע אויספאָרשונג, אָבער דער פּאָליאַק פאָרשט נישט. ער נעמט אויף די פּערסאָנאַליעס, נאָטירט און דער־קלערט:

— פון היינט אָן ביסטו אַ סאָוועטישער בירגער און דו געניסט פון אַלע רעכט פון דער סאָוועטישער קאָנסטיטוציע.

אַלעק בלייבט זיצן איבעררראַשט: דערפאַר ווייל ער האָט נישט גע־נומען קיין סאָוועטישן פּאַספּאָרט, איז ער פאַרשיקט געוואָרן אין די טײַ־געס אויף קאַטאָרגע־אַרבעט, און איצט, אָן צו פרעגן צי ער וויל, צי נישט, מאַכט מען אים פאַר אַ בירגער. דער באַאַמטער פאַרלאַנגט אַפילו נישט זיין אונטערשריפט, מ׳האָט אים גערופן אויסצוהערן און באַסטאַ.

ווען יענער זעט, אַז אַלעק רירט זיך נישט פון אָרט, זאָגט ער:

— דאָס איז עס און נישט מער! — ער טוט אַ שנעל מיט די פינגער, אַז אַלעק זאָל אַריינשיקן דעם צווייטן.

אַלעק שטעלט זיך אויף, עפנט די טיר און רופט משהן. ער וואַרט נישט משה זאָל שוין זיין אינעווייניק, און ער שפּאַנט צו צו די חברים איציק, סעוועק און אַבוש, וואָס וואַרטן מיט אומגעדולד צו הערן פון אים אַ וואָרט, און ער ווי אַנצוווייזן, וואָס עס דערוואַרט זיי, כאַפּט זיך פאַרן קאָפּ: ס׳איז גרויס די בראָך...

✶

האַנזעל איז טויט מיד. ער ליגט אויפֿן שטרויענעם קילים און וויל נישט הערן אַלעקס רופֿן צו גיין אָנפּאָיען דעם שוואַרצן אָגער. אָבער מען מוז דאָך געבן דעם פֿערד צו טרינקען, גייט ער מיט משהן אַרויס צום ברונעם, וואָס אויפֿן הויף. זיי נעמען דאָס האַלבע הילצערנע טינדל, וואָס איז אָנגעבונדן צו דער קייט, לאָזן דאָס אַריין אינעם ברונעם, שעפּן אָן וואַסער און ציִען עס אַרויס, וויקלענדיק די קייט אויף אַ וואַל. זיי בינדן אָפּ דאָס האַלבע טינדל פֿון דער קייט און טראָגן צו דעם פֿערד, אָבער דאָס פֿערד שטעקט בלויז צו דעם פּיסק און טרינקט נישט. ס׳ווייזט זיך אַרויס, אַז האַנזעל האָט אים שוין אָנגעטרונקען. סעוועק רופֿט אַלעקן; אַ פּרוי פֿרעגט זיך אויף אים.

אין דער אַכסניה־שטוב וואַרט די אַגראַנאָמין איוואַנאָווא. זי וווינט אין דער הייזקע, אַ טיר אין אַ טיר. ווען זי דערזעט אַלעקן, שײַנט אויף אין אירע אָפּענע, קלאָרע אויגן אַ פֿריידיקער גלאַנץ. זי וויל, אַז אַלעק און די חברים זאָלן שוין אַרײַנגיין זיך ווייזן פֿאַר איר טאַטן. זי קויפֿט אים מיט דעם די גאַנצע וועלט. דער טאַטע איז אַפֿילו נישט אין גאַנצן געזונט, אָבער זי וויל דאָך נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט.

איוואַנאָווא וווינט אין אַ צווייצימער־וווינונג מיט אַ קאָרידאָרל און אַ קיך־ווינקל. נישט אויסמעבלירט, אָבער די נייטיקסטע מעבלשטיק, בעטן, שטולן און אַ טיש, זענען פֿאַראַן. דעם טאַטן איז שווער צו גיין צוליב דעם ווייטיק אין רוקן. איוואַנאָווא וויל אים העלפֿן צוגיין צום טיש, אָבער ער וויל גיין מיט אייגענע כּוחות. אַן איינגעבויגענער און מיט אַ קרעכץ שאַרט ער זיך צו צום טיש. ער איז אָנגעטאָן אין אַ מאַטראָסן־בלוזע, וואָס איז זײַן אוניפֿאָרם, הגם ער איז שוין מער נישט קיין מאַטראָס. זײַן ברייט פּנים איז גלאַטיק, בלויז ביי די שלייפֿן זענען אים אײַנגעשניטן טיפֿע קנייטשן. לעצטנס איז ער שוואַך אויף דער ראיה. ער זעצט זיך אַנידער אָנהאַלטנדיק זיך מיט ביידע הענט ביים טיש, ווי אין מורא זיך נישט איינצוברעכן. מיט אַ גלעט איבער דער טאָכטערס האַנט ווייזט ער איר, אַז זי מוז נישט שטיין לעבן אים און ער ווענדט זיך צו אַלעקן און די חברים אין יידיש:

זײַן נאָמען איז גרישאַ. ער איז אַ מיטגליד אין דער פּאַרטיי. זײַן ווײַב, מאַרוסיאַ, אַ פּראַוואָסלאַוונע, לעבט שוין נישט. נאָך דעם פֿאַרבינדן זיך

מיט מאַרוסיאַ, האָט דער טאַטע זיינער נישט געוואָלט אים זען. אַז גאַליאַ, די טאָכטער, היינט איוואַנאָוואַ, איז געוואָרן צוויי יאָר, האָט מאַשאַ, די שוועסטער זיינע, געוואָלט זעען דאָס קינד, און ער האָט מאַרוסיען מיטן קינד געשיקט צו מאַשאַ. גאַליאַ איז געווען אַ ליכט אין שטוב, און אויך די מאַמע האָט זי געהאַלטן ווי איר קינד — „אַז גאַליאַ שווייגט, רעדן אירע ליכטיקע אויגן" — האָט מאַשאַ נאָכגערעדט דער מאַמעס ווערטער. איין מאָל איז ער צוגעפאָרן, כּדי אַהיימצונעמען מאַרוסיאַן מיטן קינד, האָט דער טאַטע דער ערשטער אים דערלאַנגט די האַנט, און געבעטן אַז גאַליאַ זאָל נאָך בלייבן מיט דער באָבען. מאַרוסיאַן און גאַליאַן איז גוט געווען. דער טאַטע האָט נאָך געהאַט אַן אוצר פון לעדער אין קעלער. צו האַלטן אַזאַ קוואַנטום סחורה אָן צו מעלדן אין „סנאַבבאַטדיעל" האָט דעם טאַטן געדראָט אַ שווערע שטראָף. איז ער, גרישאַ, אַוועק און אָנגעוויזן אויף דער סחורה אין קעלער. עטלעכע טעג שפּעטער, ווען ער איז געקומען אָפּנעמען מאַרוסיאַן, דערזעט ער זי אָפּוואַרטן אים ביי דער שיף. מאַרוסיאַ איז אים געפאַלן אין די אָרעמס מיט אַ געוויין: גאַליאַ איז מיט דער באָבען און מאַשאַ, און דער טאַטע... ווי מען האָט אַרויסגענומען די פּעק לעדער פון קעלער, און ער, דער טאַטע, האָט געמוזט שטיין און ציילן די פּעק, איז ער געפאַלן און מער זיך נישט אויפגעהויבן.

אַלעק זעט ווי ביי גרישען ציטערן די הענט. ציפּט אים ביים האַרץ רחמנות, אָבער ער קאָן אים נישט טרייסטן. אויך די חברים זיצן אין שטוינונג, נאָר די טאָכטער בייגט זיך אָן צום טאַטנס אויער און פרעגט אים צי ער וויל איר הילף? גרישאַ גלעט איר האַנט, קושט זי מיט געבעט, זי זאָל אים לאָזן אַליין. ער דאַרף נישט גאָרנישט. ער קוקט צו די יידן פּליטים, און נאָכן אָפּכאַפּן דעם אָטעם, איז ער ממשיך זיין דערציילן:

ווען ער דערמאָנט זיך זיין טאַטנס טויט, ציטערן אים די הענט. דער טאַטע האָט מאַרוסיען גערופן טאָכטער, און ער האָט דעם טאַטן זיינעם צוגענומען ס׳לעבן. גאַליאַ געדענקט אים נאָך. און ער אַליין געפינט זיך נישט. צווישן די רוסן איז ער אַ ייד, און ער ווייסט נישט מיט וואָס... מיט וואָס?...

— טאָוואַרישטש גרישאַ, איר ווילט מיר זאָלן אייך טרייסטן און זאָגן,

אַז איר דאַרפט נישט פייניקן ס׳געוויסן, דאָס ווילט איר? — פרעגט אַלעק.

— ניין. כ׳מיין פאַרקערט — זידלט מיך. זאָגט אַז כ׳בין אַ סוואָלאָטש, אַ סוואָלאָטש — זאָגט גרישאַ מיט אַ געבראָכענער שטים. ער איז אַ ייד, אָבער געדענקט ווייניק פון יידישקייט. די מאַמע נישטאָ, מאַשאַ, די שוועסטער, לעבט נישט. ער וויל זיך באַרויקן, זאָגט ער זיך: „מענטשן לעבן נישט אייביק...״ נאָר אַז דער טאַטע איז נישטאָ און ער האָט דערצו גורם געווען, האָט ער נישט קיין רויקע נעכט. ער פרעגט:

— וואָס וואָלט אַזאַ יונגער מענטש אין דער בורזשואַזער וועלט געטאָן אין אַזאַ פאַל? איר יידן פון דער פאַלשאַ זענט דאָך פון אַן אַנדערער מענטאַליטעט, זענען ביי אייך אויך אַלע מיטלען כשר פאַרן ציל? אַפילו קעגן אַן אייגענעם טאַטן? און חוץ דעם, וואָס איך קען נאָך אַ ביסל יידיש, אין וואָס זעט איר אין מיר אַ ייד? אַז איך, גרישאַ, בין טאַקע אַ ייד?...

ווידער ציטערן גרישען די הענט, אָבער ער בייגט נישט אַראָפּ דעם קאָפּ, די אויגן זענען אים פול מיט טרערן. ער שלינגט זיי און פאַרגיסן אים ס׳קול. ס׳איז אַלעקן קענטלעך, אַז ער וויל, די יידן פליטים פון פוילן זאָלן זען דעם מאַטראָס גרישאַ מיט אַ יידיש האַרץ...

*

זינט אַלעק איז אַרויס פון דער היים, האָבן זיך אים אָנגעזאַמלט דאגות אויף דאגות. די האַרבסטע זאָרג: ער ווייסט נישט וועגן זיין רחלען און קינד, וועגן די געשעענישן אין געטאָ, ווו אין דעם שמאָלן תחום, דאַרף זיין אָרט פאַר הונדערטער טויזנטער יידן. איצט מאַטערט די היינטיקע מעלדונג אין דער מיליץ, אַז ער איז אַ בירגער פון ראַטן־פאַרבאַנד. און ער איז זיכער געווען, אַז ער איז אין וועג אויף צוריק צו זיין היים. און אין דעם פלאָנטער מישט זיך אַריין די אומהיימלעכקייט פונעם וויזיט ביי גרישאַן, און עס פּלאָגט אים אַ געדאַנק: הלמאַי האָט ער נישט געזאָגט גרישאַן, אַז ער האָט נישט געמוזט וויסן וואָס דער טאַטע האָלט אין קע־לער און נישט זיין דער גורם פון זיין טאַטנס טויט.

שוין דאָס וויפלטע מאָל קוקט אַלעק אין פענצטער, צי עס טאָגט שוין — און די נאַכט ענדיקט זיך נישט.

# אַ בריק פון האַלץ

שוין אין פריִען באַגינען איז האַנזעל גרייט צום פאָרן און ער וועקט אָלעקן מיט די חברים. בעתן וועקן קיצלט ער מיט אַ שטרוי אײנעם אין אַן אויער, אַ צווייטן אונטער דער נאָז. ער האָט נישט ליב לאַנג צו זיין אויסערן קאָלכאָז. אים איז דאָ אומעטיק. אין קאָלכאָז פילט ער זיך ווי אַ פיש אין וואַסער. אָבער אָלעק און די חברים ווילן נאָך אַ קוק טאָן אין דער מיליץ צי עס קומען נאָך פוילישע פון אַנדערע קאָלכאָזן אויך אויף דער זעלבער פאָדערונג. אָלעק מיינט צו טרעפן די ברידער קרויטמאַן און הערן פון לעאָן קרויטמאַן, וואָס עס איז מיט דער פריילין מאַרצעלאַ. ס׳קו־מען קליינע גרופּעס און בלויז פּאָליאַקן. זיי זענען זיכער אַז מען נעמט זיי צונויף, כדי אַהיימצושיקן, אָבער אָלעק ווייסט וואָס עס דערוואַרט זיי און ער וויל נישט קאַליע מאַכן זיי די שטימונג. אָלעק גייט ווי אַן אָבל פון אַ לוויה, אָבער משה קאָן לאַנג נישט בלייבן אין דערשלאָגנקייט. ער האַלט נישט פון רייסן קריעה נאָך דער פוילישער בירגערשאַפט און נעמט אויך נישט ערנסט דאָס ווערן אַ סאָוויעטישער בירגער. ער צעזינגט זיך:

— וואָס מיר זענען — זענען מיר, אָבער יידן בלייבן מיר...

האַנזעל זיצט שוין אויפן וואָגן, און ווי נאָר אָלעק און די חברים זעצן זיך איין אין וואָגן, ווערט ער ווילד פון פרייד. ער יאָגט דעם שוואַרצן אָגער, שרייט, ריטשעט — ער וועט אָפּשינדן פון אים די פעל... דער אָגער לויפט, די הויט גלאַנצט אויף אים פון נאַסקייט, און ווי דער וועג וואָלט זיך איינגעשרומפּן — פּאַטשט ער אַריין אין קאָלכאָז. צופעליק איז גריגאָרי אויפן וועג און ער פאַרהאַלט ס׳פערד אין לויפן. ער לאָזט נישט האַנזלען אויסשפּאַנען, נאָר זיי זאָלן שוין פאָרן אין פעלד צום ברויטשניט.

ביי האַנזלען צו פֿאָרן צו דער בריגאַדע, איז ווי אויף אַ חתונה. ער פֿאַרקערעוועט דאָס פֿערד אַרויף אויפֿן שליאַך צום פֿעלד. ווי ער דערזעט די זיעמליאַנקע, און כאַטש דאָס פֿערד נאָך נישט אָפּגעשטעלט, שפּרינגט ער שוין אַראָפּ פֿון וואָגן.

אין דער זיעמליאַנקע איז פֿאַראַן בלויז די קעכין אַגניס. איר קליין פּנימל איז ווי איינגעטונקען אין דער פּאַרע, וואָס זעצט פֿון קאָכיקן וואַסער אין טשוהון. זי נוצעט אַ מעלאָדיע און איז גוט געשטימט — דער קאָמ־ביין אַרבעט! אויך דיעד סוואָסלאָוו איז דאָרט. האַנזעל לויפֿט צו אים און דער דיעד קומט צו לויפֿן אַ דערפֿרייטער ווי פֿון אַ בשׂורה, אַז ער האָט צוריק געפֿונען, וואָס ער האָט געהאַלטן ווי פֿאַרלוירן. אין הייטערקייט ווישט ער זיך די וואָנצעס, ווי צום אויסציִען זיי וואָס לענגער.

— דער משחית, דער קאָמביין אַרבעט! — דערציילט ער און סמאָטש־קעט מיטן מויל, וואָס ווייזט זיין איבעראַשונג.

אַז דער קאָמביין אַרבעט און וויפֿל ס׳זענען פֿאַראַן אַרבעטהענט איז איצט נישט גענוג, נעמט דער דיעד דאָס מאָל אויך אָלעקן צו דער אַרבעט ביים קאָמביין. קאָסעס צו די לאַבאָגרעיקעס האָט ער אַ זאַפּאַס. די אַרבעט, וואָס אָלעק טוט איז די שווערסטע ביים קאָמביין. צו שטיין אויפֿן בריקל און אַראָפּצוואַרפֿן דאָס שטרוי, וואָס ברענגט מיט זיך מיט אַ געדיכטן שטויב, אַז אַלע אָטעם־רערן ווערן פֿאַרשטאָפּט. דער שטויב לייגט זיך אויפֿן פֿאַרשוויצטן פּנים ווי אַ טייגעכץ. אָלעק האַלט, אַז די פּיין איז גרע־סער ווי דאָרט אין די טייגעס קעגן דער כמאַרע מאָסקיטן. יעדן טאָג האָט ער מורא, אַז ער בלייבט אַ דערשטיקטער, אָבער אויף צו מאָרגנס גייט ער ווידער צו דער אַרבעט. מאַכט זיך אַז פֿעדאָראַ האָט שוין נישט קיין קאָסעס צו דער לאַבאָגרעיקע און דיעד סוואָסלאָוו מוז אָלעקן אַראָפּנעמען פֿון דער אַרבעט ביים קאָמביין, ווייל ער האָט מורא, אַז בלויז מיטן קאָמביין ווער ער נישט פֿאַרענדיקן דעם ברויטשניט.

פֿעדאָראַ, די געניטע לאַבאָגרעיקע־פּירערין, וויל נישט מער דעם שנעק לעאָן פֿאַר אַ געהילף, מחמת ער לאָכט זיך אויס פֿון אירע געשרייען און רופֿערייען.

דיעד סוואָסלאָוו שלאָגט איר פאַר אָלעקן פאַר אַ געהילף. פעדאָראַ באַשטייט און אויך אָלעק איז צופרידן, וואָס ער גייט אַראָפּ פון קאָמביין. מיט אַ שמייכל קוקט ער פעדאָראַן אין פּנים, וואָס זי איז באַשטאַנען אויף אים און נישט קיין אַנדערן. אָבער שוין אויפן צווייטן טאָג, פאַרהאַקט זיך פעדאָראַן די לאַבאָגרעיקע. זי האַקט און בראָקט דעם פערד, אַז עס שטעלט זיך אויף די הינטערשטע פיס, און די לאַבאָגרעיקע אַרבעט נישט. פעדאָראַ לייגט זיך אין לענג און אין דער ברייט צווישן די רעדער, זוכט די סיבה, אָבער געפינט נישט; זי שיט מיט וויסטע קללות, שפּייט אויף רעכטס, אויף לינקס, אַ כּעס ברענט אין איר. זי קאָפּעט די רעדער, און דאָס אייזן גיט אַפילו נישט קיין סקריפּ, קרענקט דאָס איר נאָך מער און זי לאָזט אויס דעם כּעס אויף אָלעקן — באַשר ער האָט נישט די אויגן אין קאָפּ — שרייט זי און היקעט.

שטייט אָלעק אָנגעבויגן דעם קאָפּ אויפן אַקסל און קוקט מיט מיטלייד פעדאָראַן אין פּנים. ער פאַרשטייט נישט איר צעטראָגנקייט. ער וויל איר זאָגן, אַז ער איז רוי אין דער טעכניק פון דער לאַבאָגרעיקע און ער קאָן איר נישט העלפן, אָבער ער קאָן זי נישט איבערשרייען, מאַכט ער אַ מינע פון פאַרלעגנהייט, ווירקט דאָס אויף פעדאָראַן פאַרקערט ווי ער וויל. זי קרימט אים נאָך, חוזקט אָפּ פון זיין תּמעוואַטן קוק און זי שיט מיט משונה־דיקע קללות. אָלעק פאַרשטייט דאָך נישט פאַר וואָס זי באַשולדיקט אים און ער פרעגט איבער, איז שוין פעדאָראַ פרעך און זי באַצט אַרויס:

— זשאָפּאַ!

אָלעק האַלט זיך מיט געדולד און ער ווייזט מיטן פאַרלייגן די הענט, אַז ער איז אומבאַהאָלפן.

פעדאָראַ איז דערשעפּט. זי זעצט זיך אַנידער אויפן לאַבאָגרעיקע־בריקל, פאַרלייגט די הענט אויפן קאַרק, וויגט זיך, רעדט און רעדט — באַדויערט זיך:

— דאָס ברויט איז נישט אַזוי זיס וויפל ביטערע מי עס ווערט אַנגע־לייגט דאָס צו דערגרייכן...

דיעד סוואָסלאָוו דערהערט, אַז פעדאָראַ שטייט מיט דער לאַבאָגרעיקע, קומט ער צו לויפן:

— וואָס, די טריבן דרייען זיך נישט?

— פאַרהאַקט און רירן זיך נישט.

דיעד סוואָסלאָוו איז נישט קיין גענײטער מעכאַניקער, אין אַלע פאַלן העלפט ער זיך מיטן שׂכל. ער קניט אַראָפּ צו די רעדער, נעמט אַראָפּ די דעקלעך פון די טריבן. ער קוקט, שפּרינגט אויף און ווײַזט פעדאַראַן:

— אַ קלין איז אַרויסגעפאַלן און מען דאַרף אים צוריק אַרײַנשפּאַרן אויפן אָרט.

ס׳איז דאָס ערשטע מאָל ווי פעדאַראַ גיט זיך אונטער אין אַ שווערער סיטואַציע. זי לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און רופט זיך אַליין אָן מיט דעם פּרעכן וואָרט, וואָס זי האָט באַצייכנט אַלעקן.

✶

— שווער, שווער צו שנײַדן תּבֿואה מיט אַ לאָבאָגרעיקע — זאָגט דער דיעד צו אַלעקן. ער וויל אָבער דאָך באַרעכטיקן זײַן מיינונג לטובֿת דעם נוצן די לאָבאָגרעיקע — מיט קאָסעס איז די אַרבעט געווען נאָך שווערער. די לאָבאָגרעיקע איז נישט צו פאַרגלײַכן מיטן קאָמבײַן, אָבער מיט דער לאָבאָגרעיקע ווערט דאָך אָפּגעטאָן מער ווי מיט די קאָסעס. ווער ס׳איז נישט געפּרוווט געוואָרן, אָבער איך ווייס.

אָבער נישט דאָס איז די לעצטע זאָרג בײַם דיעד סוואָסלאָוו. יעדן טאָג ווערן גרעסער די קופּעס ווייץ, פאַרן אײַנשײַערן מוז ער זיך טריקענען, און ס׳זאָל נאָר נישט אַראָפּ קיין רעגן. יעדן טאָג קומט ער מיטן פּרעדסע־דאַטעל אין פעלד, גייען צו צו יעדער קופּע, שטעקן אַרײַן די הענט, כּדי צו דערפילן צי דאָס ברויט ברענט נישט. ער פּלאַנירט שוין אָנצוהייבן שנײַדן דעם קאָרן. די טעג זענען אָן רעגן און בײַם לעצטן מאָל איבער־וואַרפן די קופּעס ווייץ, באַשליסט ער אים אײַנצושײַערן. ער נעמט אַוועק פון דער אַרבעט בײַם קאָמבײַן משהן, סעוועקן און איציקן. דאָס אײַנשײַערן איז נישט פאַר די מיידן. ער גיט זיי וועגענער מיט אײַנגעשפּאַנטע אָקסן. די פערד וויל ער האַלטן בײַ די לאָבאָגרעיקעס.

די אָקסן אין די יאַרמעס שלעפּן די וועגענער ברויט. די משׂא איז שווער און זיי טשלאַפּען און טשלאַפּען. משה און די חברים זענען ביי דער אַרבעט נישט ווייניקער איינגעשפּאַנט ווי די אָקסן, זיי מאַכן אין איין טאָג צוויי נאָרמעס און עטלעכע אַרבעטסטעג.

איין מאָל דערוואַרט זיי ביים שפּייכלער אָלגאַ מאַטוועיעוונאַ. זי האָט פאַר זיי אַן אַרויספאָדערונג פון סעלסאָוויעט — זיך צושטעלן צום בויען אַ בריק איבערן טייך, וואָס אין תחום פון ראַיאָן. די אויפפאָדערונג איז פאַר אַלע יונגע זכרים אין קאָלכאָז, פאַרשטייט זיך — אויך פאַר אָלעקן און אַבושן.

— טאָוואַרישטשי! אייך דערוואַרט אויסצופירן אַ פּאַטריאָטישן חוב, צו וועלכן ס׳איז זוכה נאָר אַ געטרייער סאָוויעטישער בירגער — בויען אַ בריק! — רופט אויס אָלגאַ. אירע אויגן פינקלען מיט פרייד. אויך איר ליכטיק פּנים איז צעשטראַלט פון נחת, ווי דערגרייכט עפּעס אַ נצחון, און זי זאָגט צו: — מיטן צוריקקומען, גיב איך יעדערן פון אייך אַ קוש!

*

אַז מען דאַרף בויען אַ בריק איבערן טייך און אָלעק מיט די חברים זענען סאָוויעטישע בירגער צו דערפילן אַ פּאַטריאָטישן חוב, איז נישט שייך אָפּצופרעגן — צי זענען זיי באַרופן צום בויען אַ בריק? זיי דאַרפן אַרויספאָרן נאָך פאַר זונפאַרגאַנג, כדי אָנצוקומען צום פּונקט אין פרי־מאָרגן. זיי האָבן נישט וואָס צו פּאַקן — ווי זיי שטייען און גייען, צו־טשעפּען אַ קאַטיאָלאָק צום גאַרטל — און זיך אַרויפכאַפּן אויף דער פור, אין וועלכער דער דיעד סוואָסלאָוו שפּאַנט איין דעם שוואַרצן אָגער. דיעד סוואָסלאָוו איז געניט אין פאָרן אויך ביי נאַכט. דער ענין איז אַ דרינגנ־דיקער, נעמט ער אויף זיך די נסיעה. ער האָט ליב זיך צו וויצלען און ער זאָגט:

— קינדער! נאָך אַ מזל, אַז די בריק דאַרף מען בויען איבער אַ טייך און נישט איבער אַ ים...

ביים דיעד סוואָסלאָוו איז נישטאָ קיין קאַפּריזנע פערד. דאָס ריטל אין זיין האַנט איז נישט קיין בייטש — אַ שפּילעכל. ער רופט נישט, שרייט

נישט, געגנוג אַז ער טוט אַ פּאַך, און דער אָגער צעטראָגט זיך אין אַ גאַלאָפּ. מיט נאָך אַ פּאַרטל באַוויין ער זיך — ער קאָן בעתן פּאָרן אויך שלאָפן און כּדי דער אָגער זאָל אָנהאַלטן אין זיין ציִען מוז ער הערן דעם דיעדס שנאָרכן. ער עצהט דער חברה, אַז אויך זיי זאָלן אַריינכאַפּן אַ שלאָף.

מיטן אויפשיינען פון דער זון קלאַפּט דער דיעד אָן אין פּונקט, וווּ מען דאַרף לייגן די בריק. עס ליגן שטויסן ברעטער און בעלקעס און פּאַראַן אַ געצעלט, אַרומגעהילט מיט צווייגן. עטלעכע יונגע שנעקעס מיט טאָטערישע פּנימער טעסלען מיט העק די קלעצער־עקן, פאַרשפּיצן זיי, גרייטן די סלופּקעס צום אַריינקלאַפּן אין באָדן פון טייך — דער פונדאַ־מענט און אָנשפּאַר פאַר דער בריק.

דיעד רעדט אין אַ ברוגז־טאָן וואָס מען לאָזט אים אין קאָלכאָז אָן אַרבעטקראַפט. ער ווייסט אָבער, אַז ס'איז איבעריק יעדעס וואָרט. ער ציט זיך די וואָנצעס, כאַפּט זיך אַרויף אויף דער פור און היידאַ אַוועק.

✶

דער „זאַוו" און דער מייסטער צו לייגן די בריק איז גרישאַ סאָכאַ־ראַוויטש אין זיין מאַטראָסן־בלוזע. דאָס איז שוין נישט דער איינגעבויגע־נער גרישאַ. ער האַלט זיך אויסגעגלייכט און שטייף. זיינע באַקן זענען פול און די הויט גלאַנצט ווי די שאָל פון אַ פרישן עפּל. אַ ברייטער בלייער ליגט אים הינטערן אויער. ער פרייט זיך מיט ווידערזען אַלעקן און די חברים. אויף זיין אָנווייזונג זענען זיי צוגעטיילט צו דער אַרבעט. מיט זיי איז ער זיכער אויסצופירן די אויפגאַבע, צו וועלכער ער אַליין האָט פרייוויליק זיך געמאָלדן. ער איז איבערראַשט וואָס אויף זיין אָנווייזונג זענען זיי דאָ, ס'הייסט, אַז אין סעלסאָוויעט האָט זיין וואָרט אַן אָנזען, שטייט ער עטלעכע מינוט ווי צעטומלט און כאַפּט זיך נישט וואָס צו טאָן מיט זיי. ער גיט זיך דאָך אַ ריס פון אָרט און גייט אַריין אין זיין פאַר־וואַלטער־ראַלע. ער שטעלט זיי צום אַריינקלאַפּן די סלופּקעס אין טייך־באָדן.

צום אַריינקלאַפּן די סלופּקעס איז פאַראַן אַ „באַבקע" — אַ גראָב שטיק סלופּ, נישט אַזוי הויך ווי ברייט, עלעהיי אַ יאַטקעקלאָץ. אין דער „באַבקע"

איז דורכגעבויערט אַ לאָך איבער דער דיק, און דערין אַ דרענגל מיט אַרויסשטאַרצנדיקע עקן פון ביידע זייטן. דאָס זענען די העגטלעך צו דער אַרבעט, צום אַרויפהויבן און אַראָפּלאָזן די „באַבקע" מיט אַ זבענק אין דער סלופּקע און דריקן זי טיפער אין טייך־באָדן. אויף עטלעכע קלעצער, ווי אויף אַ טראַטואַר, שטייען זיי פינף, הייבן די „באַבקע" און זבענקען אין דער סלופּקע.

גרישאַ פירט אויף די קיך. ער כאַפּט פיש און פרעגלט זיי. צום עסן זענען אַלע ביי איין טיש, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון אומגעהובלע־ווע ברעטער. עס זיצן אַלעק מיט די חברים און די שנעקעס, די טאַ־טאַרן. פישלעך זענען פאַראַן אויך גרעסערע. דערזעט אַלעק, אַז גרישאַ טיילט די גרעסערע פישלעך אויף די טעלערס פון די טאַטאַרן, ווייזט ער אָן גרישאַן, אַז אויך ער וויל אַ גרעסער פיש.

— אַלע זענען גלייך! — וואַרפט גרישאַ אָפּ.

אַלעק ווייזט אים דאָך אָן אויף אַ גרעסער פישל.

— קוק נישט אויפן ווידל!

— איך זע דעם קאָפּ!

גרישאַ קוקט זייטיק אויף אַלעקן. ער בלאָזט אָן די באַקן און מיט דער פּאַטעלניע גייט ער צו צום ברעג טייך און שליידערט אַריין דאָס פישל, וואָס אַלעק וויל.

ביז שפּעט אין אָוונט גייט גרישאַ אַרום אין אַ פאַרעקשנטן שווייגן. עפּעס טראָגט אים אָן אומרו. ער גייט צו צום ברעג טייך. שטייט ווי פאַרחלומט, קוקט און קוקט אין וואַסער; איין מאָל רייבט ער זיך די הענט, ווי מסכּים מיט אַ געדאַנק, אַ צווייט מאָל ציט ער זיך איין אין די אַקסלען און פּאַטשט זיך אין פּנים, ווי אין אַ פאָרוואורף. ער קומט אַריין אין געצעלט און קוקט זיך איין אין אַלעקן. נישט ער זאָגט עפּעס, און נישט אַלעק, אָבער ער וויל הערן אַלעקס רעדן, און כּדי זיכער צו זיין, אַז ער שפּיט אים נישט אויף די פּלייצעס, רוקט ער זיך הינטערווײַלעכס אַרויס פון געצעלט. ער וויל עפּעס טאָן, כּדי אַריינצוציִען אַלעקן אין אַ שמועס, צעברענט ער אַ שייטער. ער גייט אַריין אין געצעלט:

— איצט איז גוט צו זיצן אַרום שייטער! — רופט ער און ווינקט צו אַלעקן.

אַלעק און די חברים גייען אַרויס פון געצעלט און זיי זעצן זיך אַרום דעם שייטער — און ווידער איין שווייגן.

— חברים! — ווענדט זיך גרישאַ — זעט אויס, אַז איך בין שוין אַלט און אָן שׂכל. פיש אין טייך איז פאַראַן וויפל ס׳האַרץ גלוסט, און איך בין קאַרג צו געבן נאָך אַ פישל. נישט קיין בייזקייט טראָגט מיך, נאָר דער נאַר אין מיר, און ער האָט מיך געשטופּט צו טאָן, וואָס געטאָן. ייִנג־לעריש און היציק זיך געפירט. די עטלעכע שנעקעס, ווי איר זעט זיי, עסן מיט די אויגן יעדעס פּיצל וואָס אין אייערע טעלערס. מיט זיי האָב איך נאָר איין שפּראַך — פאַרגיסן זיי דעם האַלדז — אַרבעטן זיי, אַז נישט — גאַפּיען זיי. גאַפּיען קאָנען זיי אָן אַ סוף. אייער שווייגן שלאָגט מיך מער ווי זידלען. מיין גאַליאַ וויל דאָך האָבן אַ טאַטן אַ פּאַטריאָט. איך וויל זיך האַלטן אין אַ מדרגה און פאַל צוליב אַ נישטיק פישל. די טאַטאַרן קוקן נאָר אויס אַ געלעגנהייט אָנצופאַלן אויף מיר. כ׳האָב זיי געשלעפּט אַהער און זיי געמאַכט פאַר אויס זשוליקעס. זאָגט מיר, חברים, אַז איר פאַרשטייט אַ חבר!

— פאַרשטאַנען! — רופן אַלעק און די חברים.

✶

געבליבן נאָך עטלעכע סלופּקעס אַריינצוקלאַפּן — און דער פונדאַמענט איז גרייט, טרעפט, אַז ביים פאַרזעצן די סאַמע לעצטע סלופּקע און בעתן הייבן די „באַבקע״ און זי אַראָפּלאָזן מיט אַ זבענק, טוט זיך די „באַבקע״ אַ דריי אין זייערע הענט. זיי פאַרלירן די גלייכגעוויכט און פאַלן אַריין אין טייך. נישט אַלעק, נישט די חברים קאָנען נישט שווימען. שיקט דאָך גאָט די רפואה פאַר דער מכּה, און גרישאַ איז דער אויסגעשולטער מאַטראָס. ער שפּרינגט אַריין און שלעפּט זיי ווי אַ קייט אַרויף פון טייך.

אַלעק און די חברים ווילן אויסדריקן גרישאַן זייער דאַנק פאַר ראַטע־ווען זיי — ענדיקן זיי דאָס אַריינקלאַפּן די סלופּקע נאָך אין די נאַסע מלבושים. די טאַטאַרן פאַרלייגן שוין די ברעטער אויף דער בריק.

די בכורה צו גיין אויף דער בריק נעמט זיך גרישאַ. ער זוכט עפּעס צו מאַכן זיך דערפֿון אַ פּענדל, ס׳זאָל אויסזען פֿייערלעך.

מיט אַ מאָל קומט אָן פֿון אַ זייטנוועג אַ הינקענדיקער אויף קוליעס. ער גייט און שרייט:

— קיין איין אַבראַשאַ זעט מען נישט אויפֿן פּראָנט. אַלע אַבראַשאַס זענען נאָר „זאַוס": זאַוואָטדיעל, זאַוולאַג, זאַוומאַג, זאַוו!... — ער וויל גיין אויף דער בריק.

גרישאַ שטעלט זיך אים אין וועג:

— דו וועסט נישט גיין!

דער הינקענדיקער שרייט זיינס: אַבראַשאַ! אַבראַשאַ!...

גרישאַ טוט זיך אַ שטייף אָן און מיט איין מאָל אַ כראַקע שפּייעכץ פֿאַר דעם הינקענדיקן. דער הינקענדיקער כאַפּט די קוליע, פֿאַרמעסט זיך אַ קלאַפּ צו טאָן גרישאַן, אָבער גרישאַ פֿאַרלירט זיך נישט:

— די בריק איז נאָך נישט קיין זיכערע בריק, און שוין זאָלסטו צוריקגיין פֿון וואַנען דו ביסט געקומען! — שרייט ער אין באַפֿעל.

דער הינקענדיקער איז אויך אַ תקיף — אים, אַ קאַליקע, האָט קיינער נישט די העזה אומצוואַרפֿן. ער איז איינגעשפּאַרט דאָך צו גיין אויף דער בריק.

גרישאַ רעדט שוין נישט מער, נאָר מיט אויסציִען די האַנט ווייזט ער אים דעם וועג אויף צוריק און ער לאָזט נישט אַראָפּ די האַנט כּל־זמן ער זעט נישט דעם קאַליקע זיך אומקערן צוריק.

אין אָוונט צעברענט גרישאַ צוויי שייטערס. ער ווייזט די שנעקעס טאַטאַרן צו זיצן ביים ערשטן שייטער. אַלעק און די חברים זיצן ביים צווייטן שייטער מיט אים, עפּעס טראָגט אים צו זאָגן:

— חברים! — ווענדט ער זיך אין אַ טאָן דווקא ווי אָפֿיציעל — אין יאָרן אויף יאָרן רייזע און דינען אויף דער שיף האָט בלויז איין מאָל געוואָגט אַ „קאַצן־יאַגער" פֿון דער בעקעריי זיך צו פֿרעגן: „ווי לאַנג לעבט אַ ייד?" אויף דער שיף זענען געווען פּערציק חברה. זיי האָבן גע־קוקט אויף מיר. פּערציק פּאָר אויגן האָבן מיך געבריט, האָב איך זיך אויפֿגעשטעלט און ראַפּאָרטירט פֿאַרן קאַפּיטאַן.

— פיעטקאַ, דעם „קאַצן־יאָגער״, פערציק מאָל טובלען אין ים — האָט ער געפּסקנט — פיעטקאַ איז אַ וואָרעם!... די שיף איז אָפּגעשווומען אָן דעם וואָרעם. היינט קריכן אַרום אָן אַ שיעור אַזעלכע ווערעם ווי דער פיעטקאַ דער „קאַצן־יאָגער״. די געזעלשאַפט איז ווערעמדיק... מער ווי ביים טאַטנס לעבן וויל איך היינט זיין אַ ייד. „שמע ישראל״ געדענק איך, „אשרי יושבי ביתך״ געדענק איך. בעתן שטיין פאַר דעם הינקענדיקן האָב איך אין דעם „שמע ישראל״ זיך דערמאָנט. איך וויל אָפּגעבן די בריק ווי זי דאַרף צו זיין און מיין קינד גאַליאַ זאָל שטאָלץ זיין מיט איר טאַטן. זאָגט מיר, אַז איר האָט מיך פאַרשטאַנען...

— פאַרשטאַנען, פאַרשטאַנען! — זאָגן אַלע מיט איין קול.

גרישאַ האָט נאָך אויף עטלעכע שעה אַרבעט ביי דער בריק, אָבער אַלעק און די חברים מוזן שוין צוריקפאָרן אין קאָלכאָז.

## די „גאָספּאָדסטאַווקע״

צו דער צייט, ווי לויט אַ פּינקטלעכער אויסגערעכנטקייט, קומט האַנזעל צו דער בריק, אָפּצונעמען צוריק דעם אַרבעטס־כּוח און צוריקברענגען אים אין קאָלכאָז. גרישאַ זאָגט צו האַנזלען צו לערנען אים כאַפּן פיש און ער וועט זיי זיך מיטנעמען אַהיים, אָבער האַנזעל באַשטייט נישט. ער האַלט זיך ביי זיינס — שוין צוריקפאָרן.

האַנזעל איז געקומען מיטן שוואַרצן אָגער. אויב דיעד סוואָסלאָוו גיט צו אַ נסיעה דעם שוואַרצן אָגער, איז עס עפּעס וויכטיקס, אָבער האַנזעל זאָגט נישט די סיבה. ווי אַלעק און די חברים זעצן זיך אַריין אין וואָגן, נעמט ער טרייבן דעם אָגער אין אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. אויך אין דעם שמייסן דעם אָגער זעט אַלעק, אַז עפּעס נישט געוויינלעכס טראָגט אים:

— האַנזעל, וואָס ביסטו אַזוי ווילד?

— אַזוי וויל אַלגאַ מאַטוועיעוונאַ.

ווען האַנזעל קומט אָן אין קאָלכאָז, טרייבט שוין בויקאַ צוריק די שעפּסן פון דער פּאַשע. שוין נאָך שקיעה, אָבער האַנזעל האַלט, אַז ער איז דאָך געקומען אין דער צייט און לויפט אין קאַנטאָר אַריין אָנזאָגן אַלגאַן:

— זיי זענען דאָ!

מיט אַלגאַ מאַטוועיעוונאַ זענען פאַראַן: דער פּרעדסעדאַטעל, דיעד סוואָסלאָוו און אויך איוואַן. זיי זענען אין מיטן פון אַ וויכּוח — צי שיקן אַלעקן און די חברים זיך צו שטעלן אין ראַיאָן פאַר דער מיליטער־קאָמי־סיע צוזאַמען מיטן ברויט פאַר דער „גאָספּאָדסטאַווקע״?

— היינט קאָנען זיי שוין נישט פאָרן. פיר זיי עסן — שרייט אַלגאַ צו האַנזלען.

אַלעק און די חברים וואַרטן נישט האַנזעל זאָל זיי פירן. דער הונגער שפּאַרט זיי און זיי ווייסן ווו צו גיין — זיי זענען דאָך ביי זיך, אין זייער קאָלכאָז. און זיי גייען צו דער כאָזאַיקע בערטאַ, וועלכע קאָכט פאַר זיי תמיד, ווען זיי זענען אין דער באַזע.

די כאָזאַיקע בערטאַ האָט נאָך נישט קיין געקעכטס, אָבער זי באַווייזט איר בריהשקייט. זי קאָכט אויף וואַסער, פאַרקנעט אַ ביסל מעל און רייבט דאָס טייגל אויף אַ ריבאַייזן, די קרישקעס פאַרוואַרפט זי אויפן וואַסער און ס'איז פאַרטיק פאַר זיי די זופּ. זיי נעמען נאָר דעם לעפל צום מויל קומט אַריין אָלגאַ מאַטוועיעווגאַ. אַ פרייד איז צעגאָסן אויף איר פּנים:

— חברים! — ווענדט זי זיך צו זיי — אייך דערוואַרט ווידער צו דערפילן אַ וויכטיקן בירגער־חוב! דער וואָיענקאָמאַט רופט, און אין איין וועג וועט איר שוין דערפילן נאָך אַ פליכט — מיטנעמען דאָס ברויט פאַר דער „גאָספּאָדסטאַווקע״.

— אָקערשט געוואָרן בירגער פון ראַטן־פאַרבאַנד און שוין רופט מען טאַנצן אויף דער חתונה — זאָגט אַלעק.

אין מיטן דער נאַכט וועקט ער זיך:

— דער וואָיענקאָמאַט קאָן אויך מאָביליזירן אין טרוד־באַטאַליאָן — אַ שפּאָגל ניי גיהנום...

די טראַכטענישן און די השערות קערן אים איבער די קישקעס און ער קאָן נישט שלאָפן.

אָן צו וואַרטן מען זאָל אים רופן, שטעלט ער זיך ביים שפּייכלער און לאָדנט אָן דעם וואָגן מיט זעק ווייץ פאַר דער „גאָספּאָדסטאַווקע״. אויך די חברים טוען דאָס. דאָס מאָל פאָרט אויך איוואַן. דאָס פּאָרפּאָלק סאָלאָמאָן נעמט ער אין ראַיאָן. סאָלאָמאָן אַליין וויל אַרויס פון דער דעמ־פּיקער אַטמאָספער אין דעם קאָלכאָז, וואָס אַרום אים. זיי קומען צו אַלעקן. זיי ווילן, אַז אַן אייגענער, וואָס איז גרייט געווען זיך איינצושטעלן פאַר זיי, זאָל כאָטש וויסן די סיבה פון זייער פאַרלאָזן דעם קאָלכאָז, און דאָס ווילן זיי זאָגן אויך אין סעלסאָוויעט:

— געאַרבעט אין די שטאַלן, ביי דער צענטריפוגע־מאַשין, אַרום די שעפּסן, קעלבלעך און חזירים. דעם דיעד בריגאַדיר קיין איין אַרבעט

נישט אָפּגעזאָגט, אַלץ צו וואָס ער האָט זיי געשטעלט — געטאָן. און די כאַזאַיקע סאָפיאַ האָט גערעדט פאַר אַלע, אַז דאָס פּאַרפּאָלק סאָלאָמאָן איז נישט ווערט דאָס ברויט, וואָס זיי עסן. זיי זענען אַ לאַסט דעם קאָלכאָז, אַ לוקסוס... צוויי זין, גערוּאָטענע קינדער, אויפגעהאָדעוועט. זיי זענען איצט אויפן ערשטן פייער קעגן שׂונא און זייער טאַטע־מאַמע, עוואַקויִרטע, ווערן אויסגעלאַכט פאַר זייער אַרבעט. צי קאָנען זיי דערציילן די קינדער, אַז זייערע טאַטע־מאַמע זענען נישט ווערט דעם ביסן ברויט?...

איוואַן איז שוין גרייט צו פאָרן. ער נעמט דאָך אויך מיט זיין שטעקן. ער נעמט אויך עטלעכע זעקלעך ווייץ צום מאָלן אין דער מעלמיל פאַר דער קאָלכאָז־קיך. ער איז אַ געביפּטער. ער איז זיך משער וואָס סאָלאָמאָן רעדט מיט אַלעקן, און ער וויל נישט ווייזן זיך ווי אַ שלעכטער. ער האַלט זיך מיט געדולד. דאָס מאָל זאָל אַלעק אים פרעגן, צי ער דאַרף שוין אַרויפגיין אויפן וואָגן?

✱

איוואַן פאָרט אַרויס מיט אַ פערד אין שפּאַן. אַלעק און די חברים מיט די זעק ווייץ מעשׂר פאַר דער רעגירונג פאָרן מיט אָקסן אין די יאַרמעס. איוואַן מוז זיין אין ראַיאָן פריִער, כּדי אָפּצושטעלן דאָס פּאָרל סאָלאָמאָן אין סעלסאָוויעט. מיטן מעשׂר און צו שטעלן זיך פאַר דער קאָמיסיע פון וואָיענקאָמאַט, איז צייט אויך מאָרגן.

— צוריקגעשמועסט — זאָגט אַלעק זיך צו מוטיקן — נישטאָ צו וואָס זיך צו יאָגן... זאָלן די אָקסן שלעפּן.

ווען אַלעק קומט צו דער אַכסניה אין ראַיאָן, איז שוין דאָרט דאָ איוואַן. ער איז שוין פריי פון דעם פּאָרל סאָלאָמאָן:

— אָפּגעוואָרפן איין פּעקל — זאָגט איוואַן און לאַכט מיט אַן אָפן מויל.

אַלעק ווייסט, אַז ער האָט נאָך אַ פּעקל: די עטלעכע זעקלעך ווייץ צו מאָלן אין דער מעלמיל ביי די מעכאַנישע וואַרשטאַטן, נאָר דער מילנער כאַפּט זיך נישט צום מאָלן אָן אַ מתּנה פאַר אים. היות איוואַן איז דער מענטש פון געזעץ, וויל ער נישט טאָן וואָס אַנדערע, און ער לייגט פאַר

אַלעקן צו נעמען דאָס האַלבע זעקל ווייץ, די מתנה. ער מאָלט אים אויס דעם פּלאַן פון דעם מילנערס כאַטע און ער פאַרלאָזט זיך אויף אַלעקן אין אויספירן די אויפגאַבע מיט דערפאָלג.

אַלעק כאַפּט זיך נישט צו טאָן וואָס איוואַן שלאָגט אים פאָר. ער זוכט אַן אויסרייד זיך אָפּצוזאָגן פון דער מיסיע, אָבער ער וויל אויך נישט אָנרייסן אויף זיך איוואַנס רוגז, קוקט ער אויף איוואַנען, טראַכט און יישובט זיך.

— דאָס מעל פון דעם ווייץ איז צו באַקן ברויט פאַר אייך — זאָגט איוואַן אין אַ תנאַי־טאָן.

אַלעק פאַרשטייט אים, אָבער זאָגט נאָך נישט צי ער איז מסכים. משה נעמט אויף זיך די משׂא און אַלעק גייט מיט אים.

ס'איז אַ גערדיכטע פינצטערניש. די מתנה, דאָס האַלבע זעקל ווייץ, איז אַ גענוג שווערע משׂא, טוישט ער משהן אין טראָגן. פאַר דעם מילנערס כאַטע שטעלט זיך אַלעק אָפּ און פּלאַנירט דעם אופן פון דערלאַנגען די מתנה. אין מילנערס שטוב איז אַ רעדעריי, ווי אין אַ וויכוח, אָבער אַלעק גייט דאָך אַריין. דער מילנער קומט אים אַנטקעגן, דאָס איז ער, ווי איוואַן האָט אים געשילדערט: מיט אַ האַלב אויער. אַלעק זאָגט אים פון וועלכן קאָלכאָז ער קומט און אַז ס'איז דאָ צום מאָלן עטלעכע זעקלעך ווייץ. אין דער צייט לייגט משה אָפּ ביים אַריינגאַנג די מתנה. דעם מילנער איז אַלץ קלאָר...

אין דער אַכסניה־שטוב, אויף אַ קאַזאַכישן קילים, ליגט איוואַן און רויכערט פּאַפּיראָסן — דאָס איז אויך אַ מתנה. ער וויל נישט זאָגן פון וועמען, אָבער אַלעק איז זיך משער, אַז פון אַ חבר אין סעלסאָוויעט...

באַגינען שפּאַנט שוין איוואַן איין דאָס פערד אין וואָגן מיט די זעק ווייץ. ער וויל זיין דער ערשטער אין דער מעלמיל, כּדי די מתנה נישט צו לאָזן פאַרגעסן און דער מילנער זאָל נישט כאַפּן מאָלן פון אַן אַנדערן, וועמענס מתנה איז אפשר גרעסער...

לעבן בנין פון דער מעלמיל שטייען שוין עטלעכע וועגענער, ליידיקע, ווייל די זעק תבואה צום מאָלן זענען שוין צוגעוואָרפן צו די מילשטיינער. איוואַנען קומט דאָס בלוט אין פּנים. ער שפּייט און שעלט, אָבער ער רעזיג־

נירט נישט פון זיין דער ערשטער. ער קאָן נישט טראָגן קיין משׂא און דאָך כאַפּט ער אָן אַ זאַק און שלעפּט אים אַראָפּ פון וואָגן. אַלעק און די חברים זעען, אַז עס רוקט זיך אָן די צייט צו זייער צושטעלן זיך פאַר דער מיליטער־קאָמיסיע, און זיי ווילן נישט פאַרשפּעטיקן, שלעפּן זיי אַראָפּ די זעק תבואה און וואַרפן זיי פאַר די פיס פון מילנער. איוואַן איז שוין רויִק. ער ווייסט, אַז ס׳איז גענוג וואָס דער מילנער זעט אים. די שטיינער זענען גרייט צום רייבן... אַלעק און די חברים גייען אין „וואָיענקאָמאַט״.

*

אין אַ ווינקל־גאַס איז דער ברייטער בנין פונעם „וואָיענקאָמאַט״. די מאָביליזיר־קאָמיסיע איז אין דער צווייטער טייל פון בנין, אין עטלעכע צימערן, ווו אין הינטערגרונט עפנט זיך אַ ברייטער הויף. דאָרט איז פאַ־ראַן אַ קליינע גרופּע מענער, נאָך אין ציווילער קליידונג, וואָס לערנען זיך שיסן אין אַ שילד מיט אָנגעצייכנטע רעדלעך. אַלעק און די חברים גייען אַריין צוזאַמען אין ערשטן צימער פון קאָרידאָר. צום טיש רעגיס־טרירן זיך גייט יעדער פון זיי באַזונדער. דער באַאַמטער פרעגט בלויז די פּערסאָנאַליעס, פאַרשרייבט און ווייזט אָן זיך צו שטעלן צו דער וואָג, פון דער וואָג צו מעסטן די הויך און דעם פאַרנעם פון ברוסטקאַסטן, וואָס איז אויך דער אָטעם, און צום טיש — צו די צווייטע דאָקטוירים. איין דאָקטער הערט אָלעקן אויס דאָס האַרץ, די לונגען, קוקט אים אַריין אין מויל. ער פרעגט צי ער האָט נישט קיין שוועריקייט ביים עסן צוליבן פעלן פון די מאָלציין? אָלעק ענטפערט: ער זאָל נאָר האָבן אַזוי פיל צו עסן ווי ער קען. דער צווייטער דאָקטער קוקט אים אין די אויגן, ווייזט אים אַ טאָוול מיט ציפערן צו לייענען. דאָס מאָל מוז ער נישט ווייזן צי ער איז נישט געמלט, ווי ביי דער פוילישער מיליטער־קאָמיסיע אין גוזאַר. ער גייט צו אָן אַנדערן טיש, דאָרט זענען שוין פאַראַן אַלע זיינע פּאַפּירן. ביים טיש זיצן צוויי אָפיצירן אין אוניפאָרמען מיט גלאַנציקע שליפעס פון אַ הויכן ראַנג. זיי רעדן זיך איבער, שטעלן פעסט צו וועלכער טייל חייל ער ווערט באַשטימט. ביים לעצטן טיש זיצט בלויז איין באַאַמטער, אויך

מיט שליפעס גלאַנציקע. ער זאָגט אים דעם באַשלוס: „גאָדין" און הייסט וואַרטן אויף אַ מעלדונג.

אַז אַלעק און די חברים זענען צוריק אין קאָרידאָר, קוקן זיי זיך איינער דעם אַנדערן אין די פּנימער, כדי צו לייענען פון אויסזען די שטימונג:

— אַריינגעכאַפּט די פייגל אין שטייג...

— פאַרקלעמט די פליגל...

— אויס קאַפּעליוש־מאַכער...

שוין דערפילט זייער בירגער־חוב, נעמען זיי די וועגענער מיט די זעק ברויט און פאָרן אַפּצאָלן דעם קאָלכאָז־חוב — „גאָספּאָדסטאָוואָקע".

איוואַן רויכערט נאָך פון דער פּאַפּיראָסן־מתנה. אויפן וואָגן האָט ער שוין די זעק מעל, און ער שפּאַנט דאָס פערד אין וואָגן צום צוריקפאָרן אין קאָלכאָז, אָבער ער וויל נישט דאָס מאָל אָנפירן מיטן פערד, ווייל ער איז מיד פון נישט שלאָפן. ער שלאָגט פאָר, אַז אַלעק זאָל איבערנעמען ס׳פאָרן מיטן פערד. אַלעק איז זיך משער, אַז איוואַן האָט עפּעס אַ כוונה צו זיין דווקא מיט אַלעקן אַליין אויפן וואָגן, און אין וועג רוקט ער זיך צו, שפּאַרט זיך אָן אין אַלעקס פּלייצעס. ער פרעגט:

— זאָגט דיר אָלגאַ, אַז מיינע באַריכטן זענען מיט פעלערן?

— ניין, זי זאָגט נישט.

— ווייסטו, אַז גריגאָרי רייסט זיך צו איר?...

— וואָס גייט עס מיך אָן?

— כ׳מיין אַז יאָ. כ׳הער די כאָזאַיקעס רעדן... אָלגאַ זאָגט, אַז דו... אַז זי איז פאַרליבט אין דיר.

— איך ווייס נישט.

— דאָס רופן דיך צו דער מיליטער־קאָמיסיע איז אויף אָלגאַס אָן אָנווייזונג, ווייסטו?

— ניין, איך ווייס נישט.

— זי האַלט, אַז מענער דאַרפן זיין אַלע אויפן פראָנט. זי האַלט זיך פאַר אַ גרעסערער פּאַטריאָט ווי איך, און איך האָב אַ פּאַרטיי־ביכל.

אַלעק קומט אין קאַלכאָז אַ סך פריִער ווי די חברים, וואָס פאָרן מיט די אָקסן. ער האָט צייט און דאָך גייט ער נישט זיך זען מיט אַלגאַן. אויב ס׳זאָל אמת זיין, וואָס איוואַן זאָגט, אַז זי ווייזט אָן צו נעמען אים אין דער אַרמיי, וויל ער זי נישט...

די חברים קומען אָן אין קאָלכאָז שוין אין אָוונט. אין דער שטאָל איז נישטאָ די אויפזעערין, וואָס זאָל צונעמען פון זיי די אָקסן. ס׳איז שטיל אין דער קאָלכאָז־באַזע. אַלעקן איז נישט קיין וווּנדער. ער ווייסט, אַז אַלע זענען אין פעלד. ס׳גייט נאָך אָן דער שניט פון קאָרן. אַלעק און די חברים גייען צו דער כאַזאַיקע בערטאַ עסן אָוונטברויט. דאָס מאָל האָט זי פאַר זיי אַ היפש געקעכטס — אַ זופּ מיט קליסקעס און אַ קאַרטאָפל־טייגעכץ. דער פרעדסעדאַטעל איז נאָך אין פעלד, אויך דיעד איז דאָרט. אַלעק ווייסט נישט, צי מאָרגן דאַרף ער ווידער פאָרן מיט דער „גאָספּאָד־סטאַווקע״. אפשר ווייסט אַלגאַ — גייט ער צו איר.

דאָס טירל פון אַלגאַס צימער איז איינגעבראָכן. זי איז אין צימער. זי דערזעט אַלעקן, שפרינגט זי אויף און אַ פריידיקער שמייכל בלאַנקט אין אירע בלאָע אויגן. זי שטרעקט אויס צו אים די הענט:

— גריגאָרי האָט זיך פאַרלוירן און איינגעבראָכן די טיר — זאָגט זי און לאַכט.

אַלעק מיינט גאָרנישט צו פרעגן וועגן דער טיר. ער האַלט זיך אין אירע הענט.

— גריגאָרי האָט נישט דערגרייכט וואָס ער האָט געוואָלט... — זאָגט אַלגאַ און וואַרפט קאָקעטיש מיטן קאָפּ.

אַלעק הייבט מיט די אַקסל. דער ענין אינטערעסירט אים נישט.

— קיינער קאָן מיך נישט נעמען, אַז איך וויל נישט... — רעדט אַלגאַ אין הייטערקייט.

און ווידער הייבט אַלעק מיט די אַקסלען.

— דו גלייבסט מיר נישט?

— איך האָב דאָס נישט געזאָגט.

— אָבער דו צווייפלסט!

— אויך דאָס האָב איך נישט געזאָגט.

— דו רעדסט נישט. דו שרעקסט מיך. מאַכסט מיך טרויעריק — ראַפּטעם זעצט זי זיך — דאָס האָב איך נישט דערוואַרט! נישט דערוואַרט!
אָלעק גייט דאָך נישט אַוועק פון אָלגאַן אָן האַרציקע קושן. ער ווייסט שוין, אַז אויך מאָרגן פאָרט ער מיט דער „גאָספּאָדסטאַווקע".

## שניי־בוראַן

די „גאָספּאָדסטאַווקע" איז אַ לעבנס־שטייגער. יאָר אין יאָר, אין איין צייט, אין איין אופן, גייט אָן דער מינהג, און וויפל ס'זענען פאַראַן אין קאָלכאָז אַרבעטס־אָקסן, זענען זיי אין די יאַרמעס אויף צו פירן דעם מעשר. יעדעס יאָר, בעתן אָנלאָדן די וועגענער מיט זעק ברויט פאַר דער „גאָס־פּאָדסטאַווקע", קוקן די קאָלכאָזניקעס בויקאָ, סאָפּיאַ, יעפימאָוואַ און אויך דיעד סוואָסלאָוו, אַריין אין שייער, כּדי צו זען צי ס'בלייבט נאָך ברויט פאַר זייערע אַרבעטטעג, און יעדער טראַנספּאָרט וועגענער מיט דעם מעשר, באַגלייטן די כאָזאַיקעס מיט צער אין די אויגן און מיט שווערע זיפצן.

— וואָס זיפצן די כאָזאַיקעס ? — פרעגט אַלעק.

— אַזוי איז אונדזער לעבן — דערקלערט דיעד.

עטלעכע וואָכן האַלט אָן ס'פירן די זעק ברויט צום שפּייכלער אין ראַיאָן. איין נסיעה מיט די אָקסן, אַהין און צוריק, פאַרנעמט ביי אַלעקן צוויי טעג. די עטלעכע וואָכן פאַרציִען זיך ביז די קורצע האַרבסט־טעג און מיט אַ מאָל נעמט פאַלן אַ שניי און כּהרף־עין איז דער אַרום באַדעקט מיט אַ העלער ווייסקייט. די שניי־פלאַטערלעך פאַלן שטיל, באַדעקן דעם וועג, די פעלדער מיט אַ פוכיקער ווייכקייט, אָבער אין פריִען אָוונט פאַר־צייט אים אַ גליווער, פאַרווישט דעם שליאַך און די שפּורן פון די וואָג־רעדער, נאָר די שפּורן פון די הויפנס מיסט, וואָס עס לאָזן די בהמות אין וועג, איז פאַר די אָקסן אַ סימן צו דערשנאַפּן די ריכטונג און צו האַלטן זיך אויף דעם שליאַך.

— דאָס איז דער איינציקער אויסוועג, אין דער צייט, נישט צו פאַרלירן זיך, און זיין אויסער סכּנה — זאָגט דער דיעד.

מיט די ערשטע שנייען שוין איז דער קאַלכאַז איינגעהילט אין ווייסן. בלויז דער רויך פון די קוימענס גיט זיך נישט נאָך דער ווייסקייט. דאָס פירן דעם מעשׂר גייט אָן אויך אין די שנייִקע טעג. אַלעק נאָר איז מיט משהן. די חברים זענען מאָביליזירט אין אַרבעטס־באַטאַליאָן. דער וועג צום ראַיאָן, אויפן איינגעפּרעסטן שניי איז ווי אַ גליטש. אַלעק וויל פאָרן מיט אַ שליטן, אָבער דיעד סוואָסלאָוו לאָזט נישט.

— מיט שליטנס פאָרט מען אויף שפּאַציר — זאָגט דער דיעד.

דאָס פאָרן צו די סטויגעס היי אין פעלד, כּדי צו ברענגען פאַשע פאַרן סקאָט, איז אויך נישט מיט קיין שליטן, נאָר מיט אַ וואָגן מיט הויכע לייטערס, ס׳זאָל זיך אָנפּאַקן אַ סך היי. פראָסט און שניי איז נישט קיין מניעה נישט צו פאָרן. אַלעק איז אין אַ וואַטע־היטל מיט אויערן־לאַפּעס, וואָס פאַרדעקן אים ס׳פּנים, אַז נאָר די שפּיץ נאָז איז פריי. ס׳איז אָבער שווער אַרויסצורייסן מיטן גאָפּל אַ ביסל פון דעם סטויג היי. די גאָפּלציין קרומען זיך אויס און ער קומט מיט אַ האַלבן וואָגן שניי און אַ האַלבן וואָגן היי. דיעד סוואָסלאָוו קאָן נאָך נישט זאָגן צי עס קאָן נישט זיין אַנדערש. ער איז פאַרטראַגן אין דערקלערן זיך די סיבה פון פרעדסעדאַ־טעלס זוימען זיך אין ראַיאָן. צי איז ער צוליב די שנייען נישט שטעקן געבליבן אין וועג? צי זאָל ער נישט אַרויספאָרן אים העלפן?

גריגאָרי האָט זיך געזוימט אין ראַיאָן צוליב אַ פּאָסילקע, אַ פּאַקעט פאַר אַלעקן, געשיקט פון תּל־אביב. ער האָט געוואָלט דווקא הײַנט ברענגען די פּאָסילקע. אין קעגנוואָרט פון אָלגאַ מאַטוועיעוונאַ עפנט אַלעק דעם פּאַקעט. ס׳זענען דאָ פאַר אים אַ פּאָר שיך, אַ פּאָר בריוולעך ניינאָדלען, עטלעכע בלײַערס, עטלעכע קאָלערלעך פאָדעם, אַ פּאָר קעמעלעך, און עטלעכע שטיקלעך זייף.

די כאַזאַיקעס זענען זיכער אַז ער וועט פאַרקויפן. אָלגאַ פירט די ליציטאַציע: פאַר אַ בריוול ניינאָדלען — אַ האַלבן פונט פוטער. פאַר אַ קעמעלע — אַ צענדליק אייער. זי לאָזט נישט אַלץ פאַרקויפן מיט איין מאָל. פאַר זיך נעמט זי נאָר איין בלייער.

אָלגאַ דאַרף גאַנץ פרי אַרויספאָרן אין ראַיאָן. ס׳איז שוין נאָענט צו

האַלבער נאַכט, אָבער זי וויל נאָך נישט שלאָפן. זי וויל נישט קיין ליכט לעבן בעט.

— דאָס בעט איז ליכטיק מיט דיר — זאָגט אַלעק.

אַלגאַ וויל זאָגן דאָס ליד אין יידיש — זען צי זי געדענקט.

— ווייסט וואָס איך טראַכט? — פרעגט אַלגאַ.

— יאָ, איך ווייס.

— וואָס?

— איך זאָל שוין גיין, ווען סטו שלאָפן.

— ניין, נישט געטראָפן.

— נאָר וואָס?

— די נאַכט זאָל זיך ציִען, ציִען...

— „הוליעט, הוליעט, בייזע ווינטן"... שעפּטשעט אַלגאַ און ציט צו צו זיך אַלעקן.

✶

דער ווינטער ליגט שוין אין קאָלכאָז מיט זיין פולער שאַרפקייט — הן מיט די שנייען, הן מיט דער פראָסטיקייט. דאָס מאָל איז דער באַגינען דאָך אַ ליכטיקער. ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס שנייען און דער אָנגע־לאָפּענער שניי פון ביי נאַכט ליגט ווי צוגעקלעפּט צו די כאַטעוועס און אַ פּאַנצער. מען דאַרף שוין ווידער היי פאַר די בהמות אין שטאַל. עלעהיי

אַלעק און משה זענען די איינציקע, וואָס קענען דעם צוגאַנג צו די סטויגעס היי אין פעלד. אַלעק פאַרלייגט די יאַרמעס איבער די אָקסן־העלדזער און שפּאַנט איין די אָקסן אין די הויכע לייטער־וועגענער.

אין פעלד איז דער שניי העכער ווי צווישן די כאַטקעס אין קאָלכאָז. די אָקסן טאַפּטשען ווי אין זומפּן. די רעדער זענען אויך אויף אַ העלפט אין שניי און דאָס פאָרן קומט אויס ווי שניידן אַ קאַנאַל. היות דער וועג פאַרנעמט דאָס מאָל מער צייט ווי געוויינלעך, באַווייזט אַלעק נאָר איין מאָל אין טאָג צו קומען מיט אַ וואָגן היי פאַר די בהמות. דיעד סוואָסלאָוו קאָן אָבער נישט פאַרשרייבן אים מער ווי אַ האַלבן אַרבעטסטאָג. ער האָט דאָך פאַר אים אַ פאַרשלאָג:

— נישט אָפּשטיין אין פאָרן, כּל־זמן ס׳איז שטיל, און גראָד אין אַ לבנה־נאַכט.

דיעד דערמאָנט זיך, אַז ער דאַרף צושטעלן שטרוי פאַר אָלגאַ צום הייצן דאָס אייוועלע און ער ווייסט, אַז פאַר אָלגאַן איז אַלעק גרייט צו טאָן דאָס שווערסטע. וואַרט ער נישט אויף אַלעקס וואָרט. ער האַלט, אַז אַלעק באַשטייט און כּדי צו מוטיקן זאָגט ער אים צו צו געבן דעם שוואַרצן אָגער.

משה שטעלט זיך צו הילף אַלעקן.

בעת זייער אָרויספאָרן איז דער דיעד דאָ, כּדי אָנצוווייזן אַלעקן ווי זיך צו האַלטן אין דעם קלימאַט:

— אין פראָסט איז בעסער צו גיין לעבן וואָגן, ווי צו זיצן אויפן וואָגן. נעמט פאַלן אַ געדיכטער שניי, איז גוט אָנצושטעלן דאָס פערד צו דער ריכטונג פון קאָלכאָז, צו דער שטאַל — גיט דיעד צו און פאַטשט מיט די הענט אויף אַ הצלחה־ווונטש.

אין דער העלער לבנה־נאַכט איז דאָס פאָרן אין דעם מיטן שניי־באַצויגענעם פעלד ליכטיקער ווי באַגינען. אַלעק פילט, אַז דער פראָסט שטאַרקט זיך, שפּרינגט ער אַראָפּ פון וואָגן און אויך משה. זיי יאָגן אונ־טער דעם אָגער צו לויפן מיט מער אימפּעט. דעם אָגער זעצט אַ פּאַרע פון פּיסק און זי לייגט זיך אים אָפּ ווי צאָפּנס אייז.

מיט אַ מאָל פאַרציט זיך איבערן הימל אַ גראָקייט ווי אַ נעפּל און די לבנה ווערט פאַרשמירט, ווי אָפּגעריבן פון גלאַנץ. עס פליט אָן אַ ווינט, וואָס טראָגט מיט זיך אַ שניי... דער ווינט טראָגט דעם שניי פון גאַנצן אַרום, פון אויבן, פון אונטן, און ער דרייט זיך אין אַ ווירוואַר, אַז ס׳איז שוין אוממעגלעך צו דערבליקן פון וואַנען ער קומט. דער ווינט הודזשעט און פאַטשט מיט שניי, קלעפּט זיך אין די ווִיעס, פאַרדעקט די קאָנטורן פון פערד, פאַרוואַנדלט אים אין אַ באַרג. אַלעק זעט נישט משהן און משה זעט נישט אַלעקן. זיי זענען פאַרכאַפּט ווי פון אַ פאַרפּלייצונג. אַלעק דערמאָנט זיך, אַז דער דיעד האָט אים געוואָרנט אַז אין אַזאַ שניי־שטורעם מיטן נאָמען „בוראַן”, איז אַ סכּנה צו בלייבן פאַרשיט אונטערן שניי און נישט אויפצושטיין. ער רופט משהן און משה רופט אים, אָבער

ס׳איז אוממעגלעך צו שרייען, דער ווינט דערלאָזט נישט קיין עכאָ. דער אָגער שטייט אָנגעשלאָגן אין אַ באַרג: דאָס איז דער סטויג היי. אַלעק פאַלט צו צום סטויג, אויך משה קלאַפּט זיך אָן אין דעם סטויג. זיי ווילן זיך איינגראָבן אין דעם היי. זיי שטופּן אַריין די גאָפּלען, כּדי אַרויס־צוציִען קופּעס היי און זיי רייסן גאָר אָפּ גרודעס שניי. זיי נעמען גראָבן אַ נישע אין דעם שניי און זיך פאַרשטעקן, אָבער וויפל זיי רייסן, שווערט די שניי־משׂא פון דער הויך און פאַרשיט דעם לאָך. שלעפּן זיי אַראָפּ אַ לייטער פון וואָגן, כּדי צו האָבן אַ וואַנט. די לייטער שטעקט אַ העלפט אין שניי און זיי באַהאַלטן זיך אונטערן וואָגן — און ווי דער „בוראַן" איז געקומען פּלוצלונג, אַזוי שטעלט ער זיך אָפּ.

ס׳איז נאָך נאַכט און אַלעק פאָרט דאָך אַריין אין קאָלכאָז מיט אַ פולן וואָגן שטרוי.

ביי דער פערדשטאַל שטייען בויקאָ, נאַדיאַ, מאַריאַ ניקאָלאַיעוונאַ און פעדאָראַ — אַלע אויפן רוף פון דיעד סוואָסלאָוו, כּדי אַרויסצופאָרן אין פעלד און זוכן אַלעקן מיט משהן. דיעד איז נישט זיכער געווען, צי דער בוראַן־שניי האָט זיי נישט פאַרדעקט...

אָלגאַ מאַטוועיעוונאַ איז נאָך אין ראַיאָן. דיעד סוואָסלאָוו באַשטייט, אַז אַלעק זאָל די רעשט נאַכט שלאָפן אין איר צימער.

אין די עטלעכע שעה נאַכט נעמט ווידער פאַלן אַ שניי. דאָס מאָל אָן אַ ווינט, אָבער דער שניי איז אַ געדיכטער, ער פאַרשיט אַלע סטעזש־קעס, לייגט זיך אַרום די כאַטקעס, און באַגינען זענען די קאָלכאָז־כאַטקעס ווי איינגעזונקען אין שניי. אַלעק שטויסט מיט כּוח די טיר — נישט צו עפענען. נאָר איין פעדאָראַ, וואָס איז אַרויס דורכן בוידעם גייט אַרום אויפן דאַך פון איר כאַטקע. זי מוז האָבן נאָך צוויי מענטשן, כּדי אַראָפּ־צוואַרפן דעם שניי פון די טירן, אָבער אַלעק איז פאַרשפּאַרט און משה איז פאַרשפּאַרט ביי דער יעפימאָוואַ אין דער כאַטקע. זיי האָבן נישט קיין בוידעם זיך אַרויסצודראַפּען. פעדאָראַן געלינגט דאָך אַרויסצוציִען איר ברודערל לעאָן, און ערשט מיטן כּוח פון דעם יינגל באַפרייען זיי אַלעקן. פעדאָראַ רייסט אָוועק דעם שניי, וואָס פאַרדעקט דעם אַריינגאַנג צו דיעד סוואָסלאָוו.

דיעד סוואָסלאָוו קומט אַרויס, קוקט אויף דער דיק פון דער שנייוואַנט, וואָס איז נאָך מיט דער צווייטער העלפט צוגעשפּאַרט צו זיין כאַטקע. ער זעט אַלעקן האַלטן די נאָז פאַרקרימט, וויקלט ער זיך די וואָנצעס און כאַפּט אַרום אַלעקן, הענגט זיך אָן אויף זיינע אַקסלען, ווי אַ שטיף צו טאָן:

— דער שניי־בוראַן איז אַ שד אין זיין צייט... און וועלכע צייט האָט נישט זיין שד?... — רעדט דער דיעד און קוקט אַלעקן אין פּנים, ווי אין פרעגן צי ער פאַרשטייט.

אַלעק הערט זיך צו מיט ערנסט צו דיעדס רעדן און זיינע ווערטלעך, וועלכע זענען תמיד מיט אַ כּוונה, ווי אַ ביס צו טאָן אַ מנהג, די ווירט־שאַפט, דעם עצם עקזיסטענץ זייערן. אין אַלעקס איינהערן זיך געפינט ער אַ באַרעכטיקונג פאַר זיינע אויסדרוקן, אָבער קיין מאָל איז נישט צו פיל צייט פאַר הלצות. אויך דאָס מאָל — אָפּגעזאָגט וואָס אויף דער צונג, לויפט ער אַרויסרופן די מיידן אָפּצוּוואַרפן דעם שניי פון דעם אַריינ־גאַנג אין די שטאַלן.

*

שוין נאָענט צו אָוונט. די לבנה גייט ווידער אויף אַ העלע און גלאַנ־ציקע. אַלעק האַלט נאָך אין אָפּוואַרפן דעם שניי פון אַרום אַלגאַס נייער וווינונג, אין דער כאַטע פון מאַרטאַ, די אויפזעערין אין שטאַל, ווי עס רופט אים אַלגאַ מאַטוועיעוונאַ, נאָך זיצנדיק אין דער בריטשקע ביים צוריקקער פון ראַיאָן.

זי האָט אַ בשורה פאַר אַלעקן:

— דו ביסט אויסדערוויילט צו ווייזן זיך פאַר אַ העלד! — אין איר שטים קייקלט זיך אַ פריידיק געלעכטער. זי גיט אים איבער אַ מאָבי־ליזאַציע־קאַרטל...

אַלעק קוקט זי אָן אין שטוינונג. אַלגאַ פילט, אַז עס האָט אים אַ ברי געטאָן, זי ענדערט אָבער נישט דעם טאָן פון רעדן:

— איך האָף דאָך דיך ווידערצוזען — זאָגט זי, און שפּרינגט אַראָפּ פון דער בריטשקע, און ווי שוועבנדיק פאַרשווינדט זי פון זיין בליק.

# די לובאַרטאָווער

דער פרימאָרגן־הימל איז פאַרכמאַרעט, פאַרמעט־מאַט. ווי פאַרפלייצט דורך אַ נעפל־האָרך זענען אויך די קאַכלדעכער פון די שמאָלע, נידעריקע, ראַיאָן־הייזקעס, וואָס אָקערשט אָפּגעשיילט פון זיך דעם נאַכטאומעט קוואַפּן זיי אין איינגעשרומפּנקייט ווי צעקנאָדערטע לעדערפעלן.

אָלעק איז אָנגעקומען אין דער ראַיאָנשטאָט, כּדי צוצושטעלן זיך אויף דעם רוף פון דעם מיליטער־קאָמיסאַריאַט. ער ריכט זיך נישט לויט דער ציַיט פון זייגער. ער גייט נישט אין דער אַכסניה, נאָר גלייך צו מעלדן זיך מיט דער מאָביליזיר־קאַרטע.

דאָס ביוראָ פון קאָמיסאַריאַט איז נאָך נישט טעטיק, נאָך נישטאָ קיין באַאַמטער. אינעם הויף, וואָס הינטער דעם בנין, וואַרטן שוין צענדליקער מיט מאָביליזיר־קאַרטן, וועלכע זענען געקומען נאָך אין מיטנאַכט. אַ טייל שלאָפט אויף דער ערד, אַנדערע, וועלכע זענען נישט גלייכגילטיק צו דעם רופן זיי אין מיליטער, קאָנען נישט שלאָפן. זיי ווילן וויסן זייער גורל. שפּאַנען זיי אַרום איבערן הויף און מעדיטירן וועגן ציל פון דער אויפ־פאָדערונג. עטלעכע וויסן פון פאָרויס, אַז מען וועט נישט איינשליסן אין די רייען פון דער אַרמיי, נאָר אין אַן אַרבעט־באַטאַליאָן. לויט די שפּאַס־קנייטשן מיט די ליפּן איז קענטיק, אַז זיי נעמען נישט צו ערנסט דעם ענין — אַרבעט... טוט מען דען אין קאָלכאָז עפּעס אַנדערש ?! וועמען שרעקט אַרבעט ?!

מיטן עפענען אַ פענצטער פון אַ צימער אין דעם בנין הייבט זיך אָן די טעטיקייט פון די באַאַמטע אין ביוראָ. ס׳ווערן אין דעם פענצטער אַריינגעלייגט די מאָביליזיר־קאַרטלעך און מען דאַרף וואַרטן. צו האַלבן

טאָג באַוויזט זיך אויפן אַריינגאַנג־טרעפּל פון קאָרידאָר אַן אָפיציר מיט גלאַנציקע גאָלד־שליפעס און אַ בויגן פּאַפּיר אין דער האַנט. אַן וועלכער ס'איז ווענדונג, שטעלן זיך פאַר אים אַלע יונגעלייט גרייט צו הערן אים. דער אָפיציר שמייכלט. ער זעט, אַז ער האָט פאַר זיך אַ דיסציפּלינירטע חברה. ער קוקט אין פּאַפּיר און רופט אויס נעמען. די אויסגערופענע מוזן נישט ענטפערן. די רשימה איז דאָך לויט די דערלאַנגטע מאָביליזיר־קאַרט־לעך און ער פאַרהאַלט זיך נישט. ער דערקלערט בלויז: אַלע דערמאָנטע דאַרפן אַרויפזעצן זיך צום טראַנספּאָרט אויף די אויטאָס און זיי וועלן אָנקומען אין די אַרבעטס־פּונקטן.

אַלעק און נאָך עטלעכע בלייבן נישט אויסגערופן. ער גייט אָבער נישט אַוועק — אפשר איז ער גאָר אויסגעוויילט געוואָרן אייַנצוגלידערן אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי? ווען די גרופּענע פאָרן אַוועק, קומט ווידער אַרויס דער אָפיציר און ער מעלדעט:

— די געבליבענע דאַרפן צוריקפאָרן אין די קאָלכאָזן, פון וואַנען זיי זענען געקומען!

נאָך איידער דער אָפיציר ענדיקט רעדן, זענען שוין עטלעכע פון די געבליבענע אַוועק אויף דער צווייטער זייט טויער, אָבער דאָס איז דעם אָפיציר נישט קיין וווּנדער: ער שמייכלט מיט גרויס פאַרשטענדעניש.

אַלעק גייט אין דער ריכטונג פון דער אַכסניה. ער יישובט זיך נאָך מיט דער דעה: זאָל ער צוריקפאָרן אין קאָלכאָז? ער טראָגט זיך מיט פאַרדראָס אויף אַלגאַ מאַטוועיעוונאַ און האָט שוין נישט קיין האַרץ פאַר איר. אין וועג טרעפט ער באַלעק קרויטמאַן, איינער פון די ברידער קרויטמאַן, מיט וועלכע ער איז געקומען אין סאָווכאָז ביי דער בורטע. אַלעק פרעגט אים וועגן זיין ברודער לעאָן, דער פריילין מאַרצעלאַ און נחום פישמאַן, און פאַר וואָס האָבן זיי פאַרלאָזט דעם סאָווכאָז אָן צו לאָזן אַ שפּור נאָך זיך? צי איז מאַרצעלאַ אַוועק צוזאַמען מיט זיי?

באַלעק וואַרפט מיט זיינע אַש־קאָליר־אויגן אויף רעכטס, אויף לינקס, ווי אין מורא צי מען גייט אים נישט נאָך צו כאַפּן אים. ער איז צעטומלט פון פחד. ער איז אַרויס פון דער מחנה — אַנטלאָפן פון אַרבעט־באַטאַליאָן. זיין ברייט פּנים מיט די הויכע קינבאַקן איז אים ווי אויסגעקוועטשט. ער

ווייסט נישט וואָס מיט לעאָנען זיין ברודער. אַלע יאָרן פון נע־ונד איז נישט געווען קיין כּוח, וועלכער זאָל זיי צושיידן. זינט ער איז איינגעשלאָסן געוואָרן אין אַרבעט־באַטאַליאָן, האָט ער נישט דעם ברודער.

דער אַרבעט־באַטאַליאָן איז אַ גיהנום — דערציילט באַלעק — ס׳זע־נען דאָרט אָנגעשיקט אוזבעקן, קאַזאַכן און סתם גנבים, אַ גרויס פּאַהיבעל. נישט איין מאָל איז אים, ווי דורך עפּעס אַ מאַגישן אופן, אַוועקגעקומען פון אונטער דער האַנט די פּייקע ברויט. טאָג־טעגלעך ווערן פאַרשווונדן די אַרבעט־כּלים: צוועגנגלעך, פּיילן, שליסלען. לעצטנס זענען די פינף פון זיין גרופּע ביים וואָרשטאַט אים באַפאַלן, אָפּגעטשאַטעוועט אים ביים אַריינגיין אין באַראַק, אים פאַרשלעפּט, אים אַוועקגעלייגט אויף דער ערד. צוויי האָבן געשפּאַנט זיינע הענט, צוויי האָבן געהאַלטן זיינע פיס און דער פינפטער האָט אים אַרויסגעשלעפּט דעם פישער. נאָר ער זאָל צוזאָגן צו זיין בלינד און שטום. אַנדערש פאַרקלענערט ער אים דעם פישער. דאָס מאָל איז עס נאָר אַ וואָרעניש...

באַלעק איז שוין פון דער מחנה דעם צווייטן טאָג און ער וויל זיין וואָס ווייטער פון דעם גיהנום, וואָס מען רופט „אַרבעט־באַטאַליאָן״.

— דיר איז ווויל, אַלעק, ביסט נישט געשיקט אין אַרבעט־באַטאַליאָן.

מיט אַזאַ פּליכיקן קאָפּ שיקט מען נישט און מען זעט נישט דאָרט — זאָגט באַלעק און ציטערט.

באַלעקס שילדערן דעם אַרבעט־באַטאַליאָן דערשיטערט אַלעקן. ער טראַכט וועגן זיין חבר משה, אים צו וואָרענען וועגן דעם אַרבעט־באַטאַליאָן, אָבער ער מוז רעזיגנירן פון דעם געדאַנק, ווייל ער וויל נישט צוריקגיין אין קאָלכאָז „ערשטער מאַי״. ער דערמאָנט זיך אין דער שטאָט ווו עס גע־פינט זיך זיין חבר ראובן, צו וועלכן עס ציט אים שוין פון אַ צייט. ער זעט איצט נאָר איין אויסוועג: גיין, פרעגן ביי די פויערים, וועלכע פירן מעשׂר פאַר דער רעגירונג. אפשר וועט אַ פויער אַרויפלאָזן אויף דער פור?

אַלעק איז אַפילו אַ שוואַכער פוסגייער, אָבער ער שפּאַנט. אין וועג טרעפט ער וועגענער, וואָס פירן תבואה צום עלעוואַטאָר אין אַק־בולאַק. די שטאָט ווו עס געפינט זיך זיין חבר ראובן. ער האַלט נאָך די פורן פון די פויערים, וועלכע זענען אים די וועגווייזערס. ער פרעגט און בעט

אים אַרויפלאָזן אויף אַ וואָגן. האַלט איינער, אַז זיין וואָגן איז איבערגעלאָדן, אַ צווייטער טרייבט אים אַוועק, ער געפעלט אים נישט, קאָן נאָך צושלעפּן אַ זעקל. דאָך טרעפט ער אָן אויף איינעם אַ וואָגן מיט הויכע לייטערס, וואָס אָקסן שלעפּן אים. דער פויער איז שוין העכער אַ מעת-לעת אין וועג און עס איז אים שוין נמאס דאָס רופן — „צאָפּ־צעבע!" דער פויער נעמט אים אַרויף צו זיצן לעבן אים. ער וויל, אגב, כאַפּן אַ דרימל. ער רעדט, די אויגנלעפּלעך אַראָפּגעלאָזט, און זיין רעדן איז אויך נאָר אַ מין בלאָזן מיט די ליפּן, אַז אַלעק פאַרשטייט אים נישט און וויל אויך נישט איבער־פרעגן, כּדי נישט אַרויסצורייסן אים פון שלאָף. פון צייט צו צייט וועקט ער זיך איבער און פרעגט ביי אַלעקן, צי די אָקסן ציִען.

נאָך אַ צייט וואַכט דער פויער אויף. ער קוקט זיך אַרום אויף די צעאַקערטע פעלדער און פּייכט זיך איין די ליפּן מיט דער צונג, ווי פון צופרידנקייט, אַז די אָקסן אין זייער טשלאַפּן רוקן זיך דאָך פאָרויס און ווייטער.

— ווילסט אפשר קויפן אַ זעקל ווייץ? — פרעגט ער אַלעקן און מיט אַ לייכטן שטאָרג אין אַקסל, אַז אַלעק זאָל אים גוט פאַרשטיין... — איך קאָן אַראָפּוואַרפן עטלעכע זעקלעך, אַז דו ווילסט. איך קאָן זיך אָפּשטעלן ביי דער כאַטע, ווו דו ווילסט, און אפשר נאָך ווייטער? צום עלעוואַטאָר וועל איך נישט פאַרשפּעטיקן. זיי אַרבעטן אָן אַן איבעררייס.

— איך ווייס נישט גענוי ווו זיך אָפּצושטעלן — זאָגט אַלעק.

— נישט קיין אַק־בולאַקער? — ווו דען? אילעצק? דער מרחק אין פאָרן איז נישט קיין מניעה... — טוט דער פויער ווידער אים אַ שטאָרג אין אַקסל, אַז ער זאָל כאַפּן זיין כּוונה. ער גיט אים נאָך אַ רמז — אין שטאָט וועסטו דאָס נישט קויפן פאַר אַזאַ געלט. מיר לוינט נישט אַרייַנ־צופאָרן צום עלעוואַטאָר מיט אַלעמען וואָס אויפן וואָגן. פאַר דיר קאָן איך אַפילו באַשטיין אַראָפּצוקוועטשן פון פרייז...

אַלעק פאַרשטייט אים, אָבער ער קאָן אים נישט העלפן. ער וויל זיך אויך ביי אים נישט קליין מאַכן מיט זאָגן אים דעם אמת. דעם ערל קאָן דאָס אַריינפירן אין צאָרן און ער וועט אים אַראָפּבעטן פון וואָגן. אַלעק שווייגט און מאַכט זיך קלערן.

די אָקסן מיט זייער טשלאַפּען רעכענען זיך נישט מיט דער צייט, און דער פּויער וויל אויך אָנקומען אין עלעוואַטאָר וואָס שפּעטער אין אָוונט, שטעלט ער אַפילו נישט איין אַ רוף צו טאָן צו די אָקסן „צאָפּ־צעבע״, טאָמער נעמען זיי טאַקע אימפּעט. דער פּויער שטייט צו צו ענטפערן אויף זיין אָפּערטע, און אָלעקן איז געלונגען נישט אָנצוקומען אין אַק־בולאַק נאָך שקיעה. שפּרינגט ער אַראָפּ פון וואָגן און לויפט, אַז דער פּויער זאָל אַפילו נישט פּרוּוון צו שרייען צו אים.

*

אַק־בולאַק איז אַ ראַיאָנשטאָט מיט אַ ברייטער באַנפּאַרקער־נעץ: עס ציִען דורך צוגן פון מאָסקווע אַזש קיין טאַשקענט, ווו אין מיטל־אַזיע. דאָס אָרט אַק־בולאַק האָט אַ מאָל געהערט צו קאַזאַכסטאַן. דער נאָמען איז געבליבן, אָבער געהערט צו אוראַל. די שטאָט האָט ברייטע, לאַנגע גאַסן, אָבער קיין איין גאַס איז נישט ברוקירט, נישט געפּלאַסטערט. די ערד איז דאָך נישט זאַמדיק און הייבט נישט קיין שטויב, זי איז איינגע־פּרעסט און האַרט. די הייזקעס — נאָך אין קאַזאַכישן שטייגער: ליימענע, און אַז הילצערנע, איז דאָס האָלץ באַשמירט מיט ליים. הגם די הייזקעס זענען צעוואָרפן, איז דאָך נישט שווער צו קומען צו דער כאַטע און דער גאַס ווו מען דאַרף.

ווי אין יעדער ראַיאָנשטאָט זענען אויך אין אַק־בולאַק פאַראַן די אָפיציעלע אַמטן: דער ראַיאָן־אויספיר־קאָמיסאַריאַט, דער ראַיאָן־פּאַרטיי־קאָמיסאַריאַט, ראַיאָן־קולטור־דערציִערישער אָפּטייל. פאַראַן אַן עלעוואַטאָר, וואָס נעמט אויף דעם מעשׂר פון תּבֿואה פאַר דער רעגירונג. פאַראַן אויך אַ באַנק, אַ פּאָסט־טעלעגראַף און אַ גאָרטן מיט אַ טייכאַלע צו פאַרברענגען אין אָוונט, אַ פּאַרקעט צום טאַנצן אין גאָרטן. ווי ס'איז לעצטנס אָנגע־נומען, מעג אויך אַ רויטאַרמייער טאַנצן. דער פּאַרקעט איז אָבער בלויז אַ שפּיגל און ליגט ווי אַן אייז־קריִע אויף אַ וואַסער, ווייל טאַנצן טאַנצט מען נישט. דער רויטאַרמייער איז דערווייל אויפן פראָנט. די מלחמה איז נאָך אין ברען.

און ס'איז שוין ביי אָלעקן, אין זיין נע־ונדעווען, אַ געוווינהייט, אַז ווי ער קומט אין אַ ניי אָרט, גייט ער דאָס ערשטע צום מאַרקפּלאַץ זיך אַרומצוקוקן, צי ס'איז דאָ צו קויפן עפּעס צו עסן. אויך דאָס מאָל, קומענדיק אין אַק־בולאַק, און נאָך איידער ער זעט זיך מיט זיין חבר ראובן, ווענדט ער זיך צום מאַרקפּלאַץ. אָלעק האָט בלויז איין מאָל אָפּגעשטעלט אַ בירגערין אויף אָנצווייזן אים דעם וועג און ער איז בישט לאַנג געגאַנגען און געפונען.

אַ גרויסער פּלאַץ, און אין פּראָנט — ביידלעך, קרעמלעך, נאָר אַלץ איז פאַרמאַכט, געשלאָסן, אָפּגערייניקט און שטיל, ווי אין אַ טעאַטער נאָך אַ פאָרשטעלונג. דער מאַרק פירט זיך אין די פרימאָרגן־שעהען און נאָר איין מאָל אין דער וואָך. אָלעק איז געקומען צו פרי, אָדער צו שפּעט. עסן דאַרף מען זוכן ווו אַנדערש. שאָרשנדיק שטיל פּליסט פאַרביי דער שטאָט דאָס וואַסער אין טייכל „אילעק”.

✶

חבר ראובן וווינט ביי אַ פּאָרפּאָלק פּליטים פון פּוילן. מען רופט זיי „די לובאַרטאָווער”, לויט דער שטאָט ווו ס'איז געווען זייער היים. דער מאַן אהרן, איז אַ נידעריקער און אַ דאַרער, ווי אַ שפּאָן. אין יעדער מלבוש קאָן ער זיך איינוויקלען, ער זאָל זיך נישט אַרויסזען. ער האָט קליינע גראָע אויגן, און זיי האָבן דאָך אַ גלאַנץ ווי געשליפענע פּערל. ער איז אַ פּשוטער און רעדט נישט צו פיל, כדי נישט אויסצוגעבן זיך אין זיין פּשטות. די פרוי שׂרה, רופט ער סאַרענקאַ, איז אין זיין וווקס, נאָר אַ קיילעכדיקע. איר פּנים איז גרויס, מענעריש. אירע אויגן שוואַרצע, מיט אַ וואַסערגלאַנץ. זי איז שוין נישט אַזאַ פּשוטע ווי אהרן. זי ווייסט אַפילו ווער ס'איז געווען ביוטאָן און רעמבראַנדט און מיכאל אַנדזשעלאָ און ראַפאַעל און וואַן גאָך. זי אַליין האָט זיך געריסן צו מאָלעריי. אהרן, דער מאַן, אַרבעט אין עלעוואַטאָר און זי כאַפּט אָפּט זיך צו צו דער באַנ־סטאַנציע אָפּוואַרטן דעם צוג פון מאָסקווע און אפשר קויפן ביי די פּאַסאַ־זשירן אַ פּעקל טרוקענע טיי, אַ האַנטעך, אָדער אַ שאַלעקל. זי האָט דווקא

ליב צו רעדן און אין יעדן פּנים געפינט זי אַן ענלעכקייט פון די קלאַסישע מאַלערס. זי עדותט זיך מיט אהרנען, כּדי אויך ער זאָל געשאַצט זיין און ער זאָל אין איר געזעלשאַפט נישט שווייגן ווי אַ גולם.

חבר ראובן, דער אָנערקענטער דיכטער און פּראָזאַיקער, אַרבעט ווי אַ נאַכט־שומר אין באַנק. ער האָט קוואַליפיקאַציעס צו זיין אַ גוטער באַ־אַמטער, איז ער אָבער אַ געוועזענער אויף פאַרשיקונג, מחמת ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אַ סאָוויעטישן פּאַספּאָרט, טויגן נישט זיינע קענ־טענישן. אָבער ער טראָגט שוין אַ פּופּייקע אָן לאַטעס און אָן וואַטע־צויטן. שוין נישט ענלעך צו אַ לאַגערניק, אָבער אין זיינע ביראָויגן ליגט נאָך אַ שווערער אומעט. אַרום זיין ברייטער קין איז ווי פאַרוויקלט אַ פאַר־קלעמטער צער. ער האַלט שוין נישט אָן דעם צמצום אין ברויט. אָבער פון דעם לוין אין באַנק פאַר זיין אַ נאַכט־שומר, האָט ער וואַסער אויף קאַשע. טוט ער נאָך די אַנדערע פּליטים, וואַרט אָפּ דעם צוג פון מאָסקווע־טאַשקענט. אָפט טרעפט זיך אים צו קויפן ביי אַ פּאַסאַזשיר אַ פּעקל טיי, אַ פּאָר גוטע הערינג, וועלכע ער פאַרקויפט צווישן די קאַזאַכן און קריגט, אויב נישט אין מזומן, איז אייער, אָדער קעז, אָדער אַ לעפּיאָשקע. נאָך אַ חסד שטייט אים ביי, וואָס דאָס פאַרפאָלק, די לובאַרטאָווער, שאַצן נישט צו פיל איבער דעם ווערט פון שלאָפן אויפן פּיעקעליק.

ווי אָלעק, האַלט אויך ראובן, אַז די פרעמד איז בלויז צו איבער־קומען. פריִער־שפּעטער, צי אַ פּוילישער בירגער, צי אַ סאָוויעטישער — ער מוז קומען צוריק אין זיין היים. ער האָט מורא צו ברענגען פאַרן מויל דעם צווייפל. ער לייענט אין דער צייטונג, אַז ער האָט שוין נישט קיין היים — אַלץ איז חרוב, אַז די יידן אין וואַרשע לעבן שוין נישט, אַז מ׳האָט זיי אומגעברענגט, פאַרסמט אין גאַזקאַמערן. ער האָט מורא אַרויס־צוזאָגן אַלע גרויליקייטן, וואָס ער לייענט. אויך אָלעק ווייסט וועגן די גרויליקייטן, און איז נאָך מער עקשן נישט נאָכצורעדן. עפּעס ווילט זיך אים נישט גלייבן אין די אַכזריות פון אומברענגען מאַמעס מיט קינדער, יונג און אַלט. ביידע שטייען זיי איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, שטיל, מיט אַ פאַרקלעמטן אָטעם און אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

ראובן — געלאָזט די פרוי מיטן איינציקן זון.

אָלעק — פאַרשפּעטיקט צו נעמען מיט זיך רחלען און ס׳קינד.

✶

די נאַכט בלייבט אָלעק נעכטיקן ביי די לובאַרטאָווער אויף דער פּאָדלאָגע. ער ליגט אויסגעצויגן מיט אַ האַלבן קערפּער אונטערן טיש. דער קאָפּ איז אים אַזוי שווער, אַז ווו ער זאָל אים נישט לייגן, פאַלט ער אים אַוועק ווי אַ שטיין. ער האָט געהאָפט צו מוטיקן זיך מיט זיין נאָענט צו אַ באַנסטאַציע, כדי ווען ס׳וועט אויסשלאָגן די שעה צו פאָרן צוריק אַהיים, זאָל ער זיין פון די ערשטע. איצט ווייסט ער נישט, צי ער האָט אַ היים. ער פאַרמאַכט די אויגן און אין דמיון שווימען אום געשטאַלטן, אַ לאַנגע ריי איינגעבויגענע געשטאַלטן. אַלץ אין שוואַרץ. די פּנימער ווי עפּעס איינגעטונקען אין אַ געדיכטן רויך. אַן איינגעמושטירטע מאַסע ציט איבער דער לאַנגער זאַמענהאָף־גאַס. איין געשטאַלט איז העכער פון אַלע געשטאַלטן: פּסחס פּנים, פּסח זיין ברודער — צווישן די געשטאַלטן. די אויגן זענען אים פאַרלאָפן פון בלוט. אַ קאָפּ ווי אַ רויז זעט ער, פּסחס קול הערט ער. פּסח שרייט, רופט און עפּעס אַ שאָס הילכט, אַ שטיק פייער פליט. נישטאָ שוין פּסח, נישטאָ. מיט איין מאָל קומט אים אין דמיון אַ שערענגע אויטאָ־מאַשינען, אָנגעפּאַקטע מיט קינדער. דער אויטאָ פאַרשווינדט אונטער אַ בריק. ער זעט ווי זיין חבר ראובן האָט פאַרוואָרפן זיך אַ זאַק אויפן קאָפּ און ער קלאָגט — „איכה ישבה בדד...״ און ער פרעגט זיך — צי דאַרף ער אויך זיך אָנטאָן אַ זאַק איבערן קאָפּ?...

✶

אָלעק כאַפּט זיך אויף פון שלאָף אין אַ ליידיקער שטוב. ראובן איז נאָך נישטאָ פון היטן די באַנק. אפשר וויל ער נישט קומען, כדי נישט צו רעדן, אפשר ווידער גרויליקע ידיעות...

די ליידיקע שטוב, כאָטש זי איז קליין, זעט זי אים אויס ווי אַ תהום. ער לויפט אַרויס. אַ נעפּל ליגט איבער דער שטאָט. אָלעק שטייט און יישובט זיך: זאָל ער וואַרטן אויף ראובנס קומען? זאָל ער זיך ווייזן

אַ דערשלאָגענער און זיי זאָלן זיך צעווייגען? עפּעס אַ ליידיקייט שוויש־טשעט. דאָס שווישטשען טרייבט אים צו גיין און ער גייט נישט. די דייטשן דאָרט ברענגען אום זיינע אייגענע. אפשר האָט רחל דאָך געפונען אַן אָרט זיך אויסצובאַהאַלטן מיטן קינד. אפשר וועלן סאָלאַ מיטן טעכטערל נישט אַריינפאַלן דעם טייוול אין די הענט... אויך דאָ האָט די צייט געשניטן לעבנס ביי די פּליטים. נישט ווייניק פון זיינע חברים, וואָס זענען געגאַנ־גען מיט אים אין נע־ונד, זענען מער נישטאָ. נישט בוימגאַרט, נישט פּטאַשיק, נישט גרינבערג, דער זייפן־זידער, נישט שייקעוויטש, און די גרעסטע טייל פון וואַגאָן 59. נישטאָ קיין זכר פון זייער געביין. און ער גייט און גיט זיך נישט נאָך די לאַסט פון צרות. ער לעבט און האָפט. אויב ער האָט כּוח צו האָפן, פאַר וואָס זאָל ער פאַרטרייבן אין זיך די מוטיקייט?... זאָל ער גיין צו דער סטאַציע אָפּוואַרטן דעם צוג מאָסקווע־טאַשקענט, כּדי צו הערן פון די מאָסקווער, צי זיי גלייבן אין די שוידער־לעכע מעשׂים פון די דייטשן אין פּוילן? די מאָסקווער זענען דאָך נענטער צו פּוילן, ווי ער דאָ! ער שפּרינגט און פאַלט אַריין אין אַ טאָל, ווי אַ גרוב, און ער שטעלט זיך נישט אָפּ. ער דאַרף זיך דראַפּען ווי אויף אַ גלייכער וואַנט און ער איז גרייט.

אויף דער צווייטער זייט גאַס קומט ראובן אים אַנטקעגן. געענדיקט די נאַכט־שמירה אין באַנק. זיין פּנים איז פול מיט אומעט.

— די נאַכט זיך דורכגעשמועסט מיטן שׂכל־הישר — זאָגט ראובן און ער איז געקומען צו דער מסקנה — נישט אָפּשטיין אין לעבן. נישט פאַרבײַגיין דעם לעבן, נאָר שפּאַנען אין לעבן... אפשר האָבן מיינע אייגענע דאָך נישט געטיילט דעם גורל פון אומקום. אפשר אַזוי אויך דיינע אייגענע... אפשר? — רעדט ראובן און באַגרינדעט זיך — אין ספק איז דאָך דאָ מער רעאַלקייט ווי אין דער אַקסיאָמע „יאָ“, אָדער „ניין“...

אָלעק איז באַרוישט. ער שטייט אין שווייגן.

— פאַראַן אין שטאָט אַ קאָלכאָז — זאָגט ראובן, ווי אַנצוווייזן אָלעקן ווו צו פרעגן זיך אויף אַרבעט.

אָלעק פאַרשטייט ראובנען און אין געדאַנק גיט ער אים צו נאָך אַן אַנהאַלט — „על כּרחך אתה חי“...

*

אין צענטער פון דער שטאָט אַק־בולאַק געפינט זיך די קאָלכאָז־באַזע, וואָס באַשטייט בלויז פון איין הילצערנער געביידע, ווו ס'איז די קאַנצע־לאַריע און אַ שאָפּע פאַר דער קוזניע, וועלכע איז אויך נישט אויסגעשטאַט מיט קיין מאָדערנע טעכנישע כלים. דער בלאָזזאַק פאַרן גליאויוון איז צום רודערן מיט אַ שטעקן: אַראָפּ — איינציִען לופט, מיטן אָפּלאָזן דעם שטעקן — דעכעט דער בלאָזזאַק אויס די לופט און צעבלאָזט דאָס פייער. די קאָוואַדלע און דער קלאָץ פאַרנעמען נישט קיין גרויס אָרט. דאָס אַלץ ווייזט, אַז דער קאָלכאָז איז נישט פון קיין גרויסן פאַרנעם. אַלעק זעט נישט ס'זאָל ליגן לעבן דעם קאָוואַדלע־קלאָץ אַ גרויסער, שווערער האַמער, ווי אין דער קוזניע אין סאָווכאָז ביי דער בורטע. ער קוקט זיך איין אין דעם שמיד און ער וואַרט ער זאָל אים פאַרטשעפּען, פרעגן, ווי ס'האָט געטאָן קאַזמאַטין דער שמיד, אָבער דער שמיד דאָ שפּילט נישט מיטן העמערל. ער איז שמאָל אין די אַקסלען, אויך נישט פלינק. זיינע לאַנגע הענט זענען אים שווער. ווייזט אויס, אַז ער טוט נישט מיט חשק. זיין לענגלעך פּנים איז געלהויטיק און די קליינע שוואַרצע אויגן גלאַנצן אים, ווי ביי אַ פיש. אַז ער פאַרטשעפּעט נישט אַלעקן, כאַפּט זיך אַלעק אים אויספרעגן, קודם כל, צי ער איז זיך נישט טועה, אַז ער איז נישט קיין רוס. יענער צעלאַכט זיך מיט אַן אָפן מויל און צערעדט זיך אין יידיש:

— דו האַלטסט אַז איך פעל די רוסן צום רומל? אַן מיר זענען זיי ווייניק? איך בין דאָ מיט טאַטע־מאַמע און מיט אַ פרוי און צוויי קינדער. מיר זענען עוואַקויִרט פון אָדעס. מיין טאַטע זוכט אָפּט אַ דריטן צו אַ מזומן, בלייב, וועט מיין טאַטע דיך בענטשן ביים בענטשן.

אַלעק באַווייזט נישט אַרויסצוזאָגן אַ וואָרט און דער יונגערמאַן, דער שמיד, טוט אַ פאַל אַוועק און וואַרפט זיך ווי אַ שלאַנג. אַלעק פאַרשטייט, אַז דער יונגערמאַן איז אַן עפּילעפּטיקער, רירט ער אים נישט. דער יונ־גערמאַן שפּרינגט אויף. די נאָז און די גאָמבע זענען אים צעבלוטיקט. ער קוקט זיך נישט אום, לויפט אַרויס פון דער קוזניע און פאַרשווינדט. אַלעק שטייט און יישובט זיך — זאָל ער אָנגעבן אין דער ביוראָ אויף צו אַרבעטן אין דער קוזניע?

גייט פאַרביי אַ הויכוווקסיקער מאַנצפּאַרשוין, אַ ברייטפּלייציקער אין אַ פּילאָט־היטל און מונדיר. ער האָט גראָע, רייגע אויגן. ער זעט אַלעקן אין דער קוזניע, מיינט ער, אַז אַלעק איז דער שמיד און ער פרעגט ביי אים ווו ס׳ליגט דאָס געפּגרטע פערד. ער האָט געהערט מען האָט גע־ברענגט אַ געפאַלן פערד און ער וויל אויסשניידן פלייש צום עסן. ער איז אַנגעשלאָסן אין דעם קאָלכאָז. ער אַרבעט נישט, איז אַן אינוואַליד. ער פליט שוין נישט מער מיט קיין אַעראָפּלאַן. אים האָט מען אָפּגעשניטן אַ מעטער פון די קישקעס. ער בעט אַלעקן, ער זאָל צוהיטן די מינוט ווען מען וועט ברענגען דעם פּגר. ער וועט זיין אין שניידער־אַרטעל, וואָס אין דער צווייטער זייט בנין פון קאָלכאָז־ביוראָ. ער זאָל אים אַרויסרופן מיט איין וואָרט:

— י ע ס ט!

נאָך אַ הויכוווקסיקער קומט אין הויף. ער איז שוין נישט אין קיין מונדיר. זיין בלוזע איז מיט פלעקן. זיין קאָפּ איז ברייט און די שוואַרצ־האָריקע טשופּרינע — ווילד צעפּלאָשעט. די ביראַויגן לאַכן, ווי אָקערשט געזאָגט זיך אַ פריילעך וואָרט. ער זאָגט נישט ווער ער איז. ער האַלט, אַז זיין געשטאַלט איז באַקאַנט, און לויט זיין רעדן און באַפעלן פילט אַלעק, אַז ער איז אין קאָלכאָז אַן עפּעס. יאָן זיין נאָמען. דער פּרעדסעדאַטעל איז געשטאָרבן — דערקלערט ער אַלעקן. ער פרעגט נישט צי אַלעק איז צו־געשריבן צום קאָלכאָז. ער ווייזט אים אָן צו גיין אין פעלד און גראָבן אַ קבר פאַר דעם פּרעדסעדאַטעל, דעם מת. נאָך דער קבורה וועט זיין אַ סעודה און ער וועט געבן אַלעקן גוט אָפּצועסן.

אַלעק נעמט אַ רידל, אַ האַק און אַ לאָם. ער גייט נאָך יאַנען, וועלכער שפּאַנט מיט זיינע לאַנגע פיס, אָבער אַלעקן פעלט אויס אָטעם און ער שטעלט זיך. יאָן מוז אויך זיך אָפּשטעלן, ווייל ער האָט וואָס צו זאָגן אַלעקן: ביים גראָבן דעם קבר זאָל ער אין איין זייט גרוב גראָבן נאָך אַ גרוב. דאָרט וועט פאַרשטופּט ווערן די טרומנע מיטן מת, און בעתן פאַרשיטן, זאָל מען די ערד נישט וואַרפן אויף דער טרומנע. דער פּרעדסעדאַטעל איז געווען אַ זייער איידעלער מענטש...

*

אויף יאַנס אָנווייזונג גיט אַלעקן די כאַזאַיקע נאַטאַשאַ אַ בעט אין איר כאַטע. צוויי צימערן האָט די כאַטע און אַ קושטאַל, אָבער נאַטאַשאַ האַלט נישט קיין קו. זי וויל נישט די מילך און נישט די אַרבעט אַרום דער קו. זי האָט צוויי קינדער און זיי זענען אויף זומער אַוועק צו זיידע־באָבע אין אַן אַנדערן קאָלכאָז. זינט דער מאַן איז אַוועק אין דער רויטער אַרמיי האָט זי נישט קיין כּוח נישט צו די קינדער און צו דער בהמה. לעצטנס וועקט זי זיך איבער פון שלאָף און די קאַשמאַרן האַלטן זי אויך ביי טאָג. זי מוז דאָס דערציילן די חברטעס, כּדי צו פאַרענטפערן איר אָפּגעשוואַכטקייט, פאַר וואָס זי דערגרייכט נישט די נאָרמע פון אַן אַרבעטסטאָג. די חברטעס זענען איר געטריי. זיי זאָגן איר, אַז איר פּנים איז שוין אָוואַל ווי אַן איי, אַז אין אירע שאַטינע האָר פּיקן זיך גראָע פעדעם און זי מוז זיך נעמען אין די הענט אַריין. זיי דערמאָנען איר אַמאָליקן אויסזען מיט די חן־גריבלעך, וואָס דער אומעט פאַרווישט זיי. נאָר די חברטע סאָניאַ, די ברייט־גופּיקע, וועלכע אַרבעט אין גאָרטן האַנט ביי האַנט מיט נאַטאַשאַן, איז צו איר אַנדערש. זי איז תּמיד לעבן איר און רעדט איר איין געטריישאַפט ווי אַ שוועסטער. זי זאָגט איר, אַז נאָכן אָפּצערן זיך איז זי שענער. סאָניאַ איז אַ געביפּט שטיק און חנפעט נאַטאַשאַן. זינט זי האָט איין מאָל זיך אַרויסגערעדט מיט איר סוד, אַז איר ברודער שלאָפט מיט איר, וויל זי זיך האַלטן לעבן איר, כּדי נאַטאַשאַ זאָל נישט אויסגעבן איר סוד — דער ברודער זאָל זי נישט אַוועקוואַרפן. סאָניאַ פאַרטרויט איר נאָך, אַז זינט דער ברודער טוט דאָס מיט איר, ווערט זי ברייטער און איר פּנים גלאַנצט. איר קרום נעזל האָט זיך ווי אויסגעגלייכט. אַלע ווילן וויסן וואָס זי טוט, אָבער זי וועט זיי נישט זאָגן. זינט נאַטאַשאַ האָט אַלעקן געגעבן אַ בעט אין איר כאַטע, קומט סאָניע צו איר אין די אָוונטן און נעמט זי צו זיך. איר ברודער נעמט צונויף חברים און ס'איז פריילעך. זי זאָגט איר צו, אַז איר ברודער וועט איר העלפן פאַרטרייבן די קאַשמאַרן.

אַז אַלעק איז שוין אַ שטענדיקער לאָקאַטאָר ביי נאַטאַשאַן, קומט צו אים דאָס פּאַרפאַלק לובאַרטאָווער, כּדי צו ווייזן נאַטאַשאַן, אַז אַלעק איז נישט קיין איינזאַמער, און סאַרענקאַ, וואָס האַלט זיך פאַר אַ מומחה אין

מאָלעריי, זאָגט, אַז נאַטאַשאַ איז ענלעך צו דער מאַדאָנע מאַריאַ. זי עדותט זיך דערביי מיט אהרנען, איר מאַן. אהרן וויל אויך ווייזן באַהאַוונטקייט, הייסט ער נאַטאַשאַן פאָזירן אין פראָפיל, אין דריי פערטל פראָפיל און באַשטעטיקט זיין סאַרענקאָס מיינונג. ער רעדט אויך צו נאַטאַשאַן, זי זאָל זיך נאָכפרעגן ביי אירע חברטעס צי זיי האָבן נאָך ווו באַהאַלטן דעם פאָרטרעט פון דער מאַדאָנע און זי זאָל זיך איינקוקן, וועט זי זען, אַז זי איז דער פראָטאָטיפ. אָלעק פרעגט איר פון ווען אָן קען ער, אהרן, דאָס וואָרט? סאַרענקאַ זאָגט, אַז זינט ער איז איר מאַן, קען ער די שווערסטע ווערטער פון מאָלער־לעקסיקאָן.

נאַטאַשאַ, נאָך באַהערשט פון די קאָשמאַרן. האָט סאַרענקאָס פאַרגלייכן זי צו דער מאַדאָנע גענומען ערנסט. זי שטעלט זיך אָפּט פאַרן שפיגל, כדי צו זען איר פנים און זי דערמאָנט זיך, אַז דער מאַדאָנע־פאָרטרעט ליגט אויפן בוידעם. איר מאַן האָט אים פאַרוואָרפן, כדי מען זאָל זיי נישט חושד זיין אין רעליגיע־אָפנייגן. איין פרימאָרגן, נישט אויפצוועקן אָלעקן, שלייכט זי זיך שטיל אַריין אין דער שטאַל, ווו עס פלעגט שטיין די קו. זי שטעלט אַ פאַס אויף אַ פאַס, אין וועלכע זי פלעגט האַלטן פאַשע פאַר דער קו, און מיט אָנשפאַרן זיך אין דער קאָריטע, כאַפט זי זיך אַרויף אויף די פעסער און דערגרייכט צום בוידעם. זי ציט זיך אַריין אין בוידעם און וואַרפט אָפ אַלע קיפערטלעך און ברעטלעך, מיט וועלכע דער מאַן האָט פאַרשטעלט דעם מאַדאָנע־פאָרטרעט. זי געפינט דעם פאָרטרעט גאַנץ מיט דער שויב אין דער רעם. זי קוקט זיך איין אין דער מאַדאָנע, עפעס זעט זי אַז דאָס מאַדאָנע־פנים שיינט, ווי אין אַ זונליכט. וואָס לענגער זי קוקט זיך איין אין דער מאַדאָנע, אַלץ מער זעט זי אין איר לעבן. נאַטאַשאַ כאַפט זיך פאַרן פנים, קניט אַנידער און פאַרגייט זיך אין אַ העשען, ווי אַ באַצוווּנגענע. אָלעק האָט געהערט, אָבער זיך נישט געכאַפט וואָס עס געשעט. ערשט ווען סאָניאַ קומט נעמען נאַטאַשאַן צו דער אַרבעט, און זי זעט נישט נאַטאַשאַן אין שטוב, און אַז דער בוידעם איז אָפן, פאַלט איר איין, אַז נאַטאַשאַ קאָן זיין אויפן בוידעם. סאָניאַ, די ברייט־גופיקע, קאָן זיך נישט אַרויפכאַפן אויף די פעסער, רופט זי אָלעקן ער זאָל זען, צי איז דאָרט נישט עפעס געשען מיט נאַטאַשאַן. אָלעק כאַפט

זיך אַרויף אויפֿן בוידעם און ער דערזעט נאַטאַשאַן אַ קניִענדיקע, אַ פֿאַר־חלשטע פֿאַר דעם מאַדאָנע־פּאָרטרעט, אָבער זי לאָזט זיך נעמען און וואַכט אויף. זי פֿאַרשטעלט זיך מיט די הענט איר מויל, ווי צו פֿאַרהיטן זיך פֿאַר אַ קוש, און ציט זיך אַראָפּ פֿון בוידעם פֿריִער ווי אָלעק. זי כאַפּט זיך אָן אין סאָניען און אין איַילעניש לויפֿט זי אַרויס מיט סאָניען, נישט פֿאַרמאַכנדיק אַפֿילו די טיר.

זינט דעם איינקוקן זיך אין דעם מאַדאָנע־פּאָרטרעט, איז נאַטאַשאַ אַליין אַ שוועבנדיקע מאַדאָנע. סאָניאַ ווייסט שוין ווי נאַטאַשאַ צאַפּלט אין פֿאַרכטיקייט. זי גייט נאָך נאַטאַשאַן אויפֿן בוידעם און אויך זי קניט פֿאַר דעם מאַדאָנע־פּאָרטרעט. אויך איר זעט זיך, אַז די מאַדאָנע שיינט. זי האָט זיך אַרויסגערעדט פֿאַרן ברודער וועגן דער דערשיינונג, און דער ברודער סאָניעס, ווי אַ גרויסער בעל־מום ער איז מיטן קורצן פּיסל, האָט ער באַוויזן אָנצוציִען זיינע חברים מיטן סוד וועגן דער מאַדאָנע און געקומען צו נאַטאַשאַן מיט אַ כאַפּטע חברים. ער כאַפּט זיך אַרויף אַ קוק טאָן אויף דער מאַדאָנע און זוימט זיך. ווען ער קומט אַראָפּ, זאָגט ער, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט אויפֿהייבן פֿון קניִען פֿאַר נאַטאַשאַן — זי איז די הייליקע!

איין נאַכט, רייסט אָלעקן אויף פֿון שלאָף עפּעס אַ כליפּען. ער זעצט זיך אויף און ער זעט ווי נאַטאַשאַ קניט לעבן זיין בעט. זי העשעט. עס האָט זיך איר געחלומט, אַז די מאַדאָנע ליגט לעבן אָלעקן...

*

דאָס פֿאַרפֿאַלק, די לובאַרטאָווער, סאַרענקאַ און אהרן, קומען אַריין צו זען זיך מיט אָלעקן. זיי ווייסן נישט וועגן נאַטאַשאַס חלומות, אויך נישט וועגן אירע געטלעכע וויזיעס און איר קניִען פֿאַר דעם מאַדאָנע־פּאָרטרעט, און האַלטן זיך ווייטער אין זייער פֿאַרגלייכן זי צו דער מאַדאָנע, ווי ראַפֿאַעל האָט זי געמאָלן...

אָלעק האָט מורא פֿאַר נאַטאַשאַס חלומות און קאָשמאַרן. ער זוכט אַ וועג נישט צו זיין מער קיין לאָקאַטאָר ביי נאַטאַשאַן.

# דער וועג פון דער נאָענט

צעפּאַטלטע וואָלקנדלעך וואַלגערן זיך אויפן הימל. די אַק־בולאַקער באַנסטאַציע איז אָפן פון אַלע זייטן. אַ פּאַסאַזשיר, וואָס וויל פאָרן מיט דער באַן, מוז נישט דורכגיין קיין בילעט־קאָנטראָל.

די ברייטע ליניע־נעץ איז היינט באַשטעלט נאָר מיט איין צוג פון משׂא־וואַגאָנעס. איין וואַגאָן איז אָפן, די טירן זענען צערוקט. דער וואַגאָן איז באַשטימט פאַר די מאָביליזירטע פּליטים פון פּוילן, אָקערשט געוואָרענע סאָוויעטישע בירגער, מיט רעכט צו דינען אין דער סאָוויעטישער אַרמיי.

עטלעכע און פערציק ציילן די מאָביליזירטע, און אַלע זענען זיי יידן. די גרעסטע טייל — געוועזענע אַרבעטער אין עלעוואַטאָר, וואָס אין אַק־בולאַק. בלויז אַ קליינער טייל קומען פון די קאָלכאָזן, וואָס אין אַק־בולאַקער געגנט. אָלעק איז דער איינציקער פון שטאַטישן קאָלכאָז.

אין קאָלכאָז „ערשטער מאַי" האָט אָלגאַ מאַטוועיעוונאַ געוואָלט אָלעקן זען אַן איינגעגלידערטן אין דער אַרמיי און זי האָט אים געברענגט פון ראַיאָן אַ מאָביליזיר־קאַרטע צוצושטעלן זיך צו דער קאָמיסיע פון מלחמה־קאָמיסאַריאַט. דיעד סוואָסלאָוו, דער בריגאַדיר, האָט פאַרלאַנגט, אַז דער פּרעדסעדאַטעל זאָל צופאָרן אין ראַיאָן און אָפּרופן די גזירה. דאָ, אין אַק־בולאַקער קאָלכאָז, איז קיינעם נישט וויכטיק, אַז ער זאָל בלייבן, און ער אַליין האָט נישט געוואָלט די שתדלנות.

אָלעקן איז נישט קיין שאָד ס'פאַרלאָזן דעם קאָלכאָז און די שטאָט אַק־בולאַק. דאָס מאָביליזירן אים אין דער אַרמיי האָלט אים נישט אין קיין שפּאַנונג. ער איז אָבער דאָך נישט גלייכגילטיק צום געשעעניש. עס

וואַרעמען אים די רעיונות, אַז שוין נישט לאַנג, און ער דערגרייכט צו זיין היים. לויט די ידיעות וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט פון ראַדיאָ, קלאַפּט שוין די רויטע אַרמיי אין די טויערן פון פּוילן.

נישט נאָר אַלעק באַדויערט נישט ס׳פאַרלאָזן אָק־בולאַק, נאָר אויך די געוועזענע אַרבעטער אין עלעוואַטאָר, וועלכע האָבן אַ ביסל געלט אין די טייסטערס, ווילן שוין זיין וואָס ווייטער אין וועג. זיי וואַרטן נישט, אַז דער באַגלייטער זאָל באַפעלן איינצושטייגן אין וואַגאָן אַריין.

די געוועזענע אַרבעטער פון עלעוואַטאָר זענען אַלע אין לייטישע העמדלעך און אין זייער אָנטועכץ איז שוין נישטאָ קיין שפּור פון אַ לאַגערמענטש. די באַקהויט ביי זיי גלאַנצט, ווי די שאָל פון אַ פרישן עפּל.

אויך די עטלעכע מענטשן פון די קאָלכאָזן זענען אין מלבושים פון שטאָטישן שטאָט. אויך אין זיי איז נישטאָ קיין זכר פון אַ לאַגערניק. די פּנימער נאָך מיט קנאָכיקע באַקן, אָבער אין די אויגן איז שוין נישטאָ קיין פּחד, נאָר פונקען פון האָפענונג. זיי האָבן צוריק זיך פאַרלאָזט טשו־פּרינעס, ווילן אויף ס׳ביי זיין פּאַצעטן.

בלויז צוויי נאַרעס זענען צוגעשלאָגן צו די וואַגאָנווענט און ס׳איז נישטאָ קיין אָרט פאַר אַלע עטלעכע און פערציק פּערזאָן. זעצן זיך אַ טייל אויס אויף דער פּאָדלאָגע אָן טענות, וואָס די פּיפּיקע און פלינקע האָבן פאַרכאַפּט די נאַרעס.

אַלעק פאַרגלייכט דעם וואַגאָן מיטן וואַגאָן, אין וועלכן ער איז געפירט געוואָרן אויף קאַטאָרגע־אַרבעט. צווישן די פאַרמשפּטע איז אָנגעגאַנגען אַ קריגעריי מיט די פאַרכאַפּערס פון די נאַרעס. די וואַגאָנטירן זענען גע־ווען פאַררוקט און פאַרשלאָסן, אויפן דאַך האָבן זיך געפונען באַוואָפנטע שומרים פון ענקאַוועדע. דער וועג איצט איז דער וועג אויף צוריק, און ס׳איז נישטאָ קיין שפּאַרעניש ווו צו זיצן. די וואַגאָן־טירן זענען אָפן און דער דרויסן איז פריי פאַרן אויג, פריי פאַר באַוועגונג. די פענצטערלעך זענען נישט געקראַטעוועט, און ס׳איז נישטאָ קיין קאָמענדאַנט, וואָס זאָל אַריינגעמען דעם עמער מיט זופּ.

אהרן לובאַרטאָווער איז צווישן די מאָביליזירטע. ער איז מיט זיין סאַרענקאָן. זי איז נישט מאָביליזירט, אָבער זי האָט געפועלט ביים באַ־

גלייטער מ׳זאָל איר דערלויבן מיטפאָרן מיט אהרנען. ווי אַזוי און פאַר וואָס פאַר אַ זכות דער באַגלייטער האָט איר געטאָן דעם חסד — האָלט זי ווי אַ סוד, נאָר אָלעקן פאַרטרויט זי — אַ פלעשל ביטערס... סאַרענקאַ ווייסט איצט צו מוטיקן אָלעקן אין זיין פאַרלאָזן אַק־בולאַק און נאַטאַשאַ, זיין כאַזאיקע. אין חלומען וועגן דער מאַדאָנע און זען זי אַ שוועבנדיקע, האָבן אירע חברטעס געזען זיין ווירקונג, אַז ער האָט געוועקט ביי איר רעליגיע־אַפּנייגן, וואָס איז טריפה אין סאָוועטן־לאַנד. אהרנען איז אַזש רויט גע־וואָרן די נאָז ווען ער דערמאָנט זיך וואָס עס האָט אָלעקן געדראָט דערפאַר.

✶

דער באַגלייטער ביים צושטעלן די מאָביליזירטע אויפן זאַמלפּונקט איז אין אַ מיליטער־אוניפאָרם, אָבער אָן שליפעס. ער איז הויכוווקסיק, ברייט־פּלייציק און טונקלהויטיק, אָבער נישט קיין קאַזאַך. זיין פּנים איז מיט איינגעפאַלענע באַקן, זיין שטערן הויך, די קין שפּיציק; ער האָט אַ פול מויל ווייסע צייגער און איז פלינק ווי אַ וועווערקע. אַנטאָן איז זיין נאָמען. הגם ער איז חבריש צוגעלאָזן צו די מאָביליזירטע, דאָך וויל ער נישט זאָגן וווהין ער פירט זיי — צי קיין טשקאַלאָוו, אָדער נאָך ווייטער. זיין צוריקגעהאַלטנקייט אין דעם פּרט ברענגט אַריין שפּאַנונג ביי דער חברה. די מענטשן פון עלעוואַטאָר ווילן דאָך וויסן וווהין ער פירט זיי און זיי שטייען צו צו אַנטאָנען. זיי פרעגן:

— איז דער זאַמלפּונקט אויסער דער שטאָט?

— צי וועט דער וואַגאָן צופאָרן צום זאַמלפּונקט?

אַנטאָן לאָזט זיך נישט כאַפּן אויף דער ווענדקע. ער קוקט, ווי פאַר־גאַפּעט אין וואַגאָן־דאַך און גיט נישט קיין פינטל מיט קיין אויג אויף מרמז צו זיין — יאָ, אָדער — ניין.

— מיר וועלן אַוודאי אָנקומען קיין טשקאַלאָוו אין אָוונט — זאָגט אָלעק אַריינצושלאָגן אַנטאָנען אין אַמביציע.

אַנטאָן מאַכט זיך נישט הערן.

— לויט דעם אימפּעט פון לאָקאָמאָטיוו קאָנען מיר ביז אָוונט אַרי־בערשפּאַנען די גרענעץ — זאָגט ווידער אָלעק.

היות ווי ס׳איז אוממעגלעך צו ברענגען דעם אַנטאָנען צו רעדן, ווענדט זיך אַלעק צו סאַרענקאַ, אַז זי זאָל פּרוּוון און אפשר וועט זי מצליח זיין צו עפענען ביים אייזל דאָס מויל...

סאַרענקאַ איז באַוואָרנט מיט עטלעכע מיטלען צו באַווירקן אַנטאָנען: חוץ נאָך אַ פלעשל וואָדקאַ, האָט זי פּאַפּיראָסן אין אַן אָריגינעל שאַכטל פון דער פאַבריק. נישט זי און נישט אהרן רייכערן נישט. די פּאַפּיראָסן האַלט זי אויסצוקויפן זיך אין אַן עת־צרה. היות ווי זי האָט שוין דער־גרייכט וואָס געוואָלט, איז זי גרייט צו טאָן אַ טובה אויך אַנדערע און זי לאָזט נישט אַנטאָנען רויכערן מאַכאָרקע. זי איז אים מכבד מיט די פּאַפּי־ראָסן. ווען אַנטאָן פאַררויכערט פון די פּאַפּיראָסן און בלאָזט דעם רויך פון צווישן די ליפּן, ווי דורך אַ רערל, ציט סאַרענקאַ דעם אָטעם מיט דער נאָז, כדי צו ווייזן אַנטאָנען, אַז דער ריח פון דעם פּאַפּיראָס־טאַבאַק איז אַנגענעם. אַנטאָן פינטלט מיט די אויגן פון הנאה, כאַפּט סאַרענקאַ צו מאַכן אים פאַר אויס כשרן מענטש און זי לייגט דאָס שעכטל פּאַפּיראָסן אַריין אין אַנטאָנס קעשענע פון דער בלוזע, דערביי וואַרפט זי קאָקעטיש מיטן קאָפּ, ווי צו ווייזן אַלעקן — דערגרייכט...

— ער רעדט נאָך נישט! — זאָגט אהרן.

— לאָז אים באַקומען דאָס רויכערן! — וואַרפט סאַרענקאַ צוריק מיט אַ ביסל רוגז אין קול.

— די כישופמאַכערין איז אין טראַנס, זיי געדולדיק — נעמט אַלעק סאַרענקאַן אין שוץ.

מיט איין מאָל איז שטיל געוואָרן אין וואַגאָן. אַנטאָן האָט שוין אַוועק־געוואָרפן דאָס קאָרקל פון פּאַפּיראָס. אָבער סאַרענקאַ איז נישט געפּלעפט פון דורכפאַל מיט די פּאַפּיראָסן. זי ציט אַרויס פון אהרנס קלימיקל ס׳פלעשל בראַנפן. זי ווייזט דאָס אַנטאָנען און באַהאַלט דאָס הינטער די פּלייצעס. אַנטאָן צעלאַכט זיך און רעדט: ער דינט אין דער רויטער אַרמיי, כאָטש זיין רעכטע האַנט האָט נאָר האַלבע פינגער. מען שטעלט אים פאַר גרויסע אויפגאַבעס. אין דער צייט פון די „שבתניקעס" איז ער געשיקט געוואָרן צו אַרבעטן אין טאַרטאַק, און דאָרט איז געשען דער פאַרפאַל מיט זיין האַנט: ביי דער באַנדזעג האָט ער פאַרלוירן די האַלבע פינגער.

סאַרענקאָ שטעלט זיך לעבן אים מיטן פלעשל, לייגט עס אַוועק און שאָקלט קאָקעטיש מיטן קאָפּ, אַז ס׳איז זיינס.

אַנטאָן זשעבנירט זיך נישט, נעמט דאָס פלעשל צו די ליפּן און טוט אַ פּאָר שלונג. ער באַהאַלט עס און לאַכט:

— לאַנג וועל איך מיט אייך נישט זיין — זאָגט ער זיך וויגנדיק.

— נאָר ביז טשקאַלאָוו! — זאָגט אַלעק ווי אַרויסגעכאַפּט אים די ווערטער.

— יאָ, נאָר ביז טשקאַלאָוו — זאָגט אַנטאָן ווי שוין איין מאָל געזאָגט.

— אפשר וועט אין דער צייט ווערן אויס מלחמה? — זאָגט אַלעק אין פרעגטאָן.

— דאָס ווייס איך נישט, אָבער מ׳וועט זיך נאָך געפונג אָנזאָפּן מיט דער שוויטשעריי פון קוילן. קיין איינער איז נישט באַוואָרנט די קויל זאָל אים אויסמיידן.

אַלע טוען מיט אַ מאָל אַ פייף, ווי איבערראַשט.

— רעביאַטאַ! — רופט אויס אַנטאָן — אָפּט באַגלייט איך רעקרוטן צום זאַמלפּונקט, תמיד שטיפּן זיי די רעקרוטן, אָבער אַזאַ גרופּע ווי דאָס מאָל, מיט אַזאַ חשק, קומט מיר אויס דאָס ערשטע מאָל צו באַגלייטן. דאָס האַרץ וואַקסט פון פרייד צו זען ווי דער בירגער אין ראַטן־פאַרבאַנד איז גרייט מיט לייב און לעבן צו קעמפן קעגן דעם שונא, וואָס וויל צעשטערן דאָס בויען די נייע וועלט...

— די וועלט פון יושר און גערעכטיקייט — פאַרענדיקט אהרן אָן שום רמז אויף לצנות.

איין סאַרענקאַ לאַכט און פון די אויגן־ווינקען ביי דער חברה דרינגט זיך אַז זיי פאַרשטייען אהרנען זייער גוט.

אַנטאָן, אין זיין תמימות, ציט אויס די קאַליקע האַנט צו אהרנען, אַז ער זאָל זיך זעצן לעבן אים. מיינט אהרן, אַז ער וויל אים עפּעס פאַרטרויען, בויגט ער זיך אָן מיט קאָפּ און אַקסל צו אַנטאָנען צו הערן אים, אָבער אַנטאָן מיינט נישט צו זאָגן וואָס. ער וויל בלויז אויסדריקן זיין צופרידנקייט און ער גלעט אים דעם אַקסל.

אַלעק און די זיצנדיקע אויף דער פּאָדלאָגע פירן אַ וויכוח: צי וועלן זיי טאַקע איינגעגלידערט ווערן אין דער אַרמיי? זיי כאַפּן בליקן צו אַנטאָ־נען, צי ער איז זיך משער אין זייערע מיינונגען.

אַנטאָן כאַפּט זיך נישט אין קיין רמז. ער וויל אַפילו נישט הערן זייער פּלאַפּלען. דאָס רוישן פון די וואַגאָנרעדער ציט זיך מאָנאָטאָן, ווי דאָס זשומען פון בינען. ער קאָן אָבער לאַנג נישט זיין אַריינגעטאָן אין ערנסט און ער פאַרציט אַ ניגון. אַלעק קומט אים נאָך מיטן טעקסט פון ליד. אַנטאָן זעט איין, אַז ער האָט גוט געטאָן מיט נעמען דעם ניגון און ער מוטיקט זיך. ער וואַרפט מיטן קאַליקע־הענטל מעשה־דיריגענט, אַז אַלע זאָלן זינגען.

מיט איין מאָל ווערט אַלעק פאַרטראָגן אין אַ טראַכטן, ווי אָפּגעטיילט פון די אַרומיקע. עפּעס איז ער גאָר אין צווייפל צי דער וועג דערנענ־טערט אים צו זיין היים, צי איז די שטאָט טשקאַלאָוו דער אָנהייב צו דער נאָענט. עפּעס קומט אים אויס דאָס מאָביליזירן אים אין דער אַרמיי משונהדיק. ער דערמאָנט זיך אין דעם רוף אין מיט נאַכט, אין אָנהייב דער מלחמה. ער גייט מיט זיין שכן בענדערמאַן אָפּצוהאַלטן דעם אָנגע־לויף פון דייטשישן מיליטער. ער און בענדערמאַן, וועלכע זענען קיין מאָל מיט שווערע אַרבעט נישט געפּרוּווט געוואָרן, דאַרפן זיין דער שטער קעגן דער דייטשישער ווערמאַכט. צי זאָל דאָס איצטיקע איינגלידערן אים אין דער אַרמיי נישט זיין אַן איבערחזרן זיך פון דער געשיכטע? אָבער אַז ער גיט זיך אַ פאַרטראַכט וועגן די באַריכטן פון פראָנט וואָס מעלדן וועגן דעם יאָגן די דייטשן און אַז די סאָוויעטישע אַרמיי איז שוין אַריבער די פּוילישע טעריטאָריע, אַז לובלין איז שוין באַפרייט — טראַכט ער אַז ס'איז גוט צו זיין מיט איר, מיט דער רויטער אַרמיי.

*

ס'איז ערב שקיעה. אין וואַגאָן צעשפּרייט זיך די טונקלקייט. דאָס מאָנאָטאָנע געזשום פון די רעדער שווערט ס'געמיט. עס שפּאַרן זיך צו די אויגן־לעפּלען. אייניקע פון דער חברה רופן זיך איבער, כדי נישט

צו שלאָפֿן. אָלעק הערט זיי, ווי פֿון ווייט. ער וויל דווקא שלאָפֿן. פֿאַרשלאָפֿן די צייט.

פֿאַראַן שוין שטערן אין הימל און אַ לייכט ווינטל פֿאָכעט. פֿון אַלע חברים איז אהרן דאָס מאָל דער רירעוודיקער, אימפּולסיווער. ער ווייסט שוין אויף זיכער, אַז ער פֿאַרט קיין לובלין, וועלכע איז פֿאַר אים ווי זיין געבוירן־שטאָט לובאַרטאָוו. דער צוג פֿאַרקלענערט דעם אימפּעט. די האַמולצעס שפּאַרן אין די רעדער, און אהרן, פֿריִער ווי אַנטאָן, שטייט שוין גרייט צום אויסשטייגן, אָבער אַנטאָן לאָזט אים נישט זיין דער ערשטער.

דער צוג שטעלט זיך נישט אויף דער סטאַציע, נאָר אויף אַ זייטיקער ליניע, ווייט פֿאַרוואָרפֿן, ווי עפּעס אַן אַנשיקעניש, וואָס איז נישט ווערט קיין אויפֿמערקזאַמקייט. דער אַרום איז ליידיק און דאָך וויל אַנטאָן, דער באַגלייטער, אַז די חברה זאָל זיך אויסשטעלן צו פֿיר אין אַ שורה. ער ציילט די קעפּ, צי ער האָט די עטלעכע און פֿערציק. ער האָט איצט אַ זאָרג ווי אַזוי אַריינצופֿירן אין זאַמלפּונקט סאַרענקאָן. ער קוקט אין הימל, צי די טונקלקייט קאָן זיין אַ הילף. סאַרענקאָ באַפֿרייט אים פֿון דעם עוֹל. זי ווייסט שוין, וואָס זי האָט צו טאָן, כּדי איר אהרנען נישט צו לאָזן אַליין.

אָלעק חידושט זיך אויף דעם ליידיקן אַרום. איז אפֿשר דער זאַמלפּונקט אויסער דער שטאָט? אָבער דער וועג איז געפּלאַסטערט, וואָס ווייזט דאָך אַן אויף שטאָטישקייט. ער שפּאַנט נאָך די גייענדיקע פֿאַר אים.

אַנטאָן, דער באַגלייטער, איז געניט אין די טשקאַלאָווער גאַסן, וואָס זענען אין דער צייט פֿול מיט מענטשן, פֿירט ער די מאָביליזירטע צום זאַמלפּונקט דורך זייטיקע גאַסן און וועגן. אַז אַנטאָן פֿירט אַזוי, ווייסט ער וואָס ער טוט — מוטיקט זיך אָלעק.

ביי אין ווינקל־גאַס מוז אַנטאָן שוין אַריין אין תחום, ווו ס׳איז אַ גרויסע באַוועגונג סיי פֿון פֿוסגייער און סיי פֿון אויטאָס, וואָס די גרעסטע טייל זענען מיליטערישע און פֿון דער מיליץ. דאָ גייט שוין נישט אַנטאָן דער ערשטער פֿון דער גרופּע, נאָר דער לעצטער, אָנזאָגנדיק די ערשטע אין דער שורה, אַז זיי זאָלן זיך האַלטן נאָר אויף רעכטס און נישט ענט־

פערן קיין פאַרבייגייער אויף קיין שום פראַגע. דאָס ווייזט ער אָן מיט דער האַנט אויף די ליפּן און אַלע קענען דעם רמז פון די פּלאַקאַטן וואָס הענגען אין יעדער אינסטיטוציע און אויך אין די רעסטאָראַנען.

אַנטאָן קען געגוני דעם פּלאַן פון דער שטאָט. אַפילו מיט פאַרמאַכטע אויגן קאָן ער זיך אָפּשטעלן ביים פּונקט, וווּ ער דאַרף. אויך דאָס מאָל ווייזט ער זיין באַהאַוונטקייט — נאָך פון היפּש ווייט דערזעט ער, אַז ער איז שוין ביים זאַמלפּונקט, און ער שפּרינגט צו צו דער ערשטער שורה. ער ווייזט אָן אויף דעם טויער אין אַ שטאַכעטן־צוים פון אייזן און ער שטעלט זיך אין אַ זייט ביז עס גייט אַריין דער לעצטער פון דער גרופּע. עס דאַכט זיך, אַז ער וויל בלויז זען, צי קיינער בלייבט נישט אין דרויסן, אָבער ער ציילט די קעפּ. ער טוט דאָס ווי ווייט מעגלעך, ס׳זאָל זיך נישט אָנזען, ווייל ער שעמט זיך פאַר דער חברה. זיי האָבן שוין איין מאָל געלאַכט און אויסגערופן אין רוסיש — „טאָטשנאָ!״

*

דער זאַמלפּונקט פון די מאָביליזירטע האָט נישט מער ווי איין קליינע פאַרטער־געביידע באַלד ביים אַריינגאַנג פון אַ גרויסן און ברייטן פרייען פּלאַץ, אָן אַרומגעצוימטן מיט אייזערנע שטאַכעטן, ווי פּיקעס.

די פאַרטער־געביידע האָט אַ פּראָדוקטן־שפּייכלער, ווו דער מאָבי־ליזירטער קריגט זיין צידה־לדרך, און איין זאַל מיט עטלעכע לאַנגע טישן, לעבן וועלכע ס׳זיצן צו עטלעכע אָפּיצירן ביי יעדן טיש. די אָפּיצירן פירן נישט קיין עווידענץ. זיי נעמען איבער פון די גרופּע־באַגלייטערס די רשימות, שטעמפּלען אָפּ דעם דערהאַלט און צייכענען אָן די איינהייט, אין וועלכער די גרופּע ווערט איינגעגלידערט.

ווען די גרופּע מיט אַלעקן זענען אַריין אין דעם זאַמלפּונקט, איז אויף דער ערד פון דעם גרויסן, ברייטן פּלאַץ אויסגעזעצט געווען אין אַ פּיר־פּאַכיקן עיגול אַ המון מאָביליזירטע, אַלע נאָך אין זייערע ציווילע מלבו־שים. אויך זיי זענען נאָך פאַר דער איינגלידערונג אין די איינהייטן, און זיי הערן זיך צו צו דעם רעדן פון אַ מונדירטן, וועלכער שטייט אויסערן

עיגול. דער מונדירטער רעדט וועגן די פראָנט־אָפּעראַציעס, אַז די סאָ־וויעטישע אַרמיי שפּאַנט פאָרויס און פאַרטרייבט די דייטשן, רינגלט אַרום דייטשישע דיוויזיעס און נעמט זיי אין געפאַנגענשאַפט. די סאָוויעטישע אַרמיי האָט שוין באַפרייט די שטאָט לובלין און זי שפּאַנט צו דער ווייסל.

אַלעק איז ווי באַרוישט פון די ווערטער „די אַרמיי שפּאַנט צו דער ווייסל". אָבער ער צווייפלט. ער דערמאָנט זיך ווי אין זיין נע־ונד איז אים יעדער וועג אָנגעוויזן געוואָרן ווי אַ קורצער, און ס׳האָט זיך אַרויס־געוויזן אַז קיינער קאָן נישט שאַצן דעם מרחק. אפשר איז די שטאָט לובלין נאָך ווייט פון פראָנט? אפשר פּלאָנטערט זיך אים דער נאָמען פון דער שטאָט ווייל ער איז אים היימיש? ער ווייסט נישט מיט וואָס פאַר אַן אָנווייזונג אַנטאָן קאָן קומען, וווהין ער זאָל פירן די גרופּע, און דער אָפיציר דאָ זאָגט, אַז זיי האָבן צו מאַרשירן צו דער ווייסל. וואַרט נישט אַלעק אויף אַנטאָנס קומען און ער זעצט זיך צו צו דער פערטער ריי פונעם עיגול, אָבער אהרן ציט אים אַוועק: אַנטאָן איז שוין נישט זייער באַגלייטער — זאָגט ער אים — אַן אַנדערער איז אויף זיין אָרט. זיי בלייבן נישט אין טשקאַלאָוו. אויף לובלין איז דער וועג. זיי האָבן צו נעמען צידה־לדרך.

דער איצטיקער באַגלייטער רופט זיך וואָלאָדיאַ. ער איז נידע־ריק, האָט גראָע אויגן. ער איז אויך אַן אָפיציר אָן שליפעס, בלויז דאָס היטל מיט דער ברייטער דענקע איז אָפיצירישׁ. אויך וואָלאָדיאַ וויל אָפּהיטן די גאַנצקייט פון דער גרופּע. ער וויל נישט, אַז זיי זאָלן זיך פונאַנדערגיין בעתן נעמען דעם פּאַיאָק, ער אַליין קאָן נעמען פאַר דער גרופּע. ער גייט און קומט צוריק מיט גרויסע בייטלען. ער טיילט צו פּעקלעך סוכאַרעס פון שוואַרץ ברויט, עטלעכע קלעצלעך צוקער און אַ פּאָר ווייכע הערינגלעך.

— נאָך נישטאָ קיין דירעקטער צוג קיין לובלין — דערקלערט וואָלאָ־דיאַ. ער וויזט אָבער אָן צו נעמען דעם וועג צו דער באַן.

*

אַ וואַרעם ווינטל פאָכעט. די געלע לבנה שווימט פאַרביי קליינע צויטנדיקע וואָלקנדלעך, וואָס שטייען, ווי פאַרגליווערט, אין דעם שוואַרצ־לעכן הימל.

— ווי זענען איצט אויס די הימלען דאָרט אין לובלין? — פרעגט אָלעק די שפּאַנענדיקע לעבן אים פון דער חברה אַרבעטער אין עלעוואַטאָר אין אַק־בולאַק.

קיינער פון זיי ענטפערט נישט.

— אפשר שניידן זיך נאָך אין די הימלען דאָרט פלי̇ענדיקע קוילן?

— ווענדט זיך אָלעק צו אַהרנען און זיין סאַרענקאַ, וואָס האָט אין דער טונקל פון דער נאַכט זיך צוגעשטעלט לעבן איר אַהרנען.

— ווי זיי זאָלן נישט אויסזען, וויל איך שוין זיין דאָרט — זאָגט סאַרענקאַ און איר פרויען-שטים הערט וואָלאָדיאַ.

וואָלאָדיאַ איז נישט אַנטאָן. ער ציילט נישט די קעפּ צי ס׳פעלט ווער פון דער גרופּע. ער איז זיכער, אַז קיינער וועט נישט אַראָפּ פון וועג.

און ווידער בלייבט אָלעק אויף דער רעשט נאַכט שלאָפן אין אַ כאַטע אויף דער פּאָדלאָגע, צי ער וויל יאָ, צי ער וויל נישט, ווערט ער דאָך באַלד פאַרכאַפּט אין אַ האַרטן שלאָף. אַ שווערער חלום פאַרציט אים: אַ צעהוליעטער פון שמחה, טרייבט ער פון זיך אַ כאַפּטע הענט. זיי פאַרבלענדן אים די אויגן ער זאָל נישט זען ווי ווייט ער איז שוין פון קנעכטשאַפט און ווי נאָענט ער שטייט צו אַ לייכטן עטעמען. אָט רייסט ער זיך אַוועק פון די ברייטע הענט, ער לויפט צו דער בריק, צו דער קערבעדזשער בריק, וואָס איבער דער ווייסל. די בריק איז איינגעבראָכן, און ער ציט זיך אויף אַ שינע. אָט איז ער שוין אַריבער די ווייסל, ער לויפט אין דער ריכטונג צו זלאָטע גאַס. ער זעט זיין רחל מיטן קינד. ער שפּרינגט איבער קלעצער און דרענגער — צעסמאַליעטע האָלעוועשקעס. מיט איין מאָל, ווי עס וואָלט עמעצער אים אַ וואָרף געטאָן, וועקט ער זיך איבער. ער עטעמט שווער, אַ צעשטרייטער פון שווערן חלום.

מיטן גראָען פון טאָג שטייט אָלעק אַ וואַכער, קוקט אויס די מינוט ווען וואָלאָדיאַ, דער באַגלייטער, זאָל אים נעמען אַריבערצופאָרן די גרענעץ פון ראַטן־פאַרבאַנד.

אין דרויסן איז שוין העלער טאָג און עפּעס אַ שוואַרצער לאָקאָמאָטיוו שיבט זיך אויף די שינעס, שלעפּט מיט זיך אַ וואַגאָן און אַ פּלאַטפּאָרמע. דער לאָקאָמאָטיוו — אַן אַלטע כּלי קאַטשעט זיך אויף די פּיס. דער וואַגאָן איז אויך ווי אַרויסגענומען פון אַלטוואַרג, מיט אַן איינגעבראָכענעם דאַך.

אַלעק און די גרופּע דראַפּען זיך אַריין אין וואַגאָן. אַלעק זעצט זיך אין ברעג פון אַריינגאַנג מיט די פּיס אין דרויסן. דער לאָקאָמאָטיוו סאָפּעט שווער, ציט צו דער גרענעץ. ער קוקט אין ברייטן פעלד, וואָס ווערט אים פרעמד, און ער האָט מורא, אַז דער לאָקאָמאָטיוו וועט נישט דערציִען ביז צו דער גרענעץ. עס איז זייער אַ קורצע שטרעקע, און די צייט ציט זיך ווי אַן אייביקייט.

מיט אַ מאָל שטעלט זיך דער לאָקאָמאָטיוו מיט אַ טליקע אויף צוריק. און אָט איז שוין די גרענעץ. די סטאַציע האָט נישט קיין וואָקזאַל. געווען אַ הײַזל, זענען די ווענט צעשיט און צעברעקלט. פון בילעטן-פאַרקויף-פענצטערל איז פאַראַן נאָר אַ שטיקל מאַרמאָר, אַ זכר. עטלעכע געשטאַלטן מיט פאַרריסענע פּנימער און הענט שלאָנדרעווען זיך איינגעבויגענע איבער די שינעס און קאָנטראָלירן די שרויפן ביי די שוועלן. פון צייט צו צייט קוקן זיי זיך איין אין דער גרופּע מיט וואָלאָדיאַ דעם באַגלייטער. עפּעס אַ פּחד ליגט אין זייערע אויגן. זיי וווּנדערן זיך ווען זיי זעען די גרופּע יידן: פון וועלכער וועלט קומען זיי?

אויף אַ צווייטער סטאַציע איז פאַראַן שוין אַ גרעסער געזעמל מענטשן. די שטעטל-בנינים זענען איינגעפאַלן. עס קוקן אַרויס האַלבע ווענט און קוימענס. אַ מאַרק. פּוילישע פרויען שטייען מיט קיישלעך ירקות, מיט בעקנס געבעקס, מיט פּעקלעך וועשוואַרג. אַ פרוי אָנגעטאָן אין אַ קלייד, גענייט פון טליתים, טראָגט זיך אַרום מיט צוויי קרישטאָל-וואַזעס. צוויי עלטערע פרויען שטייען מיט בילדער-פּייזאַזש-געמעלן אין ברייטע ראָמען, מסתּמא אויך פון יידישע שטובן אַרויסגעכאַפּט. זיי זענען זיך משער אַז אַ געלטווערט איז אין זייערע הענט און אַ פרייד איז אויסגעגאָסן אויף זייערע פּנימער. קיינער וועט פון זיי דאָס גוטס נישט צונעמען. די יידן זענען נישטאָ.

די וועלט זעט אויס ווי נאָך אַ מבול, און וואָלאָדיאַ רופט צו גיין.

# אין באַפרייטן לובלין

ס'איז אַ הייסער יולי־טאָג. די זון ליגט אַ צעגאָסענע מיט גינגאָלד־גלאַנץ איבערןברייטן אַספאַלט־ברוק פון דער קראָקעווער גאַס. אין דעם הוילן אַרום שוועבט עפּעס אַ פאַרטויבטקייט פון אַן איבערגעהאַקט לעבן. פון די ווינקל־גאַסן טרייסלט זיך אַ רעש, ער בלייבט פאַרקייכט אויף רגעס און קומט ווידער אויף מיט אַ שוידערלעכן רוף און ציטער פון מענטש־לעכע שלאָכצן: „ווי! ווי!... איינער בין איך! איינער... פון דער גאַנצער משפחה נאָר איך!... נאָר איך איינער!..."

אַלעק, וועלכער איז אָקערשט געברענגט געוואָרן פון סאָוויעטן־לאַנד צו דינען אין דער ניי־געשאַפענער פּוילישער אַרמיי, איז נאָך קיין מאָל אין דער שטאָט נישט געווען. ער ווייסט וועגן דער שטאָט בלויז איר געשיכטלעכן פאַרלויף: לובלינער יידיש לעבן ציט זיך נאָך פון קיניג קאַזימיר דער גרויסער. די שטאָט איז באַצייכנט געווען ווי אַן עיר ואם בישראל, די שטאָט פון „ועד ארבע ארצות". און שפּעטער איז אין דער שטאָט צעצווייגט געווען אַ נעץ פון קולטור־אינסטיטוציעס, פּאַרטייען פון רעכטס און לינקס, אַ טאָג־צייטונג, אַ וואָכנבלאַט. די שטאָט האָט זיך קונה־שם געווען מיט איר ישיבת חכמי לובלין. אין לובלין האָבן געלעבט געלערנטע, גאונישע קעפּ, פּראָפעסאָרן, דאָקטוירים, תלמידי חכמים. איצט איז די שטאָט אַן עמק הבכא, ווי אַ בת־קול הערט אַלעק: „ווי!... ווי!..."

וואָלאָדיאַ, דער באַגלייטער, איז שוין נישט מער מיט דער גרופּע. לעבן אַלעקן שטייט אַ זעלנער, אַ ייד. אויסגעאיידלט אין זיין פּנים, בלאָע אויגן האָט ער, קאַפּראַל איז זיין ראַנג, אַדאָלף — זיין נאָמען. ער האָט אים צו פירן אין סטאַציאָניר־פּונקט. ער איז שוין געווען אויפן פראָנט,

איז פאַרוווּנדעט אין פוס, אָבער ער הינקט נישט. ער ווייסט, וואָס ס׳איז געווען לובלין בעת דער דייטשישער אָקופּאַציע.

דער זעלנער אַדאָלף איילט זיך נישט אויסצופירן זיין אויפגאַבע. ער ווייסט, אַז ווען אָלעק וועט אָנטאָן דעם זעלנערישן מונדיר, וועט ער שוין אַ צייט נישט קאָנען קומען אין שטאָט. פירט ער אים אויפן מאַרקפּלאַץ, וואָס אויף דער לובאַרטאָווער גאַס, ווו פּוילישע פרויען פאַרקויפן געבייטלט ברויט, פאַרשידענע קעזן, טרוקענע און וויכע. די סוחרטעס זענען אָנגעטאָן אין קליידער פון באַטיסט און שיפאָן. עס דרייען זיך פּאָליאַקן אָנגעטאָן אין אָנצוגן פון קאַמגאַר־שטאָף. זיי פאַרקויפן איצט זילבערנע לעפל, גאָפל.

דער זעלנער הייסט אָלעקן אַריינקוקן אין די געוועלבער, ער זאָל זען, ווער ס׳זענען היינט די סוחרים אויפן אָרט פון די יידן: געוועזענע גאַסן־קערער, היצלעס, אַלעמביק־טרינקער זענען די קרעמער. אַז אַזאַ איינער דערזעט אַ ייד, צלמט ער זיך איבער צען מאָל. ער ווייסט, אַז יידן לעבן נישט, איז פון וואַנען קומט אַ ייד?

אהרן און סאַרענקאַ, די לובאַרטאָווער, וואָס לובלין איז ווי זייער געבוירן־שטאָט, האַלטן זיך קלאַמערנדיק איינער אין אַנדערן, ווי אויסצוהיטן זיך פון פאַלן און חלשן. זיי ווייסן שוין, אַז יידיש לעבן אין לובלין איז חרוב. פאַרשניטן זייערע טאַטע־מאַמע, ברודער און שוועסטער. נישטאָ קיין איינער פון זייערע משפחות.

דער זעלנער ווייסט נישט וואָס צו זאָגן אָלעקן וועגן זיינע אייגענע אין וואַרשע. ער ווייסט, אַז די וואַרשעווער יידן זענען אויף פאַרשיקט געוואָרן אין די טויטלאַגערן, אָבער ער וויל דאָס אָלעקן נישט זאָגן. אפשר דאָך האָט ווער פון אָלעקס אייגענע זיך געראַטעוועט, אפשר... אַדאָלף איז אָבער דאָך גרייט אים צו העלפן. ער ווייזט אים אָן אויף דעם געסל, וואָס אַנטקעגן דעם מאַרקפּלאַץ. אין עק פון דעם געסל, אין צווייטן הויז, איז דער לאָקאַל פון צייטווייליקן יידישן קאָמיטעט, דאָרט איז פאַראַן אַ רשימה פון ניצול־געוואָרענע יידן.

אָלעק שטאַרקט זיך צו האַלטן אויף די פיס, און ער רעדט זיך איין, אַז זיין רחל מיטן קינד לעבן, אַז זיינע שוועסטער מיט די קינדער

לעבן. אַדאָלף, דער קאַפּראַל, לאָזט אָלעקן טראַכטן. ער רייסט נישט איבער זיין שוויגן. מיט אַ האַנט־באַוועגונג ווייזט ער אים, אַז ער איז גרייט צו גיין מיט אים נאָכזען אין דער רשימה פון די ניצול־געוואָרענע יידן.

טונקעלע טרעפּ פירן אין לאָקאַל פון צייטווייליקן יידישן קאָמיטעט. אין קאָרידאָר מיט די לאַנגע פענצטער הענגט אַן אויפרוף צו די ניצול־געוואָרענע צו קומען עדות זאָגן אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע וועגן זייערע איבערלעבונגען, וועגן די מערדערייען פון די היטלער־דייטשן. ליידיק און פוסט איז דער גרויסער זאַל. אויף אַ באַריערע־אַנלען ליגט די רשימה פון די ניצול־געוואָרענע, אַ רשימה לויטן אלף־בית. אָלעק קוקט זיך איין אין יעדער שורה, ער מישט די בלעטער: נישטאָ, נישטאָ קיין איינער פון זיינע אייגענע. פאַרן לעצטן עמוד דערזעט ער דעם נאָמען פון מאַרצעלאַן. זי איז אין פּרץ־הויז, דאָ, אין לובלין! דער אָטעם איז אים ווי פאַרשטאָפּט. ער ווייזט אַדאָלפן:

— געפונען!

אַדאָלף איז איבערראַשט. ער כאַפּט אָלעקן פאַר די אַקסל:

— אַ בר־מזל — זאָגט ער. ער וואַרט אָלעק זאָל אים בעטן צו גיין מיט אים אין פּרץ־הויז. ווידער נעמט ער אים פאַר דער האַנט, ציט אים צו גיין.

אָלעקן איז נאָך דער אָטעם פאַרשפּאַרט און ער רעדט נישט.

אַדאָלף האָט וואָס צו זאָגן און רעדט:

— דאָס פּרץ־הויז האָבן די לובלינער יידן אויפגעבויט מיט אייגענע כוחות, אַ שולע פאַר די יידישע קינדער אין זייער שטאָט. האַרט פאַרן עפענען דאָס שוליאָר איז אויסגעבראָכן די מלחמה.

# דאָס פּרץ־הויז אין לובלין

אויף אַ בערגל — אַ דרײַשטאָקיק הויז, ברייטע און לאַנגע פענצ־טער. אַרום דעם הויז ליגן נאָך בוי־מאַטעריאַלן. דאָס הויז איז גרייט גע־ווען אַריינצונעמען די ליקווידירטע זיבן־קלאַסיקע פאָלקסשול, איינצו־אָרדענען אַ קינדערהיים, וועמענס עלטערן זענען פון דעם פרימאָרגן ביז אָונט ביי זייער אַרבעט. אין דעם הויז איז געווען אַ טעאַטער־זאַל, אַ זאַל פאַר ספּאָרטלער, אַ זאַל פאַר אַ גרויסער ביבליאָטעק. ס'איז אויך אויסגע־טיילט אַ זאַל פאַר אַן אָרקעסטער און כאָר. אין די אַלע זאַלן און צימערן זענען איצט איינקוואַרטירט די ניצול־געוואָרענע פון אומקום. די זיך גע־ראַטעוועטע יידישע פרויען, מיידלעך און יונגע־לייט. דאָס הויז איז איצט די היים פאַר בלאָנקענדיקע אָן אַ היינט און אָן אַ מאָרגן. אין יעדן צימער ליגן מענטשן אויסגעשעפּטע, דערשלאָגענע פון גורל. זיי זיצן, ווי רע־קאָנוואַלעסצענטן, מיט בלייכע פּנימער און געריינצלטע הויטן, און קוקן מיט צעעפנטע אויגן סתם, פאַרחידושט, נישט פעיִק צו אָריענטאַציע אין זייער עקסיסטענץ. עס דרייען זיך אַרום צוריקגעקומענע פון די וועלדער, פון די סטאַדאָלעס, פון די היילן. עס דרייען זיך אויך אַרום מענטשן אין קאָלירטע פאַסן־רעקלעך פון די טויטן־לאַגערן. אויגן קוקן זיך אין אויגן, איינער וויל דערקענען דעם אַנדערן, אָבער די פּנימער זענען זיך פרעמד. איינער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ מחמת ווייטיק, אַ צווייטער באַהאַלט דאָס פּנים אין די הענט פון אומבאַהאָלפנקייט.

איז דאָס אַ וועלט צום לעבן?...

אין אַ צימער מיט איין פענצטער — אַכט געלעגערס: פיר אויף איין וואַנט. נישט קיין בעטן, נאָר קאַסטן און פיס אָנטקעגן פיס: אין אויבנאָן

שטייט עפּעס ענלעכעס צו אַ בענקל און ס׳ליגט דערויף אַ קלייד, ווייזט אויס צו אַפּהיטן פון צעקנייטשט ווערן. פון דעם געלעגער דערנעבן קוקט אַרויס אַ בלאָנדהאָריקער קאָפּ. די גרינע אויגן לייכטן ווי מיט פּאָספּאָר, אָבער נישט דער טיפער קנייטש אין דער קין, און נישט די שמאָלע, קליינע נאָז — זי איז נישט מאַרצעלאַ.

*

צו די ראש־השנה־טעג האָבן די יידישע זעלנער געקריגן דערלויבעניש צו גיין אין שולן. דאָס מאָל איז דאָס פּרץ־הויז געווען די שול. אַלעק איז אַוועק גאַנץ פרי, און זיך געשטעלט פאַרן אַריינגאַנג. ער האָט געקוקט אין פּנים יעדן אַריינגייער אין זאַל פון די מתפּללים, אפשר וועט ער דערקענען אַ קרוב, אַ היימישן. אפשר וועט ער אים דערקענען. מיט אַ גרופּע זעלנער קומט אָן לעאָן קרויטמאַן. ער פאַלט צו צו אַלעקן, כאַפּט אים אַרום, קושט אים. אין זעלנערישן אוניפאָרם איז לעאָן, ווי אויסגעוואַקסן אין דער הויך. ער האָט אויסגעזען אַ שטאַרקער מאַנצפּאַרשוין. נישט דער לעאָן מיט די איינגעפאַלענע באַקן און אויסגעשטויסענער קין, אָבער יאָ מיט די אַש־קאָליר־אויגן. לעאָן ווייסט נישט וואָס צו זאָגן וועגן באַלעקן, זיין ברודער. ער האָפט, אַז ער וועט קומען. ער גייט נישט אַריין אין זאַל צו די מתפּללים. ער דערוואַרט מאַרצעלאַן. אויך זי איז אַ זעלנערקע, פּריוויליק זיך אַנגעשלאָסן צו דינסט. זי אַרבעט אין אַ ביוראָ.

מאַרצעלאַ קומט איינע אַליין. זי דערזעט אַלעקן, כאַפּט זי אים אַרום און האַלט זיך אין אים. אויס גרויסער איבעררעשונג שווייגט זי. זי קוקט זיך איין אין אַלעקן. אירע אויגן רעדן. זי האָט אַ סך אים צו זאָגן, אָבער זי וואַרט. אַלעק קוקט זיך איין אין איר. אין מיליטערישן אוניפאָרם איז זי צוריק די עלעגאַנטקע, אָבער אויף איר איידל פּנים איז איצט פאַרקלעמט אַ צער. אין אירע גרינע אויגן ליגט אַן אומעט. זי ווייסט, אַז אַלעק וועט אין וואַרשע נישט טרעפן קיינעם פון זיינע אייגענע, אָבער זי זאָגט עס נישט. שנעל באַהערשט זי זיך און נעמט רעדן. זי דערציילט אים וועגן זיך: אין סאָווכאָז איז דאַן אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז וואַניאַ איז געפאַלן.

לעאָן האָט געזאָגט, אַז ער פאַרלאָזט דעם סאָווכאָז, האָט זי געזאָגט, אַז זי גייט מיט אים.

מאַרצעלאַן הייבט זיך די ברוסט פון שנעלן אָטעמען. זי דערציילט אים, אַז דער איינזאַמער לעאָן איז ווי אַ קינד. זי איז אים דער איינציקער אָנהאַלט.

אָלעקן ווילט זיך שרייען, אָבער ער באַהערשט זיך. יאָ — זאָגט ער — איך בין איינער אַליין, אָבער איך קאָן דאָ נישט לעבן. איך האָב אַ ברודער אין תל־אביב. דאָס איז דער איינציקער אָנהאַלט פאַר מיר.